YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv21i06

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 21 Issue 6
June 1939

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 21, Iss. 6)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

ustice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/660

אונזערע לאָקאַלס פייערן דעם ערשטען מאַי

דרעסמאַכער, פרעסער, לינדזשערי ארבייטער און ניט־גודס ארבייטער ביי קאָנצערט און פאַרזאַמלונג.

די דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאל 22, דרעס פרעסערס יוניאן לאָקאל 60, לינזשערי ארבייטער יוניאָן לאָקאל 62, איטאַליענישער דרעסמאַכער לאָקאל 89 און די ניט־גודס אַרבייטער יוניאָן לאָקאל 155 וועלען דאָס יאָר פייערן דעם ערשטען מאַי צוזאַמען ביי אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג און רייכען קאָנצערט אין היפּאָדראָם.

די פייערונג וועט דורכגעפירט ווערען מאָנטאג, דעם ערשטען מאַי, 1 אזייגער נאָכמיטאג.

די אלע לאָקאלען פאָדערען אויף זייערע מיטגלידער ניט צו ארבייטען דעם ערשטען מאַי און קומען צום מאסמיטינג און קאָנצערט אין היפּאָדראָם.

עס וועט דורכגעפירט ווערען א רייכע מוזיקאלישע פראָגראם, אין וועלכער עס וועלען זיך באַטייליגען באַרימטע אַרטיסטען פון דער אָפּערא און מאָווי סטאָרס. פירער פון דער יוניאן וועלען ריידען וועגען דער באַדייטונג פון ערשטען מאַי פאר די ארבייטער.

קלאָוק פרעסערס אַראַנזשירען מאַי־פייערונג אין מאַנהעטען סענטער

די קלאָוק פרעסערס יוניאן לאָקאל 35 אַראַנזשירט פאַר די מיטגלידער א מאַי־פייערונג, ביי א קאָנצערט און טאַנץ אין מאַנהעטען סענטער, 34טע סטריט און 8טע עווענױ.

די פייערונג וועט פאַרקומען מאָנטאג נאָכמיטאג, און וועט זיין גלייכצייטיק א פייערונג פון אינטערנאַציאָנאלען ארבייטער יום־טוב, און דער אָפּיציעלער שלוס פון דעם בילדונגס סעזאָן פון לאָקאל. עס ווערט איינגעאָרדענט א פרייער בופעט פאר די מיטגלידער.

קלאָוק אָפּערייטאָרס און פינישערס אויפגעפאָדערט צו סטאָפּען פון דער אַרבעט

די קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאן לאָקאל 117 און די קלאָוק פינישערס יוניאן לאָקאל 9 האָבען באַשלאָסען אויפצופאָדערען די מיטגלידער צו סטאָפּען פון דער אַרבייט. זיי האָבען אָבער געלאָזען פאר די מיטגלידער אליין אויסצואוועלען אין וועלכער פייערונג זיך צו באַטייליגען. עס ווערט ערוואַרטעט אז גרויסע צאָלען פון זיי וועלען קומען אין היפּאָדראָם.

לאָקאל 117 האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגענדען אויפרוף צו די מיטגלידער:

קלאָוק אָפּערייטאָרס, מיטגלידער פון לאָקאל 117 פון דער אינטערנעשאָנאל, אויף צום ערשטען מאַי!

דעם היינטיגען ערשטען מאַי באַגעגענען מיר א שטאַרקען אַנגריף פון די פאַשיסטישע כחות אויף אַלע אונזערע פראָנטען. אונזערע אַרבייטער באַטאַליאָנען זיינען געשלאָגען געוואָרען אויף פאַרשידענע פונקטען אין פאַרשידענע וועלט־טיילען.

מיר קענען פאַרלירען איינציגע שלאַכטען אָבער דער אויסגאַנג און ענטגילטיגער זיג פון דער מלחמה פון דעם אַלוועלטליכען אַרבייטער קלאַס געגען די נאַציש־פאַשיסטישע בעסטיעס וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אין אַלע לענדער, וועט און מוז געהערען צום אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט.

מיר, זייענדיג אַ טייל פון דעם אַרבייטער קלאַס, רופען אונזערע מיטגלידער, די אָפּערייטאָרס פון לאָקאל 117, צו וואַרפען די אַרבייט דעם טאָג פון ערשטען מאַי, און זיך אַקטיוו באַטייליגען אין די אַלע פייערונגען וואָס ווערען פאַראַנשטאַלטעט און דורכגעפיהרט פון די פאַרשידענע טיילען פון דער אַרבייטער באַוועגונג.

לאַנג לעבען זאָל דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם!

לאַנג לעבען זאָל דער אַרבייטער יום טוב, דער ערשטער מאַי!

לאַנג לעבען זאָל די אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן!

עקזעקוטיוו באָארד לאָק. 117 א. ל. ג. וו. י.
ה. צוקערמאַן, עקטינג מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6868

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 5. May, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

די „באַנדעל בריגאַדע" פון דער לינדזשערי אַרבייטער יוניאָן

שרעקט זיך ניט.די „באַנדעל בריגאַדע" פון לאָקאל 62, איז ניט קיין מיליטערישע בריגאַדע וואָס פירט מלחמה מיט באַנדעלס אָנשטאָט באָמבעס. עס איז אַ לעבעדיגע גרופּע יונגוואַרג, מיידלעך און בחורים, אײבערהויפּט מיידלעך; מיטגלידער פון דער לינזשערי און נעגליזשי אַרבייטער יוניאָן לאָקאל 62 וועלכע שפּילט טעאַטער. און דער עיקר איז, וואָס ניט נאָר אַמוזירען זיי מיט זייער שפּילען דעם עולם, נאָר זיי אַמוזירען זיך אַליין אויך און האָבען שיינט אמת הנאה פון זייער געלונגענער אונטערנעמונג.

די ערשטע פאָרשטעלונג זייערע האָבען זיי געגעבען שבת, דעם 1טען אַפּריל מיטן נאָכט. די פאָרשטעלונג איז געגעבען געוואָרען לכבוד די טשעירלעידיס פון טרעיד. די פאָרשטערלונג האָט אַזוי אויסגענומען, אַז זיי האָבען דעם נעכסטען שבת, דעם 7טען אַפּריל, געגעבען אַ צווייטע פאָרשטעלונג.

„מודס ענד מעלאָדיעס" די שפּיל וואָס די גרופּע האָט געגעבען, איז אַ מין קליינע אויפלאַגע פון „פּינס און נידעלס" און די וואָס האָבען געגלויבט אַז מיט די מיטגלידער וועלכע שפּילען אין לעיבאָר סטעידזש איז שוין אויסגעשעפּט געוואָרען אונזערע טאַלאַנטען, האָבען ביי דער פאָרשטעלונג אויסגעפונען אַז מיר האָבען נאָך פיל מעהר טאַלאַנטען אין די רייען פון אונזערע מיטגלידער. ווען מען דערמאָנט זיך נאָך אַז די גאַנצע פאָרשטעלונג איז צוגעגרייט געוואָרען אין משך פון א גאַנץ קורצער צייט און אַז אַלע שפּילער זיינען אַמאַטאָרען וואָס האָבען מסתמא פריהער קיין מאָהל ניט געזען די בינע הינטער די קוליסען, איז עס זיכער אַ גרויסע דערגרייכונג.

מענעדזשער סעמיועל שאָר, וואָס האָט די גאַנצע זאַך פאַרטראַכט און אָרגאַניזירט און די שפּילער זיינען באַלוינט געוואָרען פון די צושויער מיט דונערענדע אַפּלאָדיסמענטען און בלומען. דער עולם האָט זיך איינפאַך געקאָטשעט פון געלעכטער אין עטליכע סצענעס. דער שענסטער נומער איז געווען „די נייע גלח'טע", אַ סצענקע פון נעגער־לעבען וואָס איז געווען זעלטען שיין סצענירט און טאַלאַנטפול דורכגעפירט.

דירעקטאָר פון דער שפּיל איז געווען מאַרק שווייד. די מוזיק איז פאַרפאַסט געוואָרען פון פאָול באַראָן און די לידלאַך פון אב. טאָוויס. סטיידזש מענעדזשער איז געווען עדוואַרד געלער, די כאָרעאָגראַפיע האָט אַראַנזשירט דזשערי ראָבינס און פעני שאַפּירא האָט באַזאָרגט די גאַרדעראָבעס און אַנדערע אויסשטאָטונגען.

עטליכע און דרייסיג מענשען האָבען זיך באַטייליגט אין דער אויפפירונג און אַלע, מיטגלידער פון לאָקאל 62. עס זיינען געשטעלט געוואָרען אַכט נומערען, פילע פון זיי שטיפעריען פון שאָפּ לעבען. עס איז געווען אַ זעהר געלונגענע פאָרשטעלונג.

אין דער יוניאָן אין פילאַדעלפיע

פון ס. דייווידסאָן.
סעקרעטאַר קלאָוק דזשאָינט באָארד

דער ספּרינג סעזאָן ביי אונז איז שוין פאַריבער. אין די שעפּער נעהמט מען זיך שוין צו ווייסע און אַנדערע סאָרטען זומער אַרבייט. די יוניאָן נעהמט זיך שוין מאַכען צייטווייליגע ריאַדזשאַסטמענטס פאַר דער סאָרט אַרבייט פאַר נאָך פּסח. מיר זיינען אָבער אויף דער וואַך צו זעהן אַז אַלץ וואָס באַלאַנגט צום קלאָוקטרעיד זאָל אויפגעמאַכט ווערען פון קלאָוקמאַכער אין אונזערע שעפּער. מיר ווייסען שוין פון ערפאַהרונג אַז ווען אַ וויכטיגער קלאַס אַרבייט פאַרשווינדט פון אונזערע שעפּער איז עס זעהר שוועהר צוריק צו ברייגנען ווי צוםביישפּיל, די מעניש סוטס און ענליכע באַקליידונגס אַרטיקלען. קאַפּיטאַל זוכט אַלע מאָהל מיטלען און וועגען ווי אַזוי צו געווינען עפּעס פאַר זיך דורך מעטאָדען פון האַלז־שניידענדער קאָנקורענץ און זוכט זיך אַרויסצודרעהען פון יוניאָן קאָנטראָל אַפילו ווען דאָס זאָל רואינירען די גאַנצע אינדוסטרי. די יוניאָן איז דעריבער אויף דער וואַך.

דינער לכבוד צוויי אַקטיווע יוניאָן לייט

שבת, דעם 15טען אַפּריל איז ה. קאַפּלאַן, טשערמאַן און ב. איסראַעל, סעקרעטאַר פון קלאָוק פרעסער לאָקאל 71, געערט געוואָרען מיט אַ „טעסטימאָניאַל דינער", פאַר זייער גוטער אַרבייט אין פרעסער לאָקאל, פאַר די לעצטע 15 יאָהר. דער באַנקעט איז געגעבען געוואָרען אין קאָמאָדאָר האָטעל. איבער 350 מענטשען, פריינד און געסט פון די צוויי יובילאַרען זיינען געלאָדען געוואָרען. אַלע זיינען געווען אין אַ יום טובדיגער שטימונג.

טאָאַסטמאַסטער פון אָווענט איז געווען אונזער וויס־פּרעזידענט און סופּערווייזער רוש. רובין. ער האָט אין קורצען געשילדערט די טעטיגקייט פון קאַפּלאַן און איסראַעל אין דער יוניאָן און אויסגעדריקט די האָפענונג אַז זיי וועלען פאָרטזעצען זייער גוטע אַרבייט אין דער יוניאָן. ס. דייווידסאָן, סעקרעטאַר פון דזשאָינט באָארד האָט באַגריסט די יובילאַרען אין נאָמען פון אַלע אינזערע לאָקאַלען: קלאָוקמאַכער, קאַטערס, פיניזשערס, פרעסערס, לעידיס טעילאָרס און ספּאָרט ווער. ער האָט אָנגעוויזען אַז דאָס איז צום ערשטען מאָהל וואָס איינפאַכע מעמבערס, ניט באַצאָהלטע באַאַמטע ווערען געעהרט. געוויס האָבען זיי דאָס פאַרדינט. די אַנדערע רעדנער זיינען געווען: ב. קאַרפּ, מענעדזשער פון סאַוט דזשוירזי; ס. אָטטאָ, מענעדזשער פון פילאַדעלפיער דרעסמאַכער; ה. בערגער, מענעדזשער פון פילאַדעלפיער „פאָרווערטס" און מ. דאַמסקי.

די יובילאַרען האָבען באַדאַנקט אַלעמען פאַר'ן כבוד.

די יובילאַרען האָבען געקראָגען שעהנע פּרעזענטען פון דער דזשאָינט באָארד, פון וויס־פּרעזידענט רובין, מענעדזשער ל. בולקין, שוועסטער ס. רינבערג, פון פרעסער לאָקאל 71 און פון די פרעסער פון עדעלסאָן שאָפּ און מאָדערן שאָפּ. בלומען זיינען געשיקט געוואָרען פון דער קלאָוקמאַכער עקזעקוטיווע לאָקאל 2, און פון עדעלסאָן און מאָדערן שעפּער.

קרעדיט פאַר דעם שיינעם אָווענט קומט דעם טשערמאַן פון דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע, פריינד ל. בולקין, מענעדזשער פון דער יוניאָן און קאָמיטע: דזש. בורמעק, ס. דובין, שעכטמאַן, זאַלץ, שענקין און די גאַנצע פרעסער עקזעקוטיווע.

מעמאָריאַל מיטינג פאַר ווײנבערג און יאַנאָווסקי

זונטאַג, דעם 16טען אַפּריל, איז אין לעיבאָר סענטער אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מעמאָריאַל מיטינג נאָך אונזערע ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענע גענאָסען חיים ווײנבערג און שאול יאַנאָווסקי, וועלכע זיינען געווען געליבט און געאַכטעט פון אונזערע קלאָוקמאַכער ווי פון אַלע אידישע אַרבייטער.

דעם מיטינג האָט דערעפנעט אַלעקסאַנדער בראַון פון דער ראַדיקאַל לייבערערי ברענטש 273 אַרבייטער־רינג. מיט רעדעס זיינען אַרויסגעטראָטען ב. שערמאַן פון דער בעקער יוניאָן און מעקס אַמדור פאַר דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. גענאָסע רודאָלף ראָקער האָט געגעבען אַן אָפּשאַצונג איבער דער טעטיגקייט און דערגרייכונגען פון די צוויי גרויסע פאַרשטאָרבענע אין דעם קאַמף פון דער אַרבייטער באַוועגונג פאַר פרייהייט און גלייכהייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 6. | Jersey City, N. J., June, 1939 | Price 10 Cents

וועגען דעם מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע.

פון די אַלע באַריכטען, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען אויף דעם מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנעל אין אַטלאַנטיק סיטי, איז עס ווידער א מאָל פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די צייט איז א שלעכטע און די מייסטע טריידס, וואס ווערען קאָנטראָלירט פון דער אינטערנעשאַנעל, ליידען פון ארבייטסלאָזיגקייט, איז דאָך די יוניאָן אומעטום אין א גוטען צושטאַנד און די מיטגלידער ווייזען אַרויס צו איר אַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט און איבערגעבענהייט.

די מייסטע באַריכטען זיינען געווען, וואָס איז שייך צו דער אינדוסטריעלער לאַגע, גאָר ניט קיין פרעהליכע. די ווערטער א „שלעכטער סעזאָן" האָבען זיך געהערט גאַנץ אָפט אין אַ גרויסען טייל פון די באַריכטען, אָבער יעדער באַריכט האָט דערביי אויך דערציילט, אז די „אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין א גוטען צושטאַנד".

אז די אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין א גוטען צושטאַנד האָט דעם בעסטען באַוויז געגעבען דער פינאַנציעלער באַריכט, וואָס פּרעזידענט דובינסקי האָט פאַרגעלייגט און אַנאַליזירט. דער באַריכט ווייזט, אז די איינגאָמען פון דער יוניאָן האָבען זיך פאַרגרעסערט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָט צוליב דער עקזיסטירענדיגער אַרבייטסלאָזיגקייט, געליטען א פאַרלוסט אין מיטגלידער. דאָס איז דערפאַר, וואָס די אָרגאַניזאַציע איז אין אַ גוטען צושטאַנד און די מיטגלידער, וואָס באַלאַנגען צו איר, שטרענגען זיך אָן צו צאָלען זייערע דיוס און צו זיין גוטשטייענד. זיי ווייסען, אז ניט בלויז ד אַ ר פ ע ן זיי באַלאַנגען צו דער יוניאָן, נאָר אז עס ל ו י נ ט זיך אויך צו באַלאַנגען צו דער יוניאָן. די מיטגלידער באַטראַכטען די יוניאָן ניט בלויז אלס אַ קאַמף אָרגאַניזאַציע, וואָס באַמיט זיך צו געווינען פאַר זיי בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען און צו באַשיצען זייערע אינטערעסען אין שאָפּ, נאָר זיי זעהען אין איר אויך אַן אַלגעמיינע הילפס־און אויפקלערונגס אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער זייער גאַנצער לעבען איז פאַרבונדען. די יוניאָן צאָלט אויס פאַרשידענע בענעפיטס; די יוניאָן העלפט אַרויס אין א דרינגענדער נויט; די יוניאָן אָרגאַניזירט געזונדהייטס־צענטערס, וואָס באַזאָרגען מיט מעדיצינישער הילף; די יוניאָן גיט בילדונג, אויפקלערונג, פאַרווילונגען, אונטערהאַלטונגען א. אַז. וו. צו אַזאַ יוניאָן ל ו י נ ט זיך צו באַלאַנגען און צו אַזאַ יוניאָן איז עס נאַטירליך צו ווערען צוגעבונדען.

די עדיוקיישאַנעל אַרבייט איז אונטערגעשטראָכען געוואָרען אין אַלע באַריכטען. זי איז געוואָרען א וויכטיגער אָרגאַנישער טייל פון דער יוניאָן איבער'ן גאַנצען לאַנד, און די יוניאָן האָט דערפון זייער פיל פּראָפיטירט. די עדיוקיישאַנעל אַרבייט האָט פיל מיטגעהאָלפען צו מאַכען די יוניאָן, וואָס זי איז, און אויפצוהאַלטען איר גאַנצקייט, איר שטאַרקייט און די איבערגעבענהייט פון די מיטגלידער צו איר. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אז דער גרעסטער טייל פון דער אינטערנעשאַנעל היינט באַשטייט פון נייע מיטגלידער. דאָס זיינען די „נ. ר. עי. ביביס", ווי מען פלעגט זיי רופען. א גאַנץ באַדייטענדע צאָל זיינען נאָך גאַנץ נייע רעקרוטען, „גרינע" ווי מען קען עס אָנרופען. די עדיוקיישאַנעל אַרבייט האָט זייער פיל מיטגעהאָלפען זיי צו מאַכען אין אַזא קורצער צייט פאַר גוטע יוניאָן מיטגלידער.

פון די באַריכטען זעט זיך אויך, אז די יוניאָן האָט אין דער לעצטער צייט זיך אָפּגעגעבען מער מיט באַפעסטיגען און קאָנסאָלידירען דאָס וואָס זי האָט, איידער צו מאַכען נייע געווינסען. עס איז, אמת, אויך געטאָן געוואָרען א סך אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט אין דער לעצטער צייט. די איז געטאָן געוואָרען ניט בלויז אין דער קאָטען דרעס אינדוסטריע, וואָס גרויסע טיילען פון איר זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט, נאָר אויך אין די אַנדערע טריידס און אויך אפילו אין די אַלטע איינגעפונדעוועטע יוניאָן צענטרען פון דער אינטערנעשאַנעל. אָבער די אַרבייט איז געווען א מער פּאַרזיכטיגע, א מער איינגעהאַלטענע. מען האָט פאַרמידען אונטערצונעמען גרויסע קאַמפּען, וואו די שאַנסען צו געווינען זיינען געווען צווייפעלהאַפטע, אויסער דאָרטען, וואו עס איז געווען דורכאויס נויטיג און האָט ניט געזאָלט אָפּגעלייגט ווערען.

אלס א צייכען פון שטאַרקייט פון דער יוניאָן קען באַצייכענט ווערען דער פאַקט, וואָס אין די מייסטע פאַלען וואו אַן אַגרימענט מיט די באַלעבאָטים האָט געדאַרפט באַנייט ווערען, איז דאָס דורכגעפירט געוואָרען אויף א פרידליכען אופן און אין מערערע פאַלען מיט באַדייטענדע געווינסען פאַר די אַרבייטער. די באַלעבאָטים ווייסען, אז די אינטערנעשאַנעל איז אַ גרויסע, שטאַרקע און קאַמפּספעהיגע אָרגאַניזאַציע, און אַז עס לוינט זיך ניט מיט איר צו פאַרפירען א מלחמה. און די באַלעבאָטים ווייסען אויך, אז אן אַגרימענט מיט דער אינטערנעשאַנעל האָט דעם גרויסען ווערט, וואָס פאַרזיכערט דעם נאָרמאַלען און פרידליכען גאַנג פון דער אינדוסטריע.

א באַזונדער צייכען צום גוטען פאַר דער יוניאָן און א גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אירע מיטגלידער זיינען די זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע, וואָס ווערען דערמאָנט אין די באַריכטען. עס ווייזט ניט בלויז די דיסציפּלין פון דער יוניאָן, וואָס די מיטגלידער האָבען געפאָלגט איר רוף צו מאַכען זאַמלונגען, נאָר עס ווייזט ניט ווייניגער די פרייגעביגקייט פון אונזערע מיטגלידער און זייער געפיל צו העלפען די וואָס ליידען און נויטיגען זיך אין זייער הילף. ווייסען מיר דאָך, ווי שווער עס איז פאַר די מיטגלידער פון דער יוניאָן אין דער איצטיגער געדריקטער צייט אָפּצוגעבען די פאַרדינסטען פון א טאָג אָדער פון א האַלבען טאָג אַרבייט. א סך פון זיי האָבען אין דעם לעצטען האַלב יאָר געהאַט ווייניג טעג אַרבייט פאַר זיך. אויף זיי קען מען ווירקליך זאָגען, אז זיי האָבען זיך געטיילט מיט דעם ביסען פון מויל. די אינטערנעשאַנעל האָט אַ רעכט שטאָלץ צו זיין מיט אַזעלכע מיטגלידער.

די באַריכטען ווייזען אָבער אויך אָן אויף אונאַנגענעמע ערשיינונגען און צווישען זיי זיינען מער ווי אַלע אַנדערע צו באַדויערען די רייבונגען צווישען דער אינטערנעשאַנעל און דער אַמאַלגאַמייטעד וועגען יוריסדיקציע פראַגען, אָדער, ווי מען דריקט עס אויס דורך דעם וואָרט „אָווערלעפּינג". אָבער וועגען דעם וועלען מיר זיך אָפּשטעלען באַזונדער.

∴

די אינטערנעשאַנעל און די אַמאַלגאַמייטעד

מיר באַדויערען וואָס מיר דאַרפען אַנרירען די אַנגעווייטיגטע וואונד פון „אָווערלעפּינג", וואָס די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן האָט געשאַפען. די אינטערנעשאַנעל איז ניט געוואוינט זיך אַרומצוקריגען מיט אַנדערע יוניאַנס וועגען יוריסדיקציע פראַגען. זי האָט קיין מאָל ניט געזוכט צו שטעלען אונטער איר קאָנטראָל אַזעלכע טריידס, וואָס באַלאַנגען ניט צו איר, אָדער פאַרנעמען אַרבייט וואָס באַלאַנגט צו דער יוריסדיקציע פון אַנדערע יוניאַנס. די אינטערנעשאַנעל האָט אויך ביז די לעצטע יאָרען געהאַט ווייניג פאַלען, ווען זי האָט זיך געדאַרפט באַקלאַגען אויף אַנדערע יוניאַנס, אז זיי זוכען צו פאַרנעמען ביי איר דאָס וואָס באַלאַנגט ניט צו זיי. די באַציאונגען פון דער אינטערנעשאַנעל מיט די אַנדערע יוניאַנס פון דער נאָדעל אינדוסטריע זיינען דעריבער אַלע מאָל געווען דורכאויס פריינדליכע. ליידער האָט די אַמאַלגאַמייטעד אין דער לעצטער צייט זיך פאַרנומען אין איר יוניאָן טעטיגקייט אויף דעם וועג פון „אימפּעריאַליזם", ווי מיר וואָלטען עס אָנרופען, און זי האָט די אינטערנעשאַנעל אויסגעקליבען פאַר איינע פון די טעריטאָריעס, וואו זי זוכט זיך אויסצושפּרייטען.

נאָר מיר וועלען דאָ בעסער לאָזען רעדען די ערקלערונג וואָס עס האָט אַרויס געגעבען די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנעל אויף איר מיטינג אין אַטלאַנטיק סיטי, וועגען אָט דער אנגעלעגענהייט. אין איר ווערט געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„מיר האָבען געקראָגען א גרויסע צאָל קלאָגען פון פאַרשידענע לאָקאַלס און פון דזשאָינט באָארדס סיי אין ניו יאָרק און סיי אין אַנדערע שטעט, נעמליך פון דעם ניט־גודס אַרבייטער לאָקאַל 155; טשילדרענס דרעס און בעטהראָוב אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 91; דעפּאַרטמענט סטאָר אַלטעריישאָן טיילאָרס און דרעסמייקערס יוניאָן לאָקאַל 38; בלאָוז און ווייסטמאַכער יוניאָן לאָקאַל 25; די סנאָו סוט אָפּטיילונג פון דער ניו יאָרק קלאָוק דזשאָינט באָארד; פון די קלאָוק דזשאָינט באָארדס פון ניו יאָרק און מאָנטרעאַל, קענעדע; פון דער פילאַדעלפיער דרעס דזשאָינט באָארד; פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון וויניפּעג; פון דעם קאָטען גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט פון פּענסילווייניא און מאַסאַטשוזעטס און פון פילע אַנדערע פּלעצער. אַלע די קלאָגען באַהויפּטען, אז די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און זייערע באַאַמטע פאַרלעצען די רעכטען פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, קאָנקורירען מיט אונזערע לאָקאַלען און זוכען צו פאַרנעמען שאַפּער פון אונזערע טריידס דורך אָנבאָטען די בעלי בתים נידעריגערע אַרבייטס־באַדינגונגען ווי די וואָס זיינען איינגעשטעלט אין אונזערע אַגרימענטס. די קלאָגען לויטען, אז די אַמאַלגאַמייטעד באַאַמטע זוכען צו סעטלען שאַפּער אָן מינימום וויידזש סקיילס פאַר די אַרבייטער ווי דאָס איז איינגעפירט אין אונזערע שאַפּער און ערלויבען לענגערע אַרבייטס־שטונדען ווי מיר האָבען עטאַבלירט. אין איינינע פאַלען באַטען זיי אָן א פערציג שטונדיגע אַרבייטס־וואָך אַנשטאָט די 35 און 37 שטונדען וואָך וואָס מיר האָבען איינגעשטעלט.

„די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאַנאַל באַדויערט זייער אָט די סיטואַציע און באַטראַכט עס מיט פולען ערנסט. דורך די לעצטע עטליכע מאָנאַטען איז אָט די אומאַנגענעמע אַנגעלעגענהייט אפילו דערגאַנגען ביז צוויי געריכט־פּראָצעסען, און כאָטש אונזער יוניאָן האָט אין ביידע פאַלען די קייסעס געוואונען אין געריכט, באַטראַכטען מיר אָבער אַזוינע פּאַסירונגען אלס באַדויערנסווערטע און אומווירדיג פאַר ביידע אָרגאַניזאַציעס.

„מיר ווילען באַטאָנען, אז די פראַגע פון יוריסדיקציע איז דאָ ניט די וויכטיגסטע. דאָס שעדליכסטע אין אַזוינע האַנדלונגען איז דאָס וואָס עס גראָבט אונטער די אַרבייטס־סטאַנדאַרדס אין אונזערע טריידס און ברענגט אַריין כאַאָס און הפקרות אין דער גאַנצער אינדוסטריע.

„ווען מיר האָבען מיט אַ קורצער צייט צוריק געלייענט אין דער פּרעסע אַן עפענטליכען סטייטמענט פון דער גענ. עקזעקו באָארד פון דער אַמאַלגאַמייטעד, אַז זיי ווינשען אָנצוהאַלטען „פריינדליכע באַציהונגען מיט אַלע זייערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין די נאָדעל טריידס", האָט עס אונז באמת געפרייט. אונזער יוניאָן וויל זיכער אָנהאַלטען ברידערליכע באַציהונגען מיט דער אַמאַלגאַמייטעד. מיר באַטראַכטען אָבער אַלס אונזער ערשטע און וויכטיגסטע פליכט צו באַשיצען די אַרבייטס באַדינגונגען און סטאַנדאַרדס וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט געוואונען פאַר אירע מיטגלידער אין די אינדוסטריען וואָס זיינען אונטער אונזער יוריסדיקציע דורך יאָרען־לאַנגע באַמיהונגען און קאַמפען.

„די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט דעריבער

באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיטע מיט פולמאַכט, ערש־טענס, פאָלשטענדיג אונטערצוזוכען די פּראָבלעם און די אַלע קלאַגען; צווייטענס, אויפ'ן גרונט פון דער אונ־טערזוכונג פאָרמולירען אַן אַלגעמיינע פּאָליסי און פאַר־עפענטליכען עס פאַר אונזערע מיטגלידער און דער אַל־געמיינער אַרבייטער באַוועגונג, און דריטענס, די קאָ־מיטע זאָל דאַן נעמען אַלע נויטיגע שריט צו באַשיצען די אַרבייטס שטונדען, ווידזש סקיילס און אַלע אַנדערע סטאַנדאַרדס וואָס אונזער יוניאַן האָט ערוואָרבען אין אונזערע שעפּער געגען אירגענד וועלכע אומבאַרעכטיג־טע אַריינדרינגונגען דורך קאָנצעסיעס צו בעלי בתים און אַנדערע פאַרזוכען צו קאָנקורירען אין אונזערע אָר־גאַניזירטע טריידס".

אַלס מיטגלידער פון דער ספּעציעלער קאָמיטע זיי־נען באַשטימט געוואָרען די פאָלגענדע וויס פּרעזידענ־טען פון דער אינטערנעשאָנאַל: לואידזשי אַנטאָניני, י. ברעסלאָוו, איזידאָר נאַגלער, טשאַרלס זימערמאַן, הערי גרינבערג און טשאַרלס קריינדלער פון ניו יאָרק און מאָריס ביאַליס פון שיקאַגאָ.

מיר ווילען האָפען, אַז דער גענעראַל אָפיס פון דער אַמאַלגאַמייטעד וועט נעמען אין באַטראַכט די ערקלערונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאַל און וועט זאָרגען דערפאַר, אַז דער וואונש וואָס איז פון אים אויסגעדריקט געוואָרען אַנצוהאַלטען פריינדליכע באַ־ציאונגען מיט די שוועסטער אָרגאַניזאַציעס פון דעם נאָדעל טרייד זאָל פאַרווירקליכט ווערען.

⁂

אונזער יוניטי הויז

אונזער יוניטי הויז איז ווידער אָפען אויפצונעמען געסט. פאַר די וואָס זיינען מיט יוניטי הויז באַקאַנט, איז דאָס אַ גוטע בשורה. יעדער און יעדע וואָס איז נאָר איין מאָל גע־ווען אין יוניטי הויז בענקט נאָך דעם וואונדערליך שיינעם זומער פּלאַץ, וואָס האָט ווייניג זיין גלייכען. נאָר אויב עס זיינען פאַראַן אין אונזער יוניאַן אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך קיינמאָל יוניטי הויז ניט געזען, וואָלטען מיר זיי דורכ־אויס ראַטען, אַז זיי זאָלען צופאָרען אַ קוק טאָן, ווייל עס איז שווער צו באַשרייבען די שיינקייט פון פּלאַץ און אַלע זיינע באַקוועמליכקייטען פאַר זומער געסט. מען דאַרף עס זעהן מיט די אייגענע אויגען. מען דאַרף זעהן די מאָדערנע, וואונדער שיינע און באַקוועמע געביידעס פון יוניטי הויז, דעם ריזיגען, לופטיגען שפּייז־צימער, דעם גרויסען, שיינעם קאָנצערט־זאַל, די דאָרמיטאָריס און קאָ־טעדזשעס, דעם לעיק מיט'ן באָארדוואָק און די פּראַכט־פולע לאַנדשאַפט אַרום — וואַלד, לאָנקעס, בלומען און פרוכטביימער. עס איז ווערט אַליין אַנצוקוקען און דערצו טאַקע אויך דאָרטען פאַרווײַלען אַ געוויסע צייט.

נאָר קומט ניט פּלוצים. שטעלט זיך פריער אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון יוניטי הויז און פרעגט אָן, אויב עס איז פאַראַן פּלאַץ, ווייל ניט אַלע מאָל איז פאַראַן. יוניטי הויז איז דער שענסטער, באַקוועמ־סטער און אַנגענעמסטער זומער פּלאַץ פאַר די מיטגלידער פון אונזער יוניאַן, און דערצו זיינען די פּרייזען פאַר די מיטגלידער פון אונזער יוניאַן זייער מעסיגע.

⁂

די טשעין סטאָרס און די יוניאַן

די טשעין סטאָרס און מעיל אָר־דער הייזער, וואָס פאַרקויפען קלאוקס אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס, זיינען אַן אַלטער פּראָבלעם פאַר דער יוניאַן.

דער קלאוק דזשאָינט באָארד האָט שוין מיט אַ לענ־גערער צייט צוריק אַרויסגעשטעלט צו די דערמאָנטע אונטערנעמונגען די פאָדערונג, אַז זיי זאָלען אונטערשריי־בען אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאַן. אָבער די פאָדערונג איז געפאַלען אויף טויבע אויערען. די טשעין סטאָרס און די מעיל אָרדער הייזער זיינען זייער רייכע פירמעס. זיי זיינען פעט געוואָרען אויף דער אַרבייט פון די סוועט־שעפּער און דער קאַמף געגען זיי איז ווייט ניט קיין לייכ־טער. אָבער די יוניאַן האָט באַשלאָסען דעם קאַמף אויפ־צונעמען און אים פירען ביז אַ זיגרייכען ענד. די יוניאַן איז לעצטענס ערמוטיגט געוואָרען אין איר קאַמף דורך דעם זיג, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטען איבער דער טשעין סטאָר פירמע פון דער לערנער קאָרפּאָריישאַן, וועלכע האָט אונטערגעשריבען אַן אָפּמאַך צו קויפען אירע קלאוקס בלויז פון יוניאַן שעפּער און צו געבען דער יוניאַן די מעגליכקייט עס צו קאָנטראָלירען.

אָבער דער קאַמף געגען די טשעין סטאָר פירמעס און די מעיל אָרדער הייזער מוז זיין אַ גוט אָרגאַניזירטער איבער'ן גאַנצען לאַנד און מוז געפירט ווערען לויט אַ געמיינשאַפטליכען אויסגעאַרבייטען פּלאַן. פאַר דעם צוועק האָט דער דזשאָינט באָארד פון דער קלאוקמאַכער יוניאַן פון ניו יאָרק צונויפגערופען אַ קאָנפערענץ פון די פאַר־טרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל פון די פאַרשידענע טיילען פון לאַנד אויסצואַרבייטען פּלענער ווי אַזוי דער קאַמף זאָל געפירט ווערען און וועלכע מיטעל עס דאַרפען אָנגענומען ווערען דעם קאַמף צו געווינען. די קאָנפע־רענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 15טען מאַי אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל מיט דעם אָנטייל פון פּרעזידענט דובינסקי און די מייסטע מיטגלידער פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאַל.

די קאָנפערענץ איז געווען פולשטענדיג באַוואוסט וואָס פאַר אַ שווערען קאַמף די יוניאַן נעמט אונטער און זי האָט זיך ניט געזוכט אָפּצונאַרען, אַז דער זיג וועט דער יוניאַן אָנקומען אַזוי לייכט. אָבער די קלאוקמאַכער יוניאַן און די אינטערנעשאָנאַל האָבען שוין פאַר דער צייט פון זייער עקזיסטענץ געהאַט ניט איין שווערען קאַמף צו פירען. די גאַנצע געשיכטע פון דער אינ־טערנעשאָנאַל און פון דער קלאוקמאַכער יוניאַן איז אַ לאַנגע קייט פון שווערע, ביטערע קאַמפען. מיר קענען דע־ריבער האָפען, אַז דער קאַמף, וואָס די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסען געגען די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער וועט זיך ענדיגען מיט אַ זיג פאַר דער יוניאַן.

פאַבלען

פון נחום יוד

דער פערד און דער קעמעל

פון קעמעל האָט אַמאָל דער פערד גענומען שפּאָטען:
— „איך האָב געקלערט, געקלערט און אַלץ זיך ניט דערקלערט —
אין וועמען ביזט דו דאָס געראָטען?
ביזט עפּעס ניט קיין אייזעל, ניט קיין פערד,
און אַזוי אומגעלומפּערט־הויך און ביינִיג!
דו האָסט אַ לאַנגע האַלז און קניפּעלדיגע פיס,
אַ שעפּסען קאָפּ, וואָס פּאַסט דיר ניט געוויס,
און אויך דיין קורצער עק פאַרשענערט דיך גאַנץ ווייניג, —
נאָר טאָמער איז נאָך קאַרג
פאַרמעגסט דו נאָך דערצו אַ הויקער ווי אַ באַרג,
און וואו? נאָך אויפ'ן רעכטען מיטען רוקען
עס איז אַ חרפּה און אַ שרעק אויף דיר צו קוקען!"
— „איך מיין, — געענטפערט האָט דער קעמעל, מיט פאַרדראָס, —
אַז לויט דער אייגענער באַשטימטער מאָס,
איז יעדער איינער שוין פאַר זיך אַליין באַזונדער...
אויך דאַרף דער הויקער מיינער דיר ניט זיין קיין וואונדער,
ווייל פון דעם הויקער נער איך זיך אַ לאַנגע צייט,
אין מדבר ווען איך בין פון גראָז און וואַסער ווייט...
און ווען איך וואָלט אויף זיך מיין הויקער ניט געטראָגען
און וואָלט, לויט דיין באַגריף, געוועזען שלאַנק און שיין,
אום צו געפינען חן ביי לייטען, —
ווער ווייס אין וועלכען מדבר־לאַנד אין ווייטען
געטריקענט וואָלט זיך איצטער מיין געביין"...

דער זשוק און דער פלאַטערל

אַ זשוק וואָס האָט געלעבט אַ צייט
צוזאַמען מיט אַ פלאַטערל אַ שיינעם
(ס'הייסט, אייגענטליך, ניט גאָר אינאיינעם,
נאָר ביי דעם זעלבען בוים ניט ווייט.)
האָט איינמאָל מיט זיין שכן זיך געטראָפען,
און זיך צעשמועסט פון דער וועלט,
פון קומענדיגען ווינטער מיט דער בייזער קעלט...
דערווייל, באַריידענדיג די פריינד פון זעלבען פעלד,
האָט ער דעם פלאַטערל שוין אויך גענומען שטראָפען:
— „וואָס יאָגסט דו זיך אַזוי נאָך שיין?
און פלאַטערסט אום טאָג אויס, טאָג איין
אינגאַנצען גאָר אַ פרייער,
און סוף־כל־סוף אַזוי פאַרלירסט דו אָן אַ ציל
די פליגעל דיינע ביי אַ פייער...
דו האַלטסט, ווייזט אויס, דאָס לעבען פאַר אַ שפּיל!
ביי מיר קומט אויס — פון פייער דאַרף מען וויכען...
געוויס — צו זיך אַליין וועל איך דיך ניט פאַרגלייכען, —
דען גיב אַ קוק ווי איך בין פעט און דיק, —
נאָר נעם אַ ביישפּיל פון אַ פליג!
דו ביזט ביי מיר אַ האָר ניט ערגער פון די פליגען,
וואָלסט אויך געקאָנט, ווי זיי, ביי יעדען בערגעל מיסט
דיין אויסקומעניש קריגען,
און ניט ביים פייער אומקומען אומזיסט,
צוליב אַ פוסטען פאַרגעניגען"...
— „מיין פריינד, — געענטפערט האָט דאָס פלאַטערל גאַנץ שטיל, —
ווען דו וואָלסט טיפער טאָן אַ קוק, מיט מער געפיל,
וואָלסט דו דיין עצה מיר ניט געבען:
אין פינסטערניש און מיסט — וואָס טויג מיר דאַן דאָס לעבען?"

פון צייט צו צייט

פון צביון

פרעזידענט ראָזוועלט האָט געהייסען די שטרייטענדע צדדים אין דער קוילען־אינדוסטריע, אַז זיי זאָלען וואָס גיכער דורכקומען צווישען זיך, ווייל זיי דאַרפען האָבען אין זינען, אַז פריהער פון אַלץ זיינען זיי בירגער פון אַמעריקע און אַז די אינטערעסען פון אַמעריקאַנער פאָלק פאָדערען, אַז די קוילען־אינדוסטריע זאָל ניט אָפּגעשטעלט ווערען. עס איז דערביי באַריכטעט געוואָרען, אַז ראָזוועלט האָט די שטרייטענדע צדדים געשטעלט אַן אולטימאַטום און דאָס האָט געווירקט.

האָט מען פּראָבירט טרעפען וואָס דער אולטימאַטום איז געווען. אַ ציטונגס־רעפּאָרטער איז געוואָרען נייגעריג עס אויסצוגעפינען פון ראָזוועלט'ן און ער האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט בדעה צו טאָן, ווען די שטרייטענדע צדדים וועלען אים ניט פאָלגען. אָבער ער איז פון ראָזוועלט'ס ענטפער ניט קליגער געוואָרען. ער האָט אים נעמליך געענטפערט, אַז אַזוי וויט האָט ער ניט געטראַכט.

איך קען זיך פאָרשטעלען, אַז דער רעפּאָרטער איז ניט געווען איבערציינגט, אַז ראָזוועלט האָט באמת ניט אַ טראַכט געטאָן וואָס ער וועט טאָן, ווען די שטרייטענדע צדדים אין דער קוילען אינדוסטריע וועלען אים ניט פאָלגען. איך נעם גיכער אָן, אַז דער רעפּאָרטער האָט פאַראיבעל געהאַט אויף ראָזוועלט'ן פאַר וואָס ער האָט אים ניט געזאָגט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן. ווארום אויב מען זאָגט, אַז ראָזוועלט האָט געשטעלט די שטרייטענדע צדדים אַן אולטימאַטום האָט ער דאָך זיי געמוזט זאָגען וואָס ער טראַכט צו טאָן, ווען זיי וועלען ניט פאָלגען.

נאָר עס האָט שוין אַ מאָל געטראָפען אין אַמעריקאַ, אַז אַ פּרעזידענט האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ שטרייט צווישען די קוילען־באַראָנען און זייערע אַרבייטער און אויך ער האָט זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז זיי מוזען דורכקומען צווישען זיך און אויסמיידען אַ קריזיס אין דער קוילען־אינדוסטריע און אויך יענער פּרעזידענט האָט געהייסען ראָזוועלט, נאָר זיין ערשטער נאָמען איז געווען טהעאָדאָר. דאָס איז געווען אין יאָר 1902 אין דעם קוילען סטרייק פון פּענסילווייניע. און דעמאָלט האָט מען פּראָבירט טרעפען וואָס דער אולטימאַטום איז געווען, אָבער ערשט אין צעהן יאָר אַרום האָט מען זיך דערוואוסט, אַז טהעאָדאָר ראָזוועלט האָט געוואָרענט, אַז די רעגירונג וועט איבערנעמען די קוילען־גרובען און זיי וועלען אוועקגעשטעלט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון דער אַרמיי.

מען קען דערפון לערנען, אַז אַ פּרעזידענט פון אַמעריקע האָט עפּעס אין זיין האַנד מיט וואָס ער קען ווירקען און אַז זיינער אַן אולטימאַטום אין אַזאַ פאַל האָט דעריבער אַ ווערט. נאָר איך גלויב, אַז דאָס מאָל וועט מען ניט דאַרפען וואַרטען צעהן יאָר ציים זיך צו דערוויסען אין וואָס דער אולטימאַטום איז באַשטאַנען. אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. די הויפּט־פראַגע איז, אויב אַזאַ פּראָדוקט, וואָס קען פאַראורזאַכען אַן אַלגעמיינעם קריזיס אין לאַנד, ווי דאָס איז קוילען, קען איבערגעלאָזען ווערען אין דעם באַזיץ פון פּריוואַטע הענד.

יעדעס מאָל, ווען עס קומט צו אַ שטרייט צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט אין דער קוילען־אינדוסטריע ווערט דאָס גאַנצע לאַנד אומרוהיג. ווען איינער אין ניו יאָרק פאָרט מיט דער סאַבוויי אָדער מיט'ן „על" צו דער אַרבייט אָדער צו ביזנעס, טראַכט ער ניט וועגען דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער קוילען־אינדוסטריע. עס פאַלט אפילו ניט איין דער געדאַנק, אַז זיין פאָרען האָט עפּעס אַ שייכות מיט די באַציהונגען, וואָס עקזיסטירען צווישען די קוילען־באַלעבאַטים און זייערע אַרבייטער. אין ניו יאָרק גראָבט מען ניט קיין קוילען און אין ניו יאָרק זיינען ניטאָ קיין קוילען סטרייקס. ווען עס ברעכט אָבער אויס אַ סיכסוך אין דער קוילען אינדוסטריע און מען הערט אויף גראָבען קוילען, דערוויסט זיך דער ניו יאָרקער סאַבוויי און „על" פאָרער, אַז דאָס האָט צו אים אַ גרויסע שייכות. מען דאַרף האָבען קוילען צו פּראָדוצירען די עלעקטרישע קראַפט, מיט וועלכע עס ווערט באַטריבען די סאַבווייס און די „עלס". און ווען עס ווערט אַ מאַנגעל אין קוילען ווערט אויך אַ מאַנגעל אין סאַבוויי און „על" טרעינס און די ענגשאַפט און די שטיקעניש אין זיי ווערט נאָך גרעסער. און אויב דער סיכסוך אין דער קוילען אינדוסטריע זאָל אָנהאַלטען לענגער וועט מען אפשר זיין געצוואונגען אין גאַנצען אָפּצושטעלען די סאַבווייס און די „עלס". און אויך פאַר דער עלעקטרישער באַלייכטונג דאַרף מען קוילען און אויך פאַר גאַז צום קאָכען און פאַר די אייזענבאַנען, און פאַר די פאַבריקען און פאַר דער פאַרבען־אינדוסטריע און אַזוי כסדר.

עס איז קלאָר, אַז די רעגירונג דאַרף האָבען אַ קאָנטראָל איבער אַזאַ וויכטיגען פּראָדוקט ווי קוילען.

זיינען זיך צונויפגעקומען אין וואַשינגטאָן די גרויסע באַלעבאַטים פון אַמעריקע. די מיטגלידער פון „טשעמבער אָוו קאָמוירס" און האָבען באַוויינט זייער ביטערען גורל, וואָס עס איז אַזוי שלעכט אין אַמעריקע. און שולדיג אין דעם איז ראָזוועלט. ער האָט גענומען אַ גוטע אַמעריקאַ, וואָס איז געווען אַ גן עדן פאַר די מיטגלידער פון „טשעמבער אָוו קאָמוירס" און ער האָט איר קאַליע געמאַכט. אין ראָזוועלט'ס אַמעריקאַ איז איצט אַלץ שלעכט. מען דאַרף צאָלען הויכע שטייערען, מען דאַרף לאָזען די אַרבייטער זיך אָרגאַניזירען, עס איז פאַראַן אַ ניו דיל און די אונטערשטע שורה איז, אַז עס איז ניטאָ מער די פרייהייט, וואָס די מיטגלידער פון „טשעמבער אָוו קאָמוירס" האָבען געהאַט אַ מאָל.

נו, איינס מוז מען צוגעבען, אַז די גרויסע אונבאַשרענקטע פרייהייט, וואָס די ברידער פון „טשעמבער אָוו קאָמוירס„ האָבען אַ מאָל געהאַט האָבען זיי טאַקע איצט ניט. אַ מאָל האָבען זיי געהאַט די פולע פרייהייט צו עקספּלואַטירען זייערע אַרבייטער און אַנגעשטעלטע וויפיל זיי האָבען נאָר געוואָלט. היינט אָבער איז זייער פרייהייט אין דעם פּרט אַ ביסעלע באַשרענקט. עס זיינען איינגעפירט געוואָרען געזעצען, וואָס באַצוועקען צו שיצען אַ ביסעל די אַרבייטער געגען די רויבערישע אַפּעטיטען פון זייערע באַלעבאַטים. עס איז געווען אַ צייט, ווען די הויפּט־לאַסט פון שטייערען איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף די פּלייצעס פון די פאָלקס־מאַסען, היינט אָבער מוזען אויך די ביידע העלפען טראָגען די לאַסט. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די באַלעבאַטים האָבען היינט ניט די אונבאַשרענקטע פרייהייט, וואָס אַ מאָל, לעבט זיך זיי דאָך אויך איצט ניט אַזוי שלעכט אין אַמעריקאַ און זיי דאַרפען ניט וויינען אויף זייער גורל.

אין דער ווירקליכקייט ליידען זיי ניט פון דעם איצטיגען קריזיס אין לאַנד. אין געגענטייל. אַ סך פון זיי האָבען פון אים שטאַרק פּראָפיטירט. פון דעם קריזיס ליידען די אַרבייטער, די נידעריגערע מיטעל־קלאַס מענשען, אָבער ניט די גרויסע באַלעבאַטים. זיי האָבען געמאַכט גרויסע פּראָפיטען אויך אין די איצטיגע קריזיס יאָרען און אַ סך פון זיי האָבען געמאַכט גאָר גרויסע פּראָפיטען און די צאָל מיליאָנערען און מולטימיליאָנערען אין אַמעריקע האָט זיך אין די לעצטע פאַר יאָר באַדייטענד פאַרגרעסערט.

די אַלע יאָמער געשרייען פון די „טשעמבער אָוו קאָמוירס" ברידער האָבען איין ציל און איין צוועק: נידער מיט ראָזוועלט'ן און מיט זיין ניו דיל.

גראַד האָט זיך אין די לעצטע פאַר חדשים די עקאָנאָמישע לאַגע אַ ביסעל פאַרבעסערט. ווייניגסטענס פילען די „טשעמבער אָוו קאָמוירס" מענשען די פאַרבעסערונג, אָבער דאָס האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטען פון זייער אָרגאַניזירטען יאָמער געשריי, מיט וועלכען זיי זיינען געקומען צו זייער קאָנווענשאַן אין וואַשינגטאָן.

די הויפּט צרה פון דעם ניו דיל איז, וואָס ער קאָסט געלד און עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלד מוז קומען פון שטייערען. וואָלט פּרעזידענט ראָזוועלט געקענט באַווייזען אַזאַ כישוף, אַז מען זאָל ניט דאַרפען צאָלען קיין שטייערען צו דעקען די הוצאות פון דעם ניו דיל, וואָלטען די „טשעמבער אָוו קאָמוירס" לייט ניט אַזוי שטאַרק געקלאָגט. זייער איצטיגער געשריי איז, אַז די הויכע שטייערען קוילענען אַוועק די ביזנעס. זאָל מען נאָר קלענער מאַכען די שטייערען וועט לעבעדיג ווערען אין ביזנעס און עס וועט ווידער ווערען גוט צו לעבען אין אַמעריקאַ.

נאָר צאָלט טאַקע ביזנעס אַזעלכע הויכע שטייערען ווי די „טשעמבער אָוו קאָמוירס" לייט שרייען? עס ווערט איצט געפירט אַן אויספאָרשונג ווי הויך עס זיינען די שטייערען וואָס ביזנעס צאָלט. עס וועט דויערען אַ לענגערע צייט ביז די גאַנצע אויספאָרשונג וועט פאַרענדיגט ווערען, אָבער פון דעם, וואָס עס איז ביז איצט אויסגעפונען געוואָרען קען מען שוין זען, אַז דער געשריי פון „טשעמבער אָוו קאָמוירס" וועגען די הויכע שטייערען וואָס ביזנעס דאַרף צאָלען, איז געוואַלדיג איבערגעטריבען. די ערשטע 10 טויזענט ענטפערס, וואָס זיינען אַריינגעקומען, פון ביזנעסלייט און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וועגען די שטייערען, וואָס זיי צאָלען, קען מען זען, אַז זיי האָבען ניט קיין אורזאַך זיך צו באַקלאָגען, אַז רוזוועלט באַרויבט זיי און נעמט אַוועק פון זיי דעם לעצטען סענט פאַר שטייערען. די אַריינגעקומענע ענטפערס ווייזען נעמליך, אַז די שטייערען וואָס זיי צאָלען צו דער פעדעראַלער רעגירונג און צו די לאָקאַלע רעגירונג — — שטאַאַט און שטאָדט — באַטרעפען 3 מיט 3 צענטעל פּראָצענט פון זייער אַלגעמיינעם פאַרקויף. די שטייערען וואָס ריטעיל ביזנעס צאָלען, מאַכען אויס עטוואָס מעהר ווי 2 פּראָצענט פון זייער אַלגעמיינעם פאַרקויף, בעת פון האָלסייל ביזנעס מאַכט עס אויס בלויז אַנדערהאַלבען פּראָצענט. און מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז די אַנגעגעבענע שטייערען ווערען פון די אונטערנעמער ניט אויסגעצאָלט אין גאַנצען פון זייערע פּראָפיטען. אַ גאַנץ באַדייטענדער טייל פון זיי ווערט געשטעלט אויף דעם חשבון פון די קויפער אין דער פאָרם פון העכערע פּרייזען.

און ווען מען פאַרגלייכט די שטייערען, וואָס ביזנעס צאָלט אין אַנדערע לענדער, ווי ענגלאַנד, למשל, שוין אָפּגערעדט פון דייטשלאַנד און איטאַליע, קען מען זאָגען, אַז ביי אונז אין אַמעריקע איז ביזנעס, וואָס איז שייך צו שטייערען אין אַ העכסט פּריוויליגירטע לאַגע. אין די מייסטע פאַלען צאָלען זיי אפילו ניט קיין העלפט ווי זיי וואָלטען געדאַרפט צאָלען אין ענגלאַנד.

אַ מאַיאָריטעט פון רעפּרעזענטאַנטען הויז, אָדער די אונטערשטע הויז פון קאָנגרעס, ווי מען רופט עס אויך, האָט געשטימט פאַר דעם געזעץ־פאָרשלאַג פון קאָנגרעסמאַן האָבס פון אַלאַבאַמאַ, אַז אַן אויסלענדער, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרען אַרויסגעשיקט צו ווערען פון אַמעריקאַ, נאָר ער האָט ניט קיין פּאַספּאָרט און עס איז ניטאָ קיין לאַנד, וואָס וויל אים אַריינלאָזען, זאָל פאַרשיקט ווערען אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער.

אויב אַט דער רעאַקציאָנערער געזעץ־פאָרשלאַג זאָל אויך אָנגענומען ווערען פון סענאַט און אונטערגעשריבען ווערען פון פּרעזידענט, וועט היטלער האָבען דאָס פולשטענדיגע רעכט צו זאָגען, אַז אויך אַמעריקאַ האָט פון אים עפּעס געלערענט און, אַז ווייניגסטענס פירט זי איין כאָטש איין אינסטיטוציע, וואָס ער האָט געשאַפען אין דייטשלאַנד און וועלכע איז אַזוי טרויעריג באַרימט געוואָרען אויף דער וועלט — דאָס איז דער קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער. קאָנגרעסמאַן האָבס וועט זיין באַרעכטיגט צו קריגען פון קאָנגרעס אַ פּרייז־רייזע אין דייטשלאַנד צו שטודירען דאָרטען היטלער'ס קאָנצענטראַציאָנס לאַגערען, כדי צו וויסען. ווי מען דאַרף זיי בויען אין אַמעריקאַ.

אין אַלגעמיין איז עס אין דעם איצטיגען קאָנגרעס אַ גרויס געדרענגעניש אויף רעאַקציאָנערע געזעץ־פּראָיעקטען. עס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען אַרום 60 אַזעלכע געזעץ־פּראָיעקטען. די מייסטע פון זיי זיינען געריכטעט געגען אימיגראַנטען. קאָנגרעסמאַן דעמפּסי פון טעקסאַס, למשל, האָט אַריינגעבראַכט אַ געזעץ־פאָרשלאַג, אַז יעדער אויסלענדער, וואָס אַגיטירט פאַר וועלכער עס איז ענדערונג אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג, זאָל אַרויסגעשיקט ווערען פון לאַנד. אַ געזעץ־פאָרשלאַג פון קאָנגרעסמאַן באַראַה פון אָקלאַהאָמאַ פאָדערט, אַז אימיגראַנטען, וואָס זיינען ניט קיין בירגער, זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון קריגען רעליף. קאָנגרעסמאַן איירעס פון אילינאָי האָט אַריינגעבראַכט אַ געזעץ־פאָרשלאַג, אַז מען זאָל באַשרענקען די ציווילע רעכטען פון אויסלענדער. קאָנגרעסמאַן וואָהלטשעל פאָדערט, אַז מען זאָל איבערהויפּט ניט אַריינלאָזען קיין אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ און עס זאָל

ניט געמאכט ווערען קיין שום אויסנאמען פאר קיינעם.

עס זעט מיר אויס, אז די רעמאקראטיע אין אמעריקא איז אויך נאך ניט אין גאנצען זיכער. זי איז אפילו ניט זיכער אין די הענד פון דעמאקראטישע קאנגרעסלייט.

⁂

מיס פוירקינס, סעקרעטארי אוו לייבאר, האט אין א רעדע, וואס זי האט געהאלטען פאר דעם „מאונט האליאק" קלוב, אנגעזאגט די פרייליכע בשורה, אז עס קומען בעסערע צייטען אין אמעריקא. זי האט נעמליך דערציילט, אז די ארמיי פון ארבייטסלאזע איז אין דער לעצטער צייט באדייטענד פארקלענערט געווארען און אז עס זיינען פאראן גוטע האפענונגען, אז זי וועט גאר אין קורצען נאך קלענער ווערען. מיס פוירקינס האט אויסגעדריקט איר גרויס צופרידענהייט, וואס עס איז געווארען לעבעדיגער אין דער אינדוסטריע און עס זיינען פאראן גוטע אויסזיכטען, אז אין דעם יאר וועלען אין דער בוי אינדוסטריע באשעפטיגט ווערען מיט 800 טויזענט ארבייטער מעהר ווי מיט א פאר יאר צוריק. און ווען עס איז פאראן מעהר ארבייט אין דער בוי־אינדוסטריע איז אויך פאראן מעהר אר־בייט אין א גאנצער רייהע אנדערע אינדוסטריען, וואס פראדוצירען די מאטעריאלען פאר דער בוי־אינדוסטריע.

און ווען עס זיינען באשעפטיגט א גרעסערע צאל ארבייטער אין דער בוי־אינדוסטריע און אין די אינ־דוסטריען, וואס זיינען מיט איהר פארבונדען, מוז אויך ווערען מעהר ארבייט אין פארשידענע אנדערע אינ־דוסטריען. עס איז דער אלטער אמת, אז ווען ארבײ־טער פארדינען האבען זיי מיט וואס צו קויפען און דאס שאפט באשעפטיגונג פאר אנדערע ארבייטער.

קורץ און גוט, מיס פוירקינס איז אין איר רעדע געווען זעהר אפטימיסטיש.

א גרויסע מאס אפטימיזם האט אויך אויסגעדריקט מר. האפקינס, סעקרעטערי אוו קאמוירס. ער האט מיט א גאנצע רייהע ציפערען באוויזען, אז עס מערקט זיך אין דער לעצטער צייט א גאנץ באדייטענדער אויפשוואונג אין ביזנעס.

דאס איז גאנץ אנגענעם צו הערען. מען האט שוין א לאנגע צייט ניט געהערט א פרייליך ווארט און מען האט זיך שוין איינגעוואוינט מיט דעם גע־דאנק, אז דער קריזיס מיט דער דאזיגער ארבייטס־לאזער ארמיי איז געווארען א שטענדיגע אינסטיטוציע וואס קען מעהר ניט אפגעשאפט ווערען.

נאר מען דארף זיך ניט איילען צו ווערען צו אפטי־מיסטיש, ווייל די אנטוויקלונג קען ווערען שפעטער צו גרויס. עס וועט דעריבער זיין גענוג ווען מיר וועלען פארלויפיג ווערען בלויז א ביסעלע אפטימיס־טיש און אפווארטען וואס ווייטער וועט זיין.

⁂

די „נעשאנאל עקאנאמי ליג", וואס באשטייט פון די גרויסע ביזנעס לייט און פינאנסיסטען פון לאנד, האט אונז א רעכט ביסעל איינגעשראקען אויף איהר יערליכען באנקעט, וואס זי האט אפגעהאלטען אין אס־טאר האטעל.

די דערמאנטע ליג האט זיך געשטעלט די אויפ־גאבע אנצופירען א קאמף, אז די רעגירונג זאל מאכען עקאנאמיע אין אירע אויסגאבען און די רעדנער אויף דעם באנקעט האבען דערציילט זייער שרעקליכע פאקטען וועגען דער גרויסער אויסברייגעריי פון ראזעוועלט'ס אדמיניסטראציע. איינער פון די רעדנער, למשל, האט אויסגערעכענט, אז די איצטיגע אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן האט פאר די לעצטע 6 יאר אויסגעגעבען 200 דאלאר יעדע סעקונדע! און אזוי ווי ער האט גערעדט פאר באנקירען, פינאנסיסטען און ביזנעס־לייט וואס ווייסען ווי צו מאכען א געלד־חשבון האט ער קיין ווייטערדיגע דערקלערונגען ניט גדארפט מא־כען. נאר אויב די קלאוקמאכער און די דרעסמאכער וואס האבען איצט א סך לידיגע צייט ווילען אויף טשי־קאווס אויסרעכענען וויפיל דאס מאכט אויס, קענען זיי עס גאנץ לייכט טאן. עס זיינען פאראן 60 סע־קונדען אין א מינוט, דריי טויזענט מיט זעקס הונ־דערט סעקונדען אין א שעה און 86 טויזענט מיט 400 סעקונדען אין א מעת לעת. און ווען מען גיט אויס יעדע סעקונדע 200 דאלאר מאכט עס אויס 17 מיליאן מיט 280 טויזענט אין א טאג. און אזוי ווי א יאר האט 365 טעג איז שוין ווייטער דער חשבון גאר א לייכטער.

נאר א צווייטער רעדנער האט דעם ענין געמאכט נאך שרעקליכער. ער האט דערציילט, אז די רעגירונג איז איצט שולדיג 40 ביליאן דאלאר און דאס מאכט אויס אויף יעדע לעבעדיגע פערזאן אין אמעריקע — מענער, פרויען און קינדער, — 300 דאלאר, אדער א דורכשניט פון אנדערטהאלבען טויזענט דאלאר אויף יעדער פאמיליע. עס הייסט, אז יעדער קלאוקמאכער און דרעסמאכער, וואס האט א ווייב מיט דריי קינדער, האט אויף זיך א חוב פון 15 הונדערט דאלאר, אחוץ וואס ער איז שולדיג אין דער גראסערי, דעם בו־טשער, דעם לענדלארד און גוטע פריינד און באקאנטע.

גאר פון וואנען וועלען די קלאוקמאכער און די דרעסמאכער, וואס פארדינען ניט קיין 15 הונדערט דאלאר א יאר אויף חיונה, קענען באצאלען 15 הונ־דערט דאלאר יעדער פאר די חובות פון דער רע־גירונג? אט אויף דעם קלאגען עס דאך טאקע די גרויסע פינאנסיסטען און ביזנעסלייט. ווען די קלאוק־מאכער, דרעסמאכער און אלע אנדערע מאכער אין לאנד וואלטען געקענט באצאלען די 40 ביליאן דא־לאר וואס די רעגירונג האט געבארגט, וואלט עס די גרויסע באלעבאטים ניט געקימערט, וואס די רעגי־רונג מאכט גרויסע חובות. דער ביטערער יאמער־געוויין פון די גרויסע באלעבאטים קומט פון זייער מורא, אז זיי וועלען דארפען צאלען א גאנץ באדיי־טענדען חלק פון דעם חוב. די גרויסע באלעבאטים האבען ליב צו מאכען גרויסע פראפיטען, אנזאמלען ריזיגע קאפיטאלען, אבער זיי האבען ניט ליב צו גע־בען זייער חלק פאר די הוצאות פון דער רעגירונג. ווי ווייניג זיי געבען איז פאר זיי צו פיל. יעדער ארימער ארבייטער צאלט אין פארגלייך פאר די הוצאות פון דער רעגירונג, דירעקט אדער אונדירעקט, א סך מער ווי דער רייכער אונטערנעמער.

נאר ווען עס רעדט זיך וועגען דער עקאנאמיע, וואס די רעגירונג דארף מאכען, איז ווערט צו דער־מאנען, אז די זעלביגע עקאנאמיע זוכער אין קאנגרעס, וואס האבען שטארק געליארעמט, ווען עס איז געקר־מען צו באשטימען געלד פאר די ארבייטס־פראיעקטען ביי וועלכע עס זיינען באשעפטיגט ארבייטסלאזע אר־בייטער — די דאבליו. פי. עי. און האבען זיך אפגע־זאגט צו באוויליגען די גאנצע סומע, וואס פרעזידענט ראזעוועלט האט פארלאנגט, האבען איצט באוויליגט מיט איבער 300 מיליאן דאלאר מעהר ווי ראזעוועלט האט רעקאמענדירט, ווען עס איז געקומען צו באַ־שטימען געלד פאר העלפען די פארמער. די גאנצע עקאנאמיע איז פלוצים פארגעסען געווארען.

ווי שיקט זיך עס? — איז גאנץ איינפאך. אין 1940 דארפען זיין פרעזידענטען־וואלען און די שטימען פון די פארמער זיינען פיל מעהר ווערט ווי די שטי־מען פון די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי די ארבייטס־פראיעקטען פון דער רעגירונג.

לידער

פון אברהם רייזען

אין א זומער וואוינונג

צווישען ביימער. בלומען, גראז
שטעהען הייזעלעך פארשטעקט;
פונקט זיי וואלטען זיך געשפילט
און „וואו זיינען מיר?" געפרעגט.

דורך די צווייגען קוקט ארויס
דא א פענסטער, דא א טיר,
ווי זיי וואלטען אין א שפאס
זיך געדרייצט מיט מיר, מיט דיר.

ביימער, בלומען. גראז און גרין,
און א הויכער, פרייער רוים;

ווייזט זיך דא א מענש אמאל,
דאכט זיך דיר: עס געהט א בוים...

בוימער, בלומען. גראז און גרין,
פרייד און בליהונג אומעטום;
ווייזט זיך צווישען גראז א קינד
דאכט זיך דיר, אז ס'בליהט א בלום...

וואו איז שטאט און וואו איז „שאפ"? —
ווער געדענקט — א חלום בלויז...
קומט א שאפ־מיידעל אהער —
דאכט זיך דיר, אז ס'בליהט א רויז.

•

פרייע ווערטער

עס טרעפט ווען ווערטער נאקעט
מען קען אין גאס ניט לאזען,
עס הערשט נאך קעלט אין דרויסען
און צפון־ווינטען בלאזען.

און ווערטער, אפט, ווי קינדער
זיי ציהט אין גאס צו שפילען...
דאן מוז מען — מעהר, צי מינדער,
פארוויקלען זיי, פארהילען.

•

צו א יוגענט פריינט

דיינע ווערטער טראגען דופטען
פון די ווייטסטע בערג און טאלען;
פייגעל זעה איך אין דער לופטען
און כ'הער רוישען די טאפאלען.

פארביג פלאטערען די ווערטער,
ווי פארבייגקטע, ווי פארטרויטע;
ס'לעבען אויף פארוויסטע ערטער,
ס'שטעהען הייזער ניי געבויטע.

ס'האט די צייט אונז ניט געפאנגען,
איך, דו — זיך ניט געביטען;
ווען די יוגענט, פול פארלאנגען,
ווייזט זיך שמייכלענדיג אין מיטען...

די וועלט און דער מענטש

ס'איז דא א וועלט פון שיינקייט —
פון בוימער, בלומען, גראז;
און דו זעהסט נאר געמיינקייט
פון בייזען באלעבאס.

ס'איז דא א וועלט א פרייע,
פארנעמט מיליאנען מייל;
און דו — אין שטייג א חיה,
אין שאפ, אין צוואנג'ס געאייל...

ס'איז דא א וועלט א ברייטע,
וואס האט קיין גרעניץ ניט;
און דו — דער מענטש, דער שוטה,
האסט זיך אליין געשמידט...

ווי קען אמעריקא זיך אויסהיטען פון מלחמה און פאשיזם?

פון ב. לעוויטין.

אמעריקע איז פארטאן אין א גרויסער דעבאטע — א דעבאטע וועגען מלחמה און פאשיזם. די דאזיגע טעמע פארנעמט איצט דעם אויבען אן אין דיפלאמאטישע אזוי גוט ווי אין געזעלשאפטליכע קרייזען פון לאנד. עס קומען פאר וועגען דעם היציגע דעבאטען אין קאנגרעס, מען דיסקוטירט די פראגע אויף מיטינגען און פארזאמלונגען און אויך אין געשפרעכען צווישען פריינד און באקאנטע. די פראגע איז: וואס דארף אמעריקא טאן כדי אויסצוהיטען זיך פון דער פאשיסטישער מגפה און וואס פאר א מיטלען דארף זי אננעמען כדי ניט אריינגעשלעפט צו ווערען אין פאל די פאשיסטישע מלוכות וועלען ארויפצווינגען א קריג אויף די דעמאקראטישע לענדער פון אייראפע?

דאס זיינען אייגענטליך צוויי באזונדערע פראגען, אבער זיי האבען א גאר נאהענטע שייכות, ווייל פאשיזם און מלחמה גייען צוזאמען. ווען עס וואלט איצט ניט געבושעוועט דער פאשיזם אין אייראפע וואלט אויף דער וועלט ניט געווען קיין געפאר פון מלחמה.

עס דארף פעסטגעשטעלט ווערען, אז מיט דער אויסנאמע פון די צוויי גרויסע פאשיסטישע לענדער אין אייראפע — דייטשלאנד און איטאליע, — ווייל איצט קיין לאנד ניט קיין מלחמה. די וועלט איז נאך ניט געקומען צו זיך פון דעם לעצטען קריג. אפילו די זיגרייכע לענדער שטייען אויפ'ן שוועל פון רואינע, צוליב דער שרעקליכער לאסט וואס די וועלט-מלחמה האט איבערגעלאזען. פונדעסטוועגען איז די געפאר פון א נייער מלחמה זייער גרויס, צוליב די אגרעסיווע און חוצפה'דיגע פאדערונגען פון די פאשיסטישע לענדער און צוליב די ווילדע איבערפאלען וואס זיי מאכען אויף שוואכע מלוכות. די פאשיסטען האפען דורך מלחמות צו זעטיגען ניט נאר זייערע אימפעריאליסטישע אמביציעס, נאר זיי האפען אויך דורך דעם ארויפצווינגען אויף די באזיגטע לענדער זייער פאשיסטישע אידעאלאגיע און אויף אזא אופן באפעסטיגען דעם פאשיזם אויף דער וועלט.

וועט איר דאך פרעגען: וואס האט דאס צו טאן מיט אמעריקע? אונזער לאנד איז דאך געבענשט מיט דעם וואס זי איז אפגעטיילט פון אייראפע מיט א ים, וועלכער איז דריי טויזענד מייל די ברייט. היינט וואס האבען מיר מורא צו האבען. אהער וועלען דאך די פאשיסטישע מלוכות ניט קומען, טא וואס האבען מיר זיך וואס צו שרעקען פאר א מלחמה? מיר דארפען נאר שטיין אן א זייט און ניט מישען זיך אין די אייראפיאישע אינטריגעס און רייסערייען און מיר וועלען דא האבען שטענדיגען פרידען.

אזא געפיל פון זיכערקייט האט טאקע געהערשט אין אמעריקע ביז מיט א מאנאטען אכט צוריק, ווען עס איז געשאפען געווארען דער טרויעריג בארימטער „מינכענער פרידען", וועלכער האט ניט נאר ניט לויטער געמאכט דעם הימעל אין אייראפע, נאר עס האט אנגעטריבען מלחמה וואלקענס אויך אויף דער זייט פון אטלאנטישען אקעאן, ביז צו די ברעגען פון די פאראייניגטע שטאטען. די זיכערקייט וואס אמעריקע האט געפילט געגען קריג איז טיילווייז פארשוואונדען. מען האט זיך אנגעהויבען שרעקען דא אין אמעריקע, אז די שווארצע מגפה פון פאשיזם זאל ניט אטאקירען, ניט נאר אידעאלאגיש, נאר אויך מיליטעריש, אונזער מדינה די מעכטיגסטע דעמאקראטיע אויף דער וועלט.

עס איז דא אן אורזאך ווארום מען האט זיך לעצטענס אנגעהויבען שרעקען דא אין לאנד פאר דער פאשיסטישער געפאר. פריהער האט מען גערעכענט אז פאשיזם איז אויסשליסליך אן אייראפיאישע קראנקהייט, האט מען געמיינט אז די דעמאקראטישע לענדער פון אייראפע וועלען זיין אימשטאנד צו באשיצען געגען פאשיזם ניט נאר זיך אליין, נאר אויך די קלענערע לענדער, וועלכע האבען נאך אנגעהאלטען זייער פרייהייט און אומאבהענגיגקייט. מען האט געהאפט, אז די צוויי מעכטיגע דעמאקראטישע מלוכות — ענגלאנד און פראנקרייך — וועלען שטיין ווי אן אייזערנע וואנט און זיי וועלען ניט דורכלאזען די פאשיסטישע באצילען צו דעם אמעריקאנער קאנטינענט. דער „מינכענער פרידען" האט אבער באוויזען ווי שוואך עס איז דער ווידערשטאנד פון די דעמאקראטישע לענדער. היטלער האט געקראגען א פרייע האנט אין אייראפע און ער האט אנגעהויבען בושעווען מיט זיין גאנצער נאצישער ווילדקייט.

פונדעסטוועגען האט מען געמיינט, אז היטלער וועט האלטען זיין פארשפרעכען וואס ער האט געגעבען אין מינכען, אז ער וועט ניט פארכאפען קיין טעריטאריע פון פרעמדע לענדער און אז זיין איינציגע אבזיכט איז צו פאראייניגען אונטער זיין הערשאפט די דייטשע באפעלקערונגען, וועלכע געפינען זיך ארום דער דייטשער גרעניץ. דאס, האט ער געזאגט, איז געווען זיין אבזיכט אין פאדערען די אנעקסירונג פון די סודעטען פראווינצען פון טשעכאסלאוואקיע.

די פאסירונגען פון די לעצטע אכט חדשים האבען צושטערט אלע האפענונגען אויף וועלכער עס איז מעגליכקייט צו באפרידיגען היטלער'ס אימפעריאליסטישע אמביציעס. די פארכאפונג פון טשעכאסלאוואקיע האט באוויזען אז היטלער איז ענטשלאסען צו ענדערען די גאנצע לאנד-קארטע פון אייראפע און צו ווערען דער פולשטענדיגער הערשער איבער די קלענערע לענדער און אויב מעגליך אויך איבער דער סאוועטישער טייל פון אוקראינע.

דאן זיינען געקומען די פאשיסטישע אינטריגעס אין זיד-אמעריקע און די אויפדעקונגען פון דער פארצווייגטער שפיאנאזש טעטיגקייטען פון די נאציס אין די פאראייניגטע שטאטען. מען האט דערפילט אז דער סם פון פאשיזם האט אנגעהויבען פארפעסטען די לופט אויך אויף דער זייט ים, און מען האט זיך אנגעהויבען שרעקען פאר'ן פאשיזם אויך ביי אונז אין די פאראייניגטע שטאטען.

דא ניט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זען די מאווי „די ודוי פון א נאצי שפיאן". די בילד ווערט איצט געוויזען אויף בראדוויי. דארט ווערט געשילדערט די טעטיגקייט פון די נאציס דא אין לאנד. די בילד איז ניט קיין אויסגעטראכטע. דארט ווערען איבערגעגעבען די פאקטען וואס זיינען אויפגעדעקט געווארען ביי דעם טרייעל פון די נאצי שפיאנען, וואס איז ניט לאנג צוריק פארגעקומען. עס ווערט דארט געצייגט, ווי אזוי די נאציס מושטירען זיך אין זייערע קעמפס און ווי אזוי זיי לערנען די יוגענד צו פאראטען אמעריקע און צו זיין טריי צום „פירער". איר הערט די חוצפה'דיגע רעדעס פון די נאצי אגענטען, וועלכע זיינען אהער געשיקט געווארען פון דער דייטשער געהיים פאליציי, די געסטאפא און איר זעט ווי די נאצי שפיאנען זוכען צו גנב'ענען אונזערע מיליטערישע סעקרעטען. איר ווערט ארומגעכאפט פון א שוידער, איר פרעגט זיך אליין, און איר לעזט די זעלבע פראגע אויף די פנים'ער פון די אנדערע אנוועזענדע: ווי לאנג וועט מען דאס דולדען דא אין לאנד? וואס קען אמעריקע טאן אויסצוהיטען זיך פון דער פאשיסטישער געפאר סיי פון אינעווייניג און סיי פון א מעגליכער אויסערליכער אטאקע?

אט די צווייפאכע געפאר — די פאשיסטישע טעטיגקייט דא אין לאנד און די מעגליכקייט פון א פאשיסטישער אטאקע, אדער דירעקט אויף די פאראייניגטע שטאטען, אדער אויף א וועלכער עס איז מלוכה אין זיד-אמעריקע (און עס זיינען דא מיליטערישע עקספערטען, וועלכע גלויבען אז אזא מעגליכקייט איז פאראן) האט געשאפען זייער אן ערנסטע פראבלעם פאר אונז דא אין לאנד.

די וויסענשאפט און טעכניק האט פיל שמאלער געמאכט דעם אטלאנטישען ים. אמעריקע איז איצט פיל נעהענטער צו אייראפע ווי די שטאט וואשינגטאן איז געווען צו ניו יארק אין דער צייט פון דזשארדזש וואשינגטאן, ווען ער האט געמאכט זיין היסטארישע רייזע אהער מיט 150 יאר צוריק איינגעשווארירען צו ווערען אלס דער ערשטער פרעזידענט פון אמעריקע. יענע רייזע האט געדויערט זיבען טעג, און פון אייראפע קיין אמעריקע קען מען איצט קומען אין פיר און א האלב טעג מיט א שיף און אין איין מעת-לעת אין אן עראפלאן. עס איז ניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט אז אין דער גאר נאהענטער צוקונפט וועט מען קענען אריבערפליהען דעם אקעאן אין געציילטע שטונדען. די ווייטקייט פון אייראפע איז אלזא מער ניט אזא גאראנטיע פאר אונזער זיכערקייט פון א מיליטערישער אטאקע, ווי זי איז אמאל געווען.

די פראגע איז ניט בלויז וועגען באשיצען די אמעריקאנער ברעגען. אין דעם איז ניטא קיין מיינונגס פארשידענהייט. עס איז אבער דא אן אנדער פראגע: צי זאל אמעריקע שטיין אין גאנצען אן א זייט אין פאל די פאשיסטישע לענדער וועלען אנפאנגען א מלחמה געגען די דעמאקראטישע מלוכות, אדער זי זאל העלפען ענגלאנד און פראנקרייך צוריקצושטויסען דעם אנפאל פון די פאשיסטישע לענדער? די פראגע קען אייגענטליך פארמולירט ווערען אזוי: זאל אמעריקע ווארטען ביז די פאשיסטישע געפאר וועט שטיין ביי אונזערע ברעגען, אדער זאל זי העלפען צו טויטען די פאשיסטישע בעסטיע אין אייראפע, און דאן וועט זי שוין במילא אהער ניט קומען?

עס זיינען פאראן צוויי שטאנדפונקטען וועגען דער האנדלונג פון די פאראייניגטע שטאטען אין באצוג צו דער פאשיסטישער געפאר. איין שטאנדפונקט איז, אז מיר זאלען אנפירען דעם קאמף געגען פאשיזם דא אין לאנד און ניט מישען זיך אין גאנצען אין די אייראפיאישע שטרייטען און סכסוכים, און דער צווייטער שטאנדפונקט איז, אז מיר זאלען העלפען די דעמאקראטישע לענדער אין פאל זיי וועלען אטאקירט ווערען פון די פאשיסטישע מלוכות, ווארום ווען מיר וועלען העלפען באזיגען דעם פאשיזם אין אייראפע וועט ער קיין כח ניט האבען צו פארשפרייטען זיך דא אין אמעריקע.

די צוויי שטאנדפונקטען האבען צעטיילט אמעריקע פאקטיש און צוויי לאגערן: די „אייסאלעישאניסטס", די וואס זיינען געגען וועלכער עס איז מיליטערישער קאאפעראציע מיט די דעמאקראטישע לענדער פון אייראפע, אין פאל פון א מלחמה געגען די פאשיסטישע מלוכות; און די וואס האלטען אז אמעריקע דארף שאפען א פאראייניגטען פראנט מיט דעמאקראטישע לענדער פון אייראפע און העלפען זיי באקעמפען די אטאקעס פון די פאשיסטישע מלוכות.

עס דארף דערביי געזאגט ווערען, אז אפילו די אנהענגער פון א פאראייניגטען פראנט פון אמעריקע מיט די דעמאקראטישע לענדער ווילען ניט, אז אמעריקע זאל זיך אקטיוו באטייליגען אין א נייער מלחמה, ווי זי האט געטאן אין 1917. זיי זיינען בלויז פאר דעם אז די פאראייניגטע שטאטען זאלען העלפען די דעמאקראטישע לענדער מיט אמוניציע און פראוויאנט און אויב מעגליך מיט געלט, אבער ניט מיט סאלדאטען.

אויך דארף באמערקט ווערען, אז אין דער מיינונגס פארשידענהייט וועגען דער פראגע פון מלחמה און פאשיזם זיינען אפגעווישט געווארען פארטיי ליניעס און אידעאלאגישע אויפפאסונגען. עס זיינען פאראן קאנסערוואטיווע מענשען און רעאקציאנערען, וועלכע זיינען געגען וועלכער עס איז שריט וואס קען פירען צו מלחמה און עס זיינען פאראן ראדיקאלען און סאציאליסטען, וועלכע זיינען גרייט, אפילו צו גיין אין מלחמה אין דעם קאמף געגען פאשיזם. אייניגע סאציאליסטען גלויבען אז צו זיין א פאסיפיסט אין דער איצטיגער צייט איז גאר אן אומגליק פאר אונזער ציוויליזאציע און א געפאר פאר דער דעמאקראטיע וואס איז נאך פארבליבען אויף דער וועלט. פאסיפיזם אין דער איצטיגער צייט, זאגען זיי, מיינט צו שטארקען די הענט פון די פאשיסטען; עס מיינט די פארניכטונג פון פרייהייט און דעמאקראטיע ניט נאר אין אייראפע, נאר מעגליך אויך דא אין אמעריקע.

אויף דעם ענטפערט דער אנדער צד, דער „אייסאלעישאניסט", אז די ערפארונג האט אונז געלערענט, אז דורך א מלחמה קען מען די וועלט ניט בעסער מאכען. די לעצטע מלחמה איז געפירט געווארען צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע. געבראכט האט גאר די מלחמה פאשיזם. היינט ווער ווייס וואס פאר א צרה די נייע מלחמה וועט ברענגען.

דערצו דארף מען געדענקען אז א מלחמה איז שוין דער אנפאנג פון א רעאקציע. דעמאקראטיע און פרייהייט ווערט אפגעשטופט אן א זייט און עס הויבט אן הערשען א דיקטאטור. דאס איז אייגענטליך דער אנפאנג פון פאשיזם.

אט די צוויי שטאנדפונקטען ווערען אפגעשפיגעלט

אין די דעבאטען אין קאנגרעס, אין ביכער און זשורנאלען, און אין דיסקוסיעס, און געשפרעכען אויף פארשידענע פארזאמלונגען.

עס איז אינטערעסאנט צו באטראכטען די געדאנקען און ארגומענטען וואס ווערען אנגעגעבען אין פארטיידיגונג פון די צוויי שטאנדפונקטען.

אונז אינטערעסירען ניט נאטירליך די טענות פון די רעאקציאנערען און די פאליטישענס, וועלכע פארטיידיגען איין שטאנדפונקט אדער דעם צווייטען צוליב פאליטישע אדער פערזענליכע צוועקען. מיר ווילען באטראכטען די מיינונגען פון אזעלכע מענשען וועלכע זיינען אויסען די טובה פון לאנד און וועלכע זיינען פאראינטערעסירט, אז פרייהייט און דעמאקראטיע זאל הערשען אויף דער וועלט.

דער צד וואס איז פאר קאאפעראציע מיט די דעמאקראטישע לענדער פון איראפא אין זייער קאמף געגען פאשיזם איז אמבעסטען אויסגעדריקט געווארען פון מר. לואיס מאמפארד אין זיין בוך „מען מאסט עקט”. מר. מאמפארד איז א באוואוסטער עקאנאמיסט, א ליבעראל און א שטארקער אנהענגער פון פרעזידענט רוזוועלט'ס רעפארמען. ער האלט, אז דער קאמף געגען פאשיזם דארף געפירט ווערען אויף צוויי פראנטען — דורך שטרענגע מיטלען געגען פאשיסטען דא אין לאנד און דורך שטיצען די דעמאקראטיען. פון איראפא אין פאל פון א צוזאמענשטויס מיט די פאשיסטישע מלוכות.

וואס אנבאלאנגט דעם קאמף געגען פאשיזם דא אין לאנד, שלאגט מר. מאמפארד פאר, אז אמעריקע זאל פשוט ערקלערען א בויקאט געגען די פאשיסטישע מלוכות. ער וויל אז אמעריקע זאל ליקווידירען אלע אירע אינוועסטמענטס אין די פאשיסטישע לענדער און אז זי זאל אויפהערען האנדלען מיט זיי. ער שלאגט אויך פאר, אז מען זאל פארבאטען אמעריקאנער בירגער צו באזוכען דייטשלאנד, איטאליע און יאפאן, אדער אנדערע לענדער וואו עס הערשט א פאשיסטישע ארדנונג. אמעריקע זאל אויך פארבאטען די שיפען פון די פאשיסטישע מלוכות אריינצוקומען אין אונזערע האפענס, און אז מען זאל ניט אריינלאזען קיין אמעריקע קיינעם וואס קומט פון א פאשיסטישער מלוכה. נאטוראליזירטע בירגער, וועלכע נעמען אן די פאשיסטישע אידעאלאגיע און זיי שווערען טרייהייט צו די פאשיסטישע פירער זאלען פארלירען זייער בירגערטום.

דאס איז א גאנץ ווייטגרייכענדע פראגראם, וועלכע קען פירען צו מלחמה. ער גלויבט, אז אן איבעררייס פון האנדעלס באציהונגען מוז ניט דוקא פירען צו מלחמה. אויב אבער מען וועט אין דעם קאמף געגען פאשיזם אן א מלחמה ניט קענען אויסקומען, איז ער גרייט צו גיין אין מלחמה אבי צו פטור ווערען פון פאשיזם, פאר וועלכען ער האט מער מורא ווי פאר מלחמה. ער זאגט גאנץ אפען, אז ווען פאר אים זאל שטיין דער אויסוואל: פאשיזם אן מלחמה, אדער מלחמה צו טויטען דעם פאשיזם, וואלט ער אויסגעקליבען מלחמה.

מר. מאמפארד איז שטארק אונצופרידען וואָרום מיר זיינען צו טאלעראנט צו די פאשיסטען דא אין לאנד, וועלכע טוען אלעס צו דיסקרעדיטירען אונזער דעמאקראטיע. ער האלט, אז די דעמאקראטיען שוואכען זיך אליין אפ מיט דעם וואס זיי ערלויבען די פאשיסטען אונטערצוגראבען דעם פונדאמענט פון דעמאקראטיע און די דעמאקראטישע לענדער.

וואס אנבאלאנגט דער אויסלענדישער פאליטיק פון אמעריקע דארף זי קאאפערירען מיט די דעמאקראטיען פון איראפא און זי דארף זיי העלפען מיט שפייז און אמוניציע אין פאל פון א מלחמה געגען די פאשיסטישע לענדער.

מר. מאמפארד ארגומענטירט, אז אונזער הילף צו די דעמאקראטישע לענדער פון איראפא איז אונזער בעסטער שוץ־מיטעל געגען דעם פאשיזם. ווען דער פאשיזם זאל באזיגט ווערען אין איראפא, וועט אוועקפאלען די געפאר פאר אמעריקע. היינט וואָרום ווארטען ביז דער פאשיזם וועט שטיין ביי אונזער טיר, ווען מיר קענען העלפען טויטען די בעסטיע אויף יענער זייט ים?

די „איזאלאציאניסטען” האלטען ניט פון אזא פראגראם. זיי גלויבען, אז פאשיזם קען ניט באקעמפט ווערען בלויז דורך פראפאגאנדע און אפילו ניט דורך מיליטערישע מיטלען. דורך רעפארטאציעס פון פאשיסטען און דורך בויקאט אויף האנדעל וועט מען ניט טויטען די באצילען פון פאשיזם אין די דעמאקראטישע לענדער. פאשיזם, זאגען זיי, ווערט אנגענומען אין א לאנד ניט אויס וואוילטאג, נאר אלס רעזולטאט פון נויט. די איטאליענער האבען אנגענומען דעם פאשיזם אונטער אומשטענדען פון שרעקליכער נויט. דאס זעלבע האט פאסירט אין דייטשלאנד. אויב אלזא, די עקאנאמישע אומשטענדען זאלען זיך ניט פארבעסערען דא אין אמעריקע און אויב די פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט זאל ניט געלייזט ווערען, וועט דא געשאפען ווערען א גינסטיגער באדען פאר פאשיזם, און עס וועלען ניט העלפען די דעפארטאציעס און גזירות געגען די פאשיסטען.

דער פארגעשריטענסטער פארטיידיגער פון דעם צד איז סטוארט טשעיס, וועלכער האט וועגען דעם אנגעשריבען א בוך „די וועסטערן פראנט”. ער האלט אז דער בעסטער וועג צו ראטעווען אמעריקע פון פאשיזם איז צו פארבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון די מאסען. ער גיט אן דעם פאלגענדען ארגומענט: די פאשיסטען האלטען אין איין דערציילען וועגען די גליקען פון פאשיזם, און זיי אונטערשטרייכען דעם פאקט אז אין די פאשיסטישע לענדער איז קיין ארבייטסלאזיגקייט ניטא. עס פעלען נאך דארט אויס ארבייטער. עס איז טאקע אמת, אז די ארבייטסלאזיגקייט איז דארט אפגעשאפט געווארען צוליב דער אונגעהייערער באוואפענונגס פראגראם וואס די פאשיסטישע לענדער פירען דורך. אזא פראגראם איז א רואינע פון א לאנד. סוף כל סוף וועלען די פאשיסטישע לענדער פון דעם שטארק ליידען. זיי וועלען צוזאמענברעכען עקאנאמיש און פינאנציעל פון דער אונגעהויערער לאסט פון דער באוואפענונג, וועלכע פארצערט די עקאנאמישע און פינאנציעלע מעגליכקייטען פון לאנד.

דאס איז אבער אן ארגומענט פאר אינטעליגענטע מענשען, וועלכע קענען באגרייפען עקאנאמישע פראגען. דער פשוט'ער עולם קלייבט זיך אין אזעלכע פראגען ניט פאנאנדער. דער ארבייטסלאזער, וועלכער ליידעט הונגער און נויט, קימערט זיך ניט וואס עס וועט זיין שפעטער. ער דארף איצט א דזשאב, ווייל זיין פרוי און קינדער בעטען עסען. ווען מען דערציילט אים, אז אין די פאשיסטישע לענדער איז קיין ארבייטסלאזיגקייט ניטא און אז יעדער איינער האט א דזשאב, ווירקט דאס אויף אים. עס איז דעריבער גאר ניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט אז דער אמעריקאנער ארבייטסלאזער, אין א שטופע פון פארצווייפלונג, זאל זיך ניט אנבאפען אן א פאשיסטישען דעמאגאג, וועלכער וועט אים פארשפרעכען א זיכערען דזשאב אונטער פאשיזם.

די אמעריקאנער האבען טאקע ליב זייער פרייהייט און זיי וועלען קעמפען ווי ווייט מעגליך די פרייהייט אנצוהאלטען. עס איז אבער א גרויסער צווייפעל צי זיי וועלען זיין באגייסטערט צו קעמפען פאר פרייהייט און דעמאקראטיע, ווען דער אויסוואל זאל זיין פאשיזם מיט דזשאבס, אדער דעמאקראטיע מיט א גרויסער ארבייטסלאזיגקייט און מיט הונגער און נויט פאר די ברייטע מאסען.

די געפאר פון פאשיזם ליגט ניט אזוי פיל אין דער פראפאגאנדע פון די פאשיסטען, ווי אין דער ארמיי פון עלף מיליאן ארבייטסלאזע, און אין די 20 מיליאן אמעריקאנער, וועלכע זיינען געצוואונגען אנצוקומען צו רעליף, ווייל די ברויטגעבער קענען קיינע דזשאבס ניט קריגען. די פאטענציעלע געפאר פון פאשיזם ליגט דעריבער הויפטזעכליך אין דער געוואלדיגער ארבייטסלאזיגקייט וואס מיר האבען דא אין אמעריקע.

די פראגע איז אבער ווי אזוי קען דאס געטאן ווערען?

שוין באלד זיבען יאר ווי אמעריקע זוכט מיטלען צו לייזען די דאזיגע אנגעווייטאגטע פראבלעם און איר איז נאך אלץ ניט געלונגען די פראבלעם צו לעזען. די צרה איז וואס אמעריקע ענטוויקעלט זיך צו שנעל אויף דעם געביט פון ערפינדונגען און טעכנישע אויסבעסערונגען. מיר האבען שוין דערגרייכט, צום ביישפיל, אזא שטופע פון פראדוקציאן ווי אין 1927, דער יאר פון דער גרעסטער פראספעריטי. דאך האבען מיר נאך אלץ איבער עלף מיליאן ארבייטסלאזע. דאס איז דערפאר וואס די פראדוקציאנס פעהיגקייט פון די אמעריקאנער ארבייטער איז פאר די לעצטע צען יאר כמעט פארדרייפאכט געווארען. די ארבייטער, קענען איצט פראדוצירען אין א 35 שטונדיגער ארבייטס־וואך פונקט אזוי פיל ווי זיי האלטען פראדוצירט אין 1929 אין א 90 שטונדיגער וואך. צוליב דעם זיינען מיליאנען ארבייטער אן דזשאבס.

אום צו לעזען די פראבלעם, דארף מען פראדוצירען מער סחורות. אמעריקע איז רייך גענוג אין נאטירליכע אוצרות און אין רויע מאטעריאלען און זי האט די מעגליכקייט צו פראדוצירען מער סחורות. דער אמעריקאנער עולם קען פארברויכען מער שפייז און סחורות. די צרה איז אבער וואס דער ברייטער עולם האט ניט גענוג געלט צו קויפען אלעס וואס ער דארף און וואס ער קען פארברויכען.

עס איז דעריבער נויטיג צו פארגרעסערען די קויף קראפט פון די ארבייטער. אום דאס צו דערגרייכען, מוזען געמאכט ווערען וויכטיגע רעפארמען אין דער פארטיילונג פון דעם אלגעמיינעם איינקונפט פון לאנד. ווי די לאגע שטייט איצט פארדינען 71 פראצענט פון די אמעריקאנער פאמיליעס ווייניגער פון 25 דאלאר א וואך. 42 פראצענט פארדינען ניט גענוג אויף אן אנשטענדיגען לעבען. היינט ווי אזוי קען מען ערווארטען אז עס זאל געשאפען ווערען א פארגרעסערטע פראדוקציע פון סחורות, ווען דער עולם האט ניט די מעגליכקייט די סחורות צו פארברויכען?

וואס מען דארף דעריבער טאן איז פריהער פון אלעס פארגרעסערען די רעליף אויסגאבען אויף קהל'שע ארבייטען. דאס וועט פארגרעסערען די קויף־קראפט פון די מאסען און עס וועט געשאפען ווערען א פארגרעסערטער פארלאנג פאר נייע סחורות. דאס אליין איז אבער ניט גענוג. רעליף קען דינען בלויז אלס א צייטווייליגער מיטעל צו פארקלענערען ארבייטסלאזיגקייט. מען מוז אויך רעארגאניזירען די אינדוסטריען אז זיי זאלען אוועקגעשטעלט ווערען אויף א זיכערען באדען. פאר דעם צוועק שלאגט פאר מר. טשעיס, אז מען זאל אפשאפען די באנדס אויף די אינדוסטריעלע אינוועסטמענט.ס וועלכע זיינען פארפליכטעט צו צאלען דיווידענטען צי עס איז פאראן פראפיט אדער ניט. צוליב דעם געפינען זיך פילע אינדוסטריען אויפ'ן שוועל פון באנקראט. די באנדס דארפען אויסגעביטען ווערען אויף סטאקס, וועלכע צאלען דיווידענטען בלויז דאן ווען עס זיינען פאראן פראפיטען. דאן וועלען די פרייזען אויף פראדוקטען קענען פארקלענערט ווערען און זיי וועלען ווערען מער צוגענגליך פאר די ארימע מאסען.

וואס אנבאלאנגט דער אויסלענדישער פאליטיק פון אמעריקע, האלט מר. טשעיס, אז זי דארף זיך גאר ניט מישען אין די איראפעאישע אנגעלעגענהייטען און זי דארף זיך אזוי אפזונדערען, אז זי זאל אונטער קיינע אומשטענדען ניט אריינגעצויגען ווערען אין א מלחמה. מר. טשעיס איז זאגאר גרייט אויפצוגעבען דעם גאנצען אויסלענדישען האנדעל מיט איראפא, ווייל דער אמעריקאנער קאנטינענט קען זיין א גענוגענדער מארק פאר די אמעריקאנער סחורות. ער ווייזט אן אז אפילו אין די בעסטע יארען פון פראספעריטי, האט דער אויסלענדישער האנדעל ניט באטראפען אין דורכשניט מער פון זיבען און א האלב פראצענט פון דעם יערליכען איינקונפט אין די פאראייניגטע שטאטען. צוליב אזא קליינעם פראצענט פון האנדעל לוינט זיך ניט צו שטעלען אין געפאר די זיכערקייט פון אמעריקע.

דערפאר האלט מר. טשעיס, אז אמעריקע דארף זיך אין גאנצען איזאלירען פון איראפא און זי דארף זיך ניט מישען אין דעם וואס דארט קומט פאר.

די עקאנאמישע רעפארמען וואס מר. טשעיס שלאגט פאר אלס א ווירקזאמער מיטעל געגען פאשיזם, וועלען זיי זיכער פארשריען ווערען פון די קאפיטאליסטען אלס א רואינע פאר'ן לאנד. דאך זיינען פונקט אזעלכע רעפארמען דורכגעפירט, געווארען פון די פאשיסטישע דיקטאטארס, פאר וועלכע פילע קאפיטאליסטען בוקען זיך.

זאגט טאקע מר. טשעיס, אז די קאפיטאליסטען וועלכע זיינען באגייסטערט פאר'ן פאשיזם גראבען זייער אייגענעם קבר.

דא אין אמעריקע קען מען דורכפירען אזעלכע רעפארמען אויף א דעמאקראטישען אופן, אן טעראר און אן גרויזאמע פארפאלגונגען. עס איז דעריבער נאריש פאר די קאפיטאליסטען, זאגט מר. טשעיס, צו באקעמפען די מילדע רעפארמען פון דעם ניו דיעל”.

די געדאנקען און ארגומענטען פון די צוויי אויבענדערמאנטע עקאנאמיסטען זיינען אינטערעסאנט באטראכט צו ווערען, כאטש ניט מיט אלעס וואס זיי זאגען קענען מיר איינשטימען פון א סאציאליסטישען און ארבייטער שטאנדפונקט. ביידע פראגראמען האבען אי מעלות אי חסרונות. די עקאנאמישע פראגראם פון מר. טשעיס האט גאר גרויסע מעלות. אבער עס איז שווער איינצושטימען מיט זיין פארשלאג, אז אמעריקע זאל אין גאנצען ניט העלפען די דעמאקראטישע לענדער פון איראפא אין פאל פון א מלחמה געגען די פאשיסטישע מלוכות. פון די ביידע פראגראמען קען מען אויסארבייטען אן אידעאלען פלאן סיי פאר דער עקאנאמישער אויפלעבונג פון אמעריקע און סיי פאר דעם קאמף געגען פאשיזם פון אינעווייניג און פון דרויסען.

א משכון

נח גאלדבערג.

(דערציילונג)

דייוו האט זיך אויפגעכאפט, ווען דער פרימארגען האט שוין אריינגעקוקט אין די פארהאנגענע פענצטער. און א שטרייף פון דער ערשט אויפגייענ־דיגער זון האט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין שלאף־צימער און אפגעפארבט סעמקעס, זיין קינדס, קעפל־האר אויף גאלד. ער האט זיך אנגעטאן אין דער שטיל. ניט געוואלט אויפוועקן דעם אינגל. אויך בעסי׳ן, דער ווייב און אויסהערן איהרע טענות, וואס חזר׳ן זיך איבער אלע טאג מיטן זעלבן נוסח:

— וואס וועט זיין דייוו? דער אינגעל איז דאך שוין אויסגעדארט. ער וועט אוועקפאלען. כ׳רייד שוין ניט פון זיך און דו האסט איין לידעלע: ניטא קיין ארבייט!

ווען ער האט שוין גענומען דעם רענצעל אין האנט, אין וועלכן ס׳איז געלעגן זיינע אוועראלס און געצייג, האט אים בעסי, פלוצים א רוף געטאן:

— ווען קומסטו תכשיט מיינער?

אים איז איינגעפאלען דאס הארץ. געמיינט, אז עס הויבט זיך שוין ווידער אן דאס זעלבע, וואס נעכטען און וואס אלע טאג, זינט ער איז ארבייטסלאז. אבער געענטפערט האט ער איהר ניט. איז צוגעגאנגען צום קינד׳ס בעטעל, געווארפען א פינצטערן בליק צום אינגעל, וואס איז געשלאפען מיט צעשפרייטע הענטלעך און שלעפענדיג זיינע לאנגע פיס איבערן רויט אפ־געפארבטען דיל, איז ער ארויס פון שטוב.

דער פרימארגען האט איהם באגעגענט מיט א פרישען ווינטעלע, וואס האט זיך געשפילט מיט זיינע האר. דייוו איז געגאנגען און געטראכט: שוין שפעט! ער וועט זיכער פערשפעטיגען.

און אזוי גייענדיג האט ער זיך פארגעשטעלט. ער וועט צוגיין צו מיסטער קאמינסקי׳ן, אים דעם גאנצען אמת דערציילען, אז אין הויז איז ניטא וואס צום עסען און סעמקע, וועט אוועקפאלען. יע, ער וועט דעם גאנצען אמת ערציילען. אפשר וועט דאס העלפען קריגען דעם דזשאב? און אפשר ניט?

פאר אט דעם געדאנק, אז ער וועט דעם דזשאב ניט קריגען, האט ער זיך געשראקען און פארגיכערט די טריט. איצט איז ער כמעט געלאפען איבער די אספאלטענע, אפגעוואשענע טראטוארען, וואס האבען געשמעקט מיט פרישען ליים.

ווען ער איז צוגעגאנגען צו קאמינסקי׳ס פיינט־סטאר, איז שוין דארט געווען א היפשער עולם. די פארזאמעלטע ארבייטער האבען פון ווייטען נאך, זיך צעשריען אויפן קול:

— זעט ווער עס גייט — העלא דייוועניו! וואס מאכסטו? שוין לאנג ניט געזען זיך. דאכט זיך, אז פון נעכטען אן! א יע, דייוועניו?

אברהם קארקען־ציער, אזוי האט מען איהם גע־רופען, ווייל, ווען ער האט געארבייט אין אן „אפארט־מענט־הויז" פלעגט ער זוכען אין אלע שאפעס: פלעש־לעך — גרויסע, קליינע, גרינע, בלויע. ער האט זיי געמוזט אויפקארקעווען, א שמעק טאן פון זיי און זען צי ס׳איז דארט פאראן שנאפס. אברהם האט זיך ארויס־געדוקט פון צווישען די ארבייטער און פינטלענדיג מיט זיין בעלמעדיגער אויג א זאג געטאן:

— דייוועניו, זי האט דיר טאקע ארויסגעווארפען פון — — — זע דייוועניו, ווי דו קוקסט אויס אבי־סעל? א שענערען לייגט מען דאך אין דער ערד!

סאל „דער גאנער" האט מיט זיין אויסגעבוי־גענער, לאנגער האלז אויסגעזונגען:

— קום נאר אהער יום־טוב מיינער! — ביים גאנער איז געווען א יום־טוב, ווען ער האט דערזען דייוו׳ן. געהאט פון וועמען אפצולאכען און אים, דייוו׳ן האט ניט געארט. וואס מען לאכט פון אים, אין גע־גענטייל, ער אליין האט אויך געלאכט מיט זיינע אפ־לאכער...

אמאל איז דייוו געווען א כוואט. אז מען וואלט פון אים אפגעלאכט מיט יארען צוריק הא, הא. ער וואלט פארפארען אין מארדע, אז יענער וואלט די ציי־נער צוזאמענגעקליבען. אבער היינט האבען אים די צרות דערשלאגען. גייט ער ארום און שוויגט, ווי א לעמעלע...

סאל־גאנער האט אנגעהויבען רײדען אויף א קול:

— דייוועניו, פעלסט צו א מיניען (מנין). איז אפשר זאלסטו רירען מיט א פיסעל און אנהויבען זאגען קדש? ווייל, ווי מיר דוכט זיך, איז דער באלעבאס וואס האט אנגאנסירט נאך ארבייטער געשטארבען. איז א פלאן, אז דו זאלסט ווערען זיין יורש, וועסטו אונז אויך געבען א „ברעיק"...

דייוו האט לעמעשקעוואטע געשמייכעלט. זיינע אויגען האבען זיך צוזאמענגעצויגען, ווי מאנדלען. ער האט געטראכט: נאך אלעמען איז מיט אט דער חברה, בעסער איידער מיט דער ווייב אין דער היים. אט שפאסט מען. א קיבעץ אהער, א קיבעץ אהין. עס איז פריילעך. און אין דער היים? ווי נאר ער עפענט די טיהר פרעגט זי אים גלייך: — האסט עפעס געבראכט דייוו? פוילסט זיך א?

און טאמער טרעפט, אז זי שוויגט, איז נאך ער־גער. דאמאלסט ווייסט ער שוין, אז פונם שוויגען וועט אויסברעכען א שטורעם און אגב דאס אריבערטראגען אירע שטומע בליקען קאסט אים מעהר געזונד, ווי אירע רייד...

פונדעסטוועגען, אז דער גאנער האט אים אנגע־הויבען צופען ביים ארבעל, צי ס׳איז טאקע אמת, אז זיין ווייב האט אים ארויסגעווארפען פון — — — האט ער רויט ווערענדיג, ווי א בורעק, געענטפערט:

— גיי אין דער ערד אריין, דו פארשיווער גא־נער! סקעבאטש! דו לאכסט און ביי מיר איז ניטא וואס צו עסען.

— זע נאר זע, ווי די קליפע האט זיך צעשריען אביסעל אויפן ניכטערן מאגען! — האט דער „גא־נער" געענטפערט — וואס מיינסטו, ביזט דער איינ־ציגער דאשעק אין פאלק? מיר איז דען בעסער פאר דיר? גולם!

אברהם קארקען־ציער, האט זיך אויסגעדרייט צו די ארבייטער:

— אין די קומענדיגע יונגע „עלעקשאנס" וועלען מיר ערוויילען אט די צוויי אויסגעצייכענטע רעדנער — האט ער אנגעוויזען אויף דייוו׳ן מיטן גאנער — נאך אלעמען דארף מען דאך אין דער יונגע אזעלכע קלוגע קעפ.

א פאר ארבייטער, מיט קראנקע, פאררויטעלטע באקען האבען זיך אפגערופען:

— קארקע, א ניכפע דיר! אויף וועטשערע דעם אפטייק און לאז הערען א מענשליכען ווארט!

צום „פיינט סטאר" איז צוגעפארען א נייער אוי־טאמאביל און זיך אפגעשטעלט. פון דער צעעפענטער טירעל אין ארויס א קליין, דאר פארשוינדעל, אן א רעקעל, מיט א צעכראסטעטער העמד און ניט קוקענדיג אויף די ארבייטער, האט ער געזאגט, ווי ער וואלט געווארפען די ווערטער אין דער לופטען:

— האלא, באיעס!

די, וואס האבען אים, נאך פון פריער געקאנט, האבען געענטפערט:

גוד מארנינג, מיסטער קאמינסקי!

מיט א שפיץ אויגעלע, האט קאמינסקי באטראכט די ארבייטער און מיטן זעלבען בליק, זיי באטאפט, אפ־געמאסטען, ווי פערד אויפן מארק. ער האט געוואלט טרעפען: ווער פון זיי וועט קאנען געבען א גוטען טאג ארבייט. גוט באטראכטענדיג א פאר ארבייטער, צו זיי א וואונק געגעבען, אז זיי זאלען אריין אין פיינט־סטאר און צו די איבעריגע געזאגט:

— „סארי, באיס. דאט׳ס אל פאר טודעי!"

צווישען די גליקליכע האט זיך אויך געפונען דייוו. ביי אים האבען די באקען, וואס זיינען געוויינטליך בלאס, באגאסען געווארען מיט א רויטליכען קאליר, אין די אויגען האבען זיך פריידיגע פייערליך צעצונדען. ער האט געפילט: ארומצוכאפען אימיצען און שרייען:

— כ׳האב א דזשאב!!!

קאמינסקי, האט דייוו׳ן אריינגערופען צו זיך הינ־טער׳ן אפצאם, וואו עס איז געשטאנען אן אלטער שרייב־טיש. ער האט זיך פאר קאמינסקי׳ן אויסגע־צויגען, ווי א סאלדאט פאר אן אפיציער. און געווארט אויפן גליקליכען ווארט, אז דער באלעבאס זאל אים זאגען: — וועסט ארבייטען.

— זעץ זיך דייוו — האט אים קאמינסקי אנגע־וויזען אויף א פארמאכטען עמער־פארב. דייוו האט זיך גערן אוועקגעזעצט. אים האט טאקע ווי געטאן די פיס, פונם לאנגען וועג, וואס ער איז געגאנגען צו פוס און סיי פונם שטיין לעבען פיינט־סטאר, מעהר ווי א שעה.

— ווייסט דאך, דייוו, אז איך בין אן ערליכער מענש, א יע?

— נו, געוויס! — האט אים דייוו געענטפערט און ניט פארשטאנען, ווארום קאמינסקי האט פלוצים געפרעגט אזא פראגע. פאר דייוו׳ן האט דאס פרעגען אויסגעזען זייער נאריש, ווייל וואס עפעס אין מיט׳ן דרינען „ערליכער". און וואס פארא ערליכער איז ער? ער, דייוו, קאן דאך אים שוין א היפשע פאר יאר. אבער זאגען דעם אמת, האט ער ניט געוואלט...

— נו, איז הער זיך איין, דייוו — האט קא־מינסקי ווידער אנגעהויבען — כ׳האב אריינגעקראגען א סך ארבייט. איז אויב דו וועסט זיין א גוט באי... וועסטו מאכען א לעבען...

— וואס הייסט, געוויס וויל איך זיין א גוט באי, אבער איך ווייס ניט וואס איר מיינט.

— איך וועל מיט דיר רײדען אפען, כדי דו זאלסט מיר גוט פארשטיין: דו ביסט דאך א יוניע־מאן, א יע?

— געוויס!

— נו, און ביי מיר איז א סטריקט יוניע־שאפ! גאר צאלען דעם פרייז קאן איך ניט. איך קריג אויך ניט קיין סך פונם „לענדלארד", איז וויפיל ווילסטו א וואך?

דייוו האט זיך גערויטעלט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. אין קאפ האבען זיך אים געדאנקען געשפארט, אז ס׳וועט גארניט ווערען פון דעם. ער וועט דורכפאלען... יע, וואס פארא יוניע־שאפ דא איז, האט ער אויך געוואוסט נאך פון פאר צוויי יארען, ווען ער האט דא געארבייט. אבער וואס טוט מען — האט ער געטראכט — וויפיל זאגט מען?

און גראד איצט האט ער, ווי דורך א דינעם גע־וועב, געזען זיין קינד, סעמקע׳ן, ווי ער שטייט און בעט זיך מיט אומעט אין די גרויסע אויגעלעך און מיט א שמייכעל אויף די בלויע ליפעלעך:

— פאפעלע, דו מיר עפעס געבראכט?

דייוו האט דערפילט די האפענונג צו קריגען דעם דזשאב צעקריכט פון צווישען די פינגער, איז ער אויפ־געשפרונגען פון עמער־פארב, ווי פון א טאפ הייסע קוילען און אויסגעשאסען אין איין אטעם:

— מיסטער קאמינסקי, איך מוז קריגען דעם דזשאב. איר געדענקט דאך מיר פון פאר צוויי־יארען, אז איך בין א גוטער בעל־מלאכה. איך בין דאך ניט קיין „קאלאמבוסעס שמירער". איר ווייסט דאך, אז איך קאן מאכען די בעסטע „גרעפטעקס", אין וואס פאר א דעזיין איר ווילט. אויך „גריינען", „גלעזען", „דעקארירען". און פלאסטערן גאנצע ווענט איז א הונט? היינט ווער רעדט וועגען שנעלקייט? איר ווייסט דאך, אז א דריי צימער־אפארטמענט מאך איך אין צוויי טעג און ארבייט „איי נומער וואן!". „פליז, מיסטער קאמינסקי, גיט מיר דעם דזשאב. איר וועט האבען א מצווה. אין שטוב ביי מיר איז ניטא וואס צו עסען און מיין סעמקע, וועט באלד אוועקפאלען. גיט מיר דעם דזשאב!

קאמינסקי האט געקוקט אויף דייוו׳ן מיט אן אי־ראנישען שמייכעלע. אים האט הנאה געטאן, וואס אט שטייט אנטקעגען אים א הויכער געזונטער מאן, מיט הענט ווי לאפעטעס און בעט זיך: „גיט מיר א דזשאב".

— נו, איז וויפיל ווילסטו? זאג! איך האב קיין צייט ניט צו באלמיטשען מיט דיר.

— דייוו האט געעפענט דעם מויל און ס׳האט זיך ביי אים ארויסגעכאפט:

— איך ווייס דאך, אז דעם פרייז צאלט איר ניט. איז פערציג, א? וואס זאגט איר?

קאמינסקי האט זיך סארקאסטיש צעלאכט:

— פערציג דאלאר א וואך? כא, כא, כא. פאר דעם געלט קאן איך דאך קריגען צוויי ארבייטער און בעסערע פאר דיר. לאכסט פון מיר צי דו ווילסט ניט ארבייטען? איך וועל דיר געבען פינף און צוואנ־ציג דאלער. און אויב דו ווילסט ניט, וועל איך גלייך

די אנטשטייאונג פון טרייד־יוניאנס און ארבייטער־פארטייען אין אמעריקא

פון א. יאזעפסאן.

די ערשטע קאלעקטיווע פארהאנדלונגען מיט די באלע־באטים (קאלעקטיוו בארגיינינג) אין אמעריקא

אין די ערשטע יארען, ווען די ארבעטער אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא האבען געארבעט אין די קליינע ווערקשטאטען און פאבריקלאך, וואו מען האט זיך געטראפען מיט'ן באלעבאס טאג־איין, טאג־אויס, אין ווערקשטאט, איז אויב עס איז ווען פארגעקומען א סכסוך צווישען די ארבעטער מיט'ן באלעבאס, האט מען אויסגעגליכט דעם סכסוך גלייך אויפ'ן פלאץ. אבער ווען די אינדוסטריע איז אויסגעוואקסען און די ארבעטער האבען דערפילט, אז יעדער ארבעטער פאר זיך, אדער אפילו א קליינע גרופע ארבעטער פון דעם פאך קענען נישט באשיצען און פארטיידיגען זייערע אינטערעסען, האבען די ארבעטער געגרינדעט סאסייעטיס און יוניאנס, וואס זאלען זיי העלפען צו קעמפען פאר בעסערע לעבענס־באדינגונגען. די באלעבאטים ווידער האבען אויך דערפילט, אז יעדער איינער פון זיי וועט נישט האבען די מעגליכקייט צו באקעמפען די ארבייטער, וואס זיינען ארגאניזירט אין יוניאנס, האבען זיך אויך ארגאניזירט אין אסאסיאיישאנס (פארבאנדען). עס האט דעריבער נישט געקענט זיין קיין רייד, אז יעדער ארבעטער באזונדער זאל פרואווען אויסגלייכען זיין סכסוך אדער קעמפען פאר בעסערע באדינגונגען דירעקט מיט'ן באלעבאס, ווייל אפטמאל האט מען אפילו נישט געהאט די מעגליכקייט צו זעהן דעם באלעבאס חדשים און יארען. האט מען דעריבער געמוזט קומען צום געדאנק פון קאלעקטיווע פארהאנדלונגען.

אין 1802 האבען די דרוקער און שיך־ארבעטער פון פילאדעלפיע געשיקט א קאמיטע פון די ארבעטער צו באזוכען די באלעבאטים און האבען מיט זיי א קאנפערענץ וועגען א העכערונג אויף די שכירות.

אין 1809 האבען די דרוקער ארבעטער פון ניו יארק איבערגעגעבען א צעטעל פון פאדערונגען צו די באלעבאטים. די באלעבאטים אסאסיאיישאן האט אנגענומען א רעזאלוציע, וואס האט זיך געלייענט:

„די טיפאגראפיקאל סאסייעטי גלויבט, אז עס איז וויכטיג צו באמערקען, אבוואל קיין שום סיבה בארעכטיגט נישט די ארבעטערס פאדערונגען, אז זיי זאלען קריגען א העכערונג אין זייערע שכירות, פונדעסטוועגען איז דער באגער פון אונזער סאסייעטי צו טרעפען זיך מיט אייערע פארשטייער מיט דער אבזיכט, כדי אויסצוגלייכען אלע סיכסוכים אויף א הארמאנישען אופן און באזייטיגען אלע שטערונגען פון א געגענזייטיגער פארשטענדיגונג". (זעה: „די אמעריקען לייבאר מאוומענט" פון מערי בירד, זייט 20—21).

אלס א רעזולטאט פון דעם דאזיגען בריוו־אויסטויש האבען זיך די קאמיטעס פון ביידע צדדים געטראפען און געקומען צו א קאמפראמיס וועגען די ארבעטער־פאדערונגען.

אט דער דאזיגער געדאנק און פרינציפ פון קאלעקטיווע פארהאנדלונגען האט זיך זייער גיך פארשפרייט אין אלע אנדערע אינדוסטריען.

די אנטשטייאונג פון דעם „וואקינג" דעלעגאט

ווי נאר די יוניאנס האבען איינגעשטעלט א באשטימטען מינימום פון שכירות („סקייל או ווידזשעס"), האט מען דעם צעטעל פון דעם „סקייל או ווידזשעס" ארויסגעשיקט צו די באלעבאטים. א פארשטייער פון די ארבעטער האט געהאט א רעכט ארומצוגיין (וואקען) צו די באלעבאטים און אכטונג געבען אויב דער באשטימטער מינימום פון שכירות ווערט אפגעהיט. נאך אין יאר 1799 און אין אנפאנג פון 19טען יארהונדערט טרעפען מיר ווי די פילאדעלפיער שיך־ארבעטער און די „פרענקלין טיפאגראפיקאל סאסייעטי" פון ניו יארק האבען ערוויילט קאמיטעס, וואס מען האט דעמאלט גערופען „טרעמפינג קאמיטעס" צו באזוכען די באלעבאטים. אבער אזוי ווי עס האט צוגענומען א סך צייט ביי די מיטגלידער פון די קאמיטעס איז באשלאסען געווארען אנצושטעלען א מענשען און אים באצאלען פאר זיין ארבעט און ער זאל אכטונג געבען צי די ארבעטס־באדינגונגען ווערען אפגעהיט. אזוי ארום איז אנטשטאנען דער „וואקינג" דעלעגאט.

דער פאניק אין 1837.

אין די יארען פון 1836 און אין אנפאנג פון 1837 האבען מאסען פרויען גענומען ־זיך ארייניגיסען אין דעם אינדוסטריעלען שטראם. עס זיינען דעמאלט געווען ארום הונדערט אינדוסטריען וואו די פרויען זיינען געווען באשעפטיגט, ארבעטענדיג פאר זייער קליינע שכירות און לאנגע שעה'ן.

דער עקאנאמיסט מעטיו קערי האט אויסגעחשבונ'ט, אז א פרוי, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, האט אין יענע יארען אין די נאדעל־פאכען געקענט פארדינען נישט מער ווי 58 דאלאר מיט פופציג סענט פאר א גאנץ יאר (אן ערך א דאלאר מיט צען סענט א וואך), און א פרוי וואס האט געהאט קינדער האט פארדינט די סומע פון 36 דאלאר מיט 40 סענט א יאר.

אבער אין 1837 איז די גאנצע פינאנציעלע סיסטעם פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא צוזאמענגעבראכען. א סך פאבריקען האבען זיך צוגעמאכט, די פארמערס האבען נישט געקענט פארקויפען זייערע תבואות. זעקס הונדערט און אכצען באנקען האבען זיך געשלאסען אין איין יאר. די שכירות פון די ארבעטער זיינען מורא'דיג געשניטען געווארען. די שטעט זיינען איבערגעפילט געווארען מיט בעטלער און הונגעריגע מענשען.

כדי צו האבען א באגריף ווי ביטער עס איז געווען די לאגע פון די ארבעטער און ברייטע פאלקס־מאסען אין אמעריקא אין יענער צייט וועלען מיר דא ברייגען די דעקלאראציע פון די מעכאניקער פון ניו יארק, וואס האבען גערופען א מאסען־פארזאמלונג אויף יולי, 1845. אין דער דעקלאראציע לייענען מיר:

„אין ניו יארק אליין געפינען זיך פינף און זעכציג טויזענט ארימע לייט און אין שטאט ניו יארק לעבט א זעקסט־חלק פון דער גאנצער באפעלקערונג פון צדקה. טויזענטער ארבעטער זיינען אויפ'ן שוועל פון פארהונגערען און די „פרייע" ארבייטער פון דער נארט לעבען פיל ערגער ווי די נעגער־שקלאפען פון דער סאוט" (זעה: „די לייבאר מואוומענט די פראבלעם או טודיי", מעקניעל, זייט 102).

די ארבעטער האבען געפילט, אז אין צייט פון קריזיס און פאניק, פון הונגער און נויט, מוזען זיי זיך בעסער ארגאניזירען און צעמענטירען זייערע כחות, כדי צו קענען שטעלען א ווידערשטאנד געגען די אונטערדריקערישע לוינען און ערגערע ארבעטס־באדינגונגען. אט אזוי זעהען מיר, אז די ערשטע קאנווענשאן פון דער ניו ענגלאנד ווארקינגמענס אסאסיאיישאן, וואס איז באשטאנען אם מערסטען פון נישט קוואליפיצירטע ארבעטער און פרויען, איז אפגעהאלטען געווארען דעם 28טען מאי 1845. און אין דער פרינציפען־דערקלערונג פון זייער קאנסטיטוציע ווערט געזאגט:

„אזוי לאנג ווי דער איצטיגער סיסטעם עקזיסטירט מוז דער ארבעטער זיין א שקלאף און די ארבעטער אליין, דורך זייערע ארגאניזירטע כחות, וועלען באפרייען די גאנצע מענשהייט".

דעם 16טען יוני 1845 איז אין ניו יארק פארגעקומען אן אינדוסטריעלער קאנגרעס, וואו עס האבען אן אנטייל גענומען 110 דעלעגאטען, וואס האבען פארטראטען 55 טרייד סאסייעטיס און לאקאל יוניאנס.

דערביי איז כאראקטעריסטיש צו דערמאנען, אז א טייל יוניאנס פון יענער צייט, ווי די דרוקער, ווייטערס און שיך ארבעטער, האבען נישט אריינגעלאזט אלס מיטגלידער אין זייערע ארגאניזאציעס קיין פרויען. מיט דער איינציגער אויסנאם אויב די פרוי איז געווען א טאכטער אדער א פרוי פון א יוניאן־מיטגליד (זעה: „היסטארי או די אמעריקען ווארקינג קלעס". אנטאני בימבא, זייט 102).

דער אויפשטייג אין 1850

אין 1850 הויבט זיך אן אין אמעריקא די אינדוסטריעלע אויפלעבונג און גלייכצייטיג די אויפלעבונג פון די טרייד יוניאנס.

די רעוואלוציעס, וואס זיינען פארגעקומען אין די לענדער פון מערב איירפא אין דעם יאר 1848, ווי די

אריינגערופען אימיצער אנדערש. — און זיך כלומר'שט געלאזט צום טיר.

דייוו איז געשטאנען מיט א צעעפענט מויל:

— פינף און צוואנציג איז זייער ווינציג. אפשר קאנט איר דאבאווען א פאר דאלער?

— כ'קאן ניט, דייוו, מיין „ערען ווארט", כ'קאן ניט.

דייוו האט געוואוסט: פארלירען דעם דזשאב טאר מען ניט. כאטש וויפיל ניט איז, אבי פארדינען אויף דער הוצאה, איז ער מיט א געבויגענעם קאפ צוגעגאנגען נעענטער: אלרייט, מיסטער קאמינסקי. זאל זיין ווי איר זאגט. איז ווען קאן איך גיין צו דער ארבייט?

— קאנסט גלייך גיין — האט אים דער בעל־הבית געענטפערט — אבער דו מוזט מיר אפריער געבען א משכון.

— וואס — האט דייוו צעשטעלט אויף אים זיינע לעמעשקעוואטע אויגען — וואס פארא משכון?

מיט א רוהיגען טאן האט קאמינסקי אים געגעבען צו פארשטיין:

— ביי מיר איז א סטריקט יוניע־שאפ און דו ביזט א יוניע־מאן. דיינע שכירות זיינען צוויי און פופציג דאלער א וואך. היינט, אז דו קריגסט פינף און צוואנציג, בלייבט זיבען און צוואנציג דאלער. איז גיב מיר איצט די זיבען און צוואנציג דאלער אלס א משכון, קאנסטו גיין גלייך צו דער ארבייט. און איך וועל דיר אלע פרייטאג אויסצאלען די פולע סומע, נאר אלע מאנטאג, אז דו וועסט קומען צו דער ארבייט, דארפסטו צוריק ברייגען זיבען און צוואנציג דאלער. א ניט, קאנסטו ביי מיר ניט ארבייטען!

ערשט איצט האט דייוו אנגעהויבען צו פארשטייך. זיין פנים איז פארצויגען געווארען מיט א פינצטערען נעבעל און ניט געזען פאר זיך קאמינסקי'ן, דעם קליינעם מענשעלע, נאר א גרויסען טיגער, וואס וויל אים פארצוקען...

דייווו'ן האט גענומען שווינדלען אין קאפ. ארום הארצען איז הייל געווארען.

ער האט נאך אמאל גענומען אפעלירען צום בעל־הבית, אז אין הויז איז ניטא וואס צום עסען און סעמקע וועט באלד אוועקפאלען. ער האלט זיך קוים אויף די פיסלעך.

זיינע רייד, ווייכע און טיפע, האבען זיך צעטראגען צווישען די קענדלעך פארב און זיינען איינגעזאפט געווארען אין די נייע און אלטע בארשטען, וואס קאמינסקי האט אנגעגרייט פאר די נייע ארבייטער.

דייוו האט געזאגט, אז די זיבען און צוואנציג דאלער, וועט ער זיכער צוריקברייגען מאנטאג אין דער פרי. אגב, זאל ער אים געבען בלויז פינף און צוואנציג, צו וואס טויג אים פרעמד געלט, און ער האט צוגעגעבען:

— מיסטער קאמינסקי, ווען איך וואלט געהאט ניט נאר זיבען און צוואנציג דאלער, בלויז פינף און צוואנציג סענט, וואלט איך ניט געדארפט קומען אהער צו פוס. אויך וואלט איך אריינגעגאנגען אין א קאפעטעריע און אויסגעטרונקען א קאפע. סיידען איר שפאסט פון מיר.

— איך שפאס ניט! וואס מיינסטו, איך בין דיר א אינגעלע? און דאס וואס דו זאגסט, אז דו האסט ניט קיין געלט, בין איך „סארי אלד באי"...

דייוו האט פון ווערסטעל־קעשענע ארויסגעכאפט זיין אלטען זייגערל:

דער בעל־הבית האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגערל און ער האט זיך צעשריען:

— ווי וואגסטו פון מיר אפצולאכען, דו שנארער דו! ארויס פון מיין סטאר!

דייוו איז אויף א ווילע שטיין געבליבען פנים אל פנים מיט'ן בעל־הבית. ער האט צואמענגעדריקט זיין האנט אין א מעכטיגען פויסט און דאס געוואלט אריינזעצען קאמינסקי'ן אין פנים אריין, און אויסשרייען: נא דיר א משכון! ער האט זיך אבער דערמאנט אן ווייב, אן קינד און איז מיט גיכע טריט ארויס פון פיינט־סטאר, און זיך געלאזט צו דער גאס וואו די יוניאן האט זיך געפונען.

רעוואלוציעס אין דייטשלאנד, בעלגיען, אונגארן א. א. וו. האבען געבראכט צו די ברעגעס פון אמעריקע א גרויסע צאל אימיגראנטען.

די סטאטיסטיק באווייזט, אז פון 1790 ביז 1845, דאס הייסט אין 55 יאר צייט, האבען בלויז איין מיליאן מענשען אימיגרירט קיין אמעריקע, אבער פון 1845 ביז 1855, אין צען יאר, זיינען גאנצע דריי מיליאן מענשען געקומען קיין אמעריקע. און אויב די פריערדיגע אימיגראנטען זיינען אם מערסטען באשטאנען פון פארמערס, וואס האבען געזוכט פאר זיך פארמס אין אמעריקע און במילא זיך צושפרייט איבער אלע שטרעקעס און וועגען פון לאנד, זיינען אבער די שפעטערדיגע אימיגראנטען, פון 1845, באשטאנען אם מערסטען פון ארבעטער און אנשטאט אויסצושפרייטען זיך איבער'ן לאנד האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין די אינדוסטריעלע צענטערס פון לאנד. די אימיגראנטען זיינען געווארען דער רוי־מאטעריאל פאר דער אויפשטייגענדער מאדערנער אינדוסטריעלער טעכנישער אנטוויקלונג פון אמעריקע.

די ארבעטער אין אמעריקע האבען מורא געהאט, אז די אימיגראנטען וועלען פארערגערען די לאגע פון די היגע ארבעטער און אין 1850 האבען די סטאליארעס פון ניו יארק און אנדערע שטעט באשלאסען אויסצוקלעפען בלעטלאך אין די אימיגראנטישע קווארטאלען, כדי צו אינפארמירען זיי, אז זיי, די אימיגראנטען, קענען קריגען ארבעט און גוטע שכירות און נישט ארייפאלען אין אונזיכערע הענד. עס איז אויך באשלאסען געווארען ארייצושטעלען אן אדווערטייזמענט אין די צייטונגען פון דייטשלאנד וועגען דעם. (זעה „אמעריקען לייבאר מואווענט" פון מערי בירד, זייט 64).

אבער דער שרעק פון די אמעריקאנער ארבעטער אין יענער צייט פאר די אימיגראנטען, איז געווען אומזיסט, ווייל גראד יענער טייל אימיגראנטען, וואס זיינען געקומען קיין אמעריקע נאך די רעוואלוציעס פון מערב־איירעפע אין 1848, זיינען געווען סאציאליסטיש און ראדיקאל געשטימט און געהאלפען אויפבויען די היגע ארבעטער באוועגונג.

אט אזוי זעהען מיר, אז אין 1850 איז די טיפאגראפיקאל יוניאן געווארען א נאציאנאלע ארגאניזאציע, אין 1856 זיינען ארגאניזירט געווארען די „יונייטעד סיגאר מייקערס", די אפהאלסטערערס, די העט פינישערס און די ארבעטער פון צענדליגער אנדערע פאכען.

דער וואוקס פון די יוניאנס האט אנגעהאלטען אפילו אין צייט פון בירגער־קריג, וואס האט זיך אנגעהויבען אין די פאראייניגטע שטאטען אין 1861.

די פאלגענדע טאבעלע ווייזט דעם וואוקס פון די יוניאנס אין צייט פון בירגער־קריג 1863 ביז 1864.

שטאט	צאל פון יוניאנס 1863	1864
קאנעטיקוט	1	6
דעלעווער	—	1
אילינאי	1	10
אינדיאנא	3	17
קענטאקי	2	8
ווירדזשיניע	1	1
מעין	—	1
וויסקאנסין	—	1
מאסאטשוזעטס	17	42
מישיגען	4	9
מיזורי	4	9
ניו העמפשיר	3	5
ניו דזשוירזי	4	10
ניו יארק	16	74
אהייא	4	16
פענסילווייניע	15	44
ראוד איילאנד	1	7
טענעסי	1	2
צוזאמען	77	263

אבער ביז 1863 האבען כמעט אלע יוניאנס פון אמעריקע געטראגען א כאראקטער פון לאקאלע ארגאניזאציעס. קיין נאציאנאלע פאראייניגונגען זיינען נישט פארגעקומען. ערשט אין 1863 הויבט זיך אן א באוועגונג צווישען די אמעריקאנער ארבעטער, אז די יוניאנס זאלען ארגאניזירט ווערען אויף א נאציאנאלען מאסשטאב. און אין 1864 טרעפען מיר שוין צען יוניאנס, וואס זיינען ארגאניזירט נאציאנאל.

די גרינדונג פון דער „נעשאנאל לייבאר יוניאן" און זעלבסטשטענדיגע ארבעטער פאליטיק

אין אויגוסט 1866 איז ביי א קאנווענשאן אין באלטימאר ארגאניזירט געווארען די „נעשאנאל לייבאר יוניאן", וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט א נאציאנאלע ארגאניזאציע פון אלע יוניאנס פון אמעריקע.

די פירער פון דער „נעשאנאל לייבאר יוניאן" זיינען געווען: וו. סילוויס, דער פירער פון דער מאולדערס יוניאן; ר. טרעוואליק, פון דער שיף קארפענטערס יוניאן; טאמאס פיליפ, פון די שיך ארבעטער יוניאן און אירא סטיווארד, דער אגיטאטאר פאר אן אכט־שעה'יגען ארבעטס־טאג.

די ערשטע קאנווענשאן פון דער נעשאנאל לייבאר יוניאן האט באשלאסען צו גרינדען א נאציאנאלע רעפארם לייבאר פארטיי.

„דער ציל איז, — זאגט די רעזאלוציע, — אז עס זאל געשאפען ווערען א געזעץ פאר אן אכט שעה'־דיגען ארבעטס־טאג דורך דעם קאנגרעס און די סטייט לעגיסלייטורס. די לייבאר פארטיי זאל נישט גלייך געגרינדעט ווערען, נאר עס זאל געשאפען ווערען דערווייל „ליגס", וואס זאלען פראפאגאנדירען דעם אכט שעה'דיגן ארבעטסטאג".

דער סאציאליסט, שלאנגער, אן אנהענגער פון לאסאל, האט פארגעשלאגען, אז די קאנווענשאן זאל זיך אפיציעל ארויסזאגען פאר זעלבסטשטענדיגע ארבעטער־פאליטיק. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען.

אבער, לײַדער, מוז מען צוגעבען, אז קיין גרויסען דערפאלג בנוגע צו גרינדען א נאציאנאלע רעפארם לייבאר פארטיי, האט די נעשאנאל לייבאר יוניאן נישט געהאט.

די סיבות פארוו... [illegible]
איז נישט געלונגען צו... [illegible]
פארטיי ווערט אנגעגעבן... [illegible]
האט די אזוי גערופע... [illegible]

קיין פראגראם, וואס זאל שטארק אפעלירען צו די ארבעטער. די לייבאר פארטיי האט געהאט די הויפט פאדערונגען פון אן אכט שעה'דיגען ארבעטס־טאג און רעפארמירען די פינאנצען פון דער אמעריקאנער רעגירונג. אזעלכע פאדערונגען האט מען געטראפען אין די פלאטפארמעס פון אנדערע פארטייען; צווייטענס, איז די נעשאנאל לייבאר יוניאן געווען זייער שוואך, זי האט נישט געהאט קיין קאנטראל איבער די לאקאלע יוניאנס און נישט געהאט גענוג געלט אנצושטעלען ארגאנייזערס, דרוקען ליטעראטור, כדי אנצופירען פראפאגאנדע צווישען די מאסען, און, דריטענס, איז דער הויפט־פירער פון דער נעשאנאל לייבאר יוניאן און הייסער אגיטאטאר פאר א לייבאר פארטיי, ווי סילוויס, פלוצלונג געשטארבען אין 1869.

די נעשאנאל לייבאר יוניאן האט עקזיסטירט זעקס יאר און אין 1872 האט זי זיך אויפגעלייזט.

אלע היסטאריקער פון דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג גיבען צו, אז וו. סילוויס איז געווען א מערקווירדיגע פערזענליכקייט. אליין געווען אן ארבעטער, האט ער זיך זעלבסט אנטוויקעלט אלס איינער פון די בעסטע רעדנער, שרייבער און ארגאניזאטארס. זיינע טרעפליכע באמערקונגען און שארפע פאלעמישע ארטיקלען געגען זיינע געגנער קענען נאך היינט דינען אלס גוטער מאטעריאל פאר ארבעטער־פירער.

אין אן ענטפער צו זיינע געגנער געפינען מיר אזא באמערקונג:

„עס איז אמת, אז אין פארגלייך מיט די באדינגונגען פון דער באפעלקערונג, וואס געפינט זיך אין די דעספאטישע לענדער פון איירעפע און אזיע, לעבט די באפעלקערונג פון אונזער לאנד, אפילו אונטער די איצטיגע אומגערעכטע באציהונגען, בעסער און געניסט פון זאכען, וואס די באפעלקערונגען פון אנדערע לענדער וויסען נישט דערפון, אבער ווען מען בארעכענט די נאטירליכע רייכטימער און די גרויסע טעכנישע אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון אונזער לאנד, איז שוין דער פארגלייך פון אונזער לעבען ניט אזוי גלענצענד. און אחוץ דעם געפינען זיך טאקע ביי אונז אין לאנד פילע מענשען, וואס לעבען אונטער „שוידערליכע באדינגונגען און האבען נישט דאס נויטיגע פאר א מענשליך לעבען". (זע „לייבאר ענד פארמער פארטיס", פון נ. פיין, זייט 24).

סילוויס איז אויך געשטאנען אין נאענטער פארבינדונג מיט די פירער פון דעם ערשטען סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל, וואס איז געגרינדעט געווארען פון מארקס און ענגעלס. און ווען סילוויס איז געשטארבען אין 1869, האט דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל, וואס האט זיך געפונען אין לאנדאן, ארויסגעגעבען א דערקלערונג וואו עס ווערט שטארק באדויערט דער פארלוסט פון דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג דורך דעם טויט פון סילוויס.

אין תפיסה
פון דוד מענעס

ביי א טיר פון תפיסה צעל
אן אויג פון וועכטער וואכט,
אין א שעה א שפעטער, שטילער,
פון א שווארצער נאכט.

איך שפאן ארום אהין צוריק,
שטויס זיך אן אויף ווענט,
שלאג מיט פויסט אויף הארטען שטאל,
און פארב מיט רויט די הענט.

רוקען ווענט זיך נאהענט צונויף,
ווארפען פחד אן אויף מיר,
איך רוף דעם סוף: קום, באפריי!
היטער! שליסעל אויף די טיר.

זיבען יאר און טויזענט טעג,
פון מיין לעבען אפגעטיילט,
און דערווייל איין טאג און נאכט,
ערשט האב איך געציילט.

איך פאל אוועק אויף קאלטען דיל,
יאמער אויס מיין וויי,
ערגעץ אין דער שטילער נאכט,
שלאגט א זייגער צוויי.

אין א שעה א שפעטער, שטילער,
ווען אויג פון היטער וואכט,
פלעכט איך הענט אין ציטער,
שריי איך אין דער נאכט:

זאג מיר, היטער, ווער האט פריער,
געמאסטען אט דעם וועג?
ווער געציילט האט יאר און וואך,
ווער געציילט די טעג?

ווענט פון טרערען איינגעזאפט,
האט שטאל און שטיין פון ווענט,
ווער געקלאפט מיט פויסט אויף טיר,
מיט בלוט באפארבט זיין הענט

די שעה איז שפעט, די תפיסה שטיל,
די נאכט א שווארצע נאכט,
איך שפאן ארום, ארום, ארום,
דער היטער לאכט און לאכט...

נאוועמבער, 1938.

אין דערוואַרטונג
פון ברכה קאפשטיין

— צוויי ביינאכט. שפעטע שעה.
קלינגט דער זייגער: נאך ניטא.

שווער און שווארץ גייט די נאכט.
קלאפט דער זייגער: ווארט נאך, ווארט!

יעדער שארך, א שטומער גריל,
שווארצע שטילקייט — טויטענשפיל.

אויער שארף פארשפיצט צו טראט.
געלעגער ברייט ווי גליהיק דראט.

מינוטען, רגע'ס — הארץ ציילט אויס,
שאטען טוליעט זיך צו שויס.

שויס איז קאלט, בלייך פון שרעק
זוכען ארביים וואו אוועק...

קומט א שארך, און ס'קומט א צווייטער,
אטא קומט ער, אטא גייט ער,

רוקט זיך ווייזער: צוויי, און פיר,
שטומט דער דיל, און ס'שווייגט די טיר.

אנטיסעמיטיזם אין פוילען

פון עמנואל גאָוואָגראָדסקי

(גענעראַל סעקרעטאַר פון „בונד" אין פוילען)

אז אין פוילען זיינען פאַראַן גענוג פאַרברעכערישע הענט, וואָס פלאַנצען כסדר מיט גרויס האַסמאַדע דאָס דאָזיקע גיפטיגע געוויקס פון קאַפּיטאַליסטישען גאָרטען — ווייסען מיר אַלע. אָבער — ווי גרויס איז אויסגעוואַקסען דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילען? וואָס האָבען דערגרייכט די איינפלוסרייכע און מעכטיגע בעלנים פאַנאַנדערצובלאָזען דאָרט דעם אַנטיסעמיטישען גיפט? האָט די דאָזיגע מגפה שוין אַרומגעכאַפּט גאַנץ פוילען? ווי טיף זיינען די וואָרצלען, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט געשלאָגען אין פוילען באָדען?

אומגעהויער ערנסטע פּראָבלעמען. גורל־פראַגען פאַר די קרוב 4 מיליאָן אידען פון פוילען. אָבער אויך די אידישע באַפעלקערונג פון אַמעריקע, וואָס איז אַזוי בלוטיג פאַראינטערעסירט מיט'ן שיקזאַל פון אירע ברידער אין דער אלטער היים, וויל און דאַרף וויסען דעם אמת. איך האָב דעם איינדרוק, אַז זי איז ביז איצט געוואָרען אַביסעל איינזייטיג אינפאָרמירט. איך וויל פּרובירען די דאָזיגע איינזייטיגקייט פאַרריכטען. איך ווייס, אַז איך שטעל זיך אַליין אויס אויף דער סכנה מען זאָל מיך באַשולדיגען אַז איך בין געוואָרען איינזייטיג אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אָבער מיין כוונה איז אַ גוטע. איך האָב ווידער אַמאָל קיין אַנדער ברירה ניט ווי זיך צו פאַרלאָזען אויפ'ן שכל הישר פון מיינע לייענער.

די אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז, איז זיך צו באַקענען ווי ווייט דאָס פוילישע פאָלק איז געוואָרען אַנטיסעמיטיש. אָבער אַ פאָלק באַשטייט פון פאַרשידענע שיכטען און קלאַסען. כדי צו ענטפערען אויף דער געשטעלטער פראַגע דאַרפען מיר זיך באַקענען באַזונדער מיט יעדען שיכט און מיט יעדען קלאַס פון דער פוילישער באַפעלקערונג. אַזוי זיינען מיר, סאָציאַליסטען, זיך געוויינליך נוהג ווען מיר האָבען צו טאָן מיט'ן באַגריף פאָלק.

קודם כל איז די פוילישע באַפעלקערונג, ווי אומעטום אויף דער וועלט, איינגעטיילט אויף אַ שטאָטישען טייל און אויף אַ דאָרפישען.

אָבער דער דאָרפישער טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג איז זייער גרויס. פוילען איז נאָך אַלץ אַ טיפּיש אַגראַר לאַנד. דאָס רוב פוילישע בירגער זיינען פויערים, וואָס באַאַרבייטען די ערד און לעבען פון איר. ס'איז באַרעכענט געוואָרען, אַז גאַנצע 70 פּראָצענט פון פוילען'ס איינוואוינער זיינען פויערים. דערפון אַליין איז שוין קלאָר ווי וויכטיג און וואָגיג איז אין פוילען דער דאָרפישער סעקטאָר. אַ פאָלקס־באַוועגונג אין פוילען — הייסט אַ דאָרף באַוועגונג. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין אויסנאַם פון דאָזיקען כלל. דער דאָרפישער סעקטאָר איז אויך פאַר אים דער דעצידירענדיקער. געווינט דער אַנטיסעמיטיזם דעם פויער ווערט ער אַ פאָלקס־באַוועגונג. אין קעגנפאַל — מעג ער קריכען פון דער הויט, זיך בלאָזען און וועלען זיך פאַנאַנדערבלאָזען אין דער גאַנצער וועלט — בלייבט ער בלויז אַן אימיטאַציע פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, באַהערשט ער נישט די נשמה, די פּסיכיק פון די פוילישע מאַסען.

ווי־זשע איז די אמת'ע לאַגע אין דאָרפישען טייל פון פוילען, צווישען די 70 פּראָצענט פון פוילענס באַפעלקערונג?

איידער איך בין אָפּגעפאָרען פון פוילען, אַן ערך מיט 4 מאָנאַטען צוריק, איז דאָרט דערשינען אַ גרויסע ארבייט געווידמעט דעם דאָרף, דער לאַגע פון די פויערים, זייער לעבען, זייערע שטימונגען און אַז. וו. דער מלוכישער אינסטיטוט צו פאָרשען די לאַגע צווישען באַזונדערע שיכטען פון דער פוילישער באַפעלקערונג האָט אַדורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישען פויערים און אָפּגעדרוקט אַ סעריע בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון די דאָרפסלייט גופא. די דאָזיקע בריוו פאַרנעמען גאַנצע צוויי בענדער, אַן ערך טויזענט דרוק־זייטען פון גרויסען פאָרמאַט. דער זעלביגער אינסטיטוט האָט מיט אַ יאָר צוויי צוריק אַרויסגעלאָזט אַן ענליכען זאַמעלבוך. דעמאָלט זיינען דאָס געווען בריוו פון שטאָטישע אַרבייטער, דאָס רוב אַרבייטסלאָזע. די אויסגאַבע פון פאַר צוויי יאָרען האָט געמאַכט אַ רושם אין לאַנד. אַ שטעמפּעל פון אונמיטעלבאַרקייט, פון ווירקלאַכע נישט צוגעפּוצטע שטיקער לעבען, פון עכטקייט, האָט צוגעגעבען אַ באַזונדערען ווערט און באַדייט די בילדער, וואָס האָבען אָפּגעשפּיגעלט די אמת'ע לאַגע צווישען דער אַרבייטערשאַפט.

נישט קיין וואונדער, וואָס דער עולם האָט מיט אַ גאָר שטאַרקען אינטערעס און נייגעריגקייט געוואַרט אויף דער לאַנג צוגעזאָגטער צווייטער אויסגאַבע. מען האָט געוואַרט אויף דער נישט געפעלשטער שטימע פון דאָרף.

אָבער גלייך ווי די נייע צוויי בענדער האָבען זיך באַוויזען זיינען זיי שנעל צוריקגעצויגען געוואָרען פון פאַרקויף. פאַרוואָס? דאָ הויבט זיך טאַקע אָן די מעשה:

דער אַנטיסעמיטישער לאַגער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דאָרט וואו מען דאַרף, אַז עס באַקומט זיך אַ זייער נישט באַקוועמע סיטואַציע: אין דער זעלבער צייט ווען אין נאָמען פון פוילישען פאָלק טרעטען אַרויס זיינע „פאָרטרעטער" אין סיים (פוילישער פּאַרלאַמענט) מיט שאַרפע אַנטיסעמיטישע דרשות, ווען מען קלייבט זיך איינצופירען אין פוילען אַנטי־אידישע געזעצען, כדי „באַשיצען" דאָס פוילישע פאָלק פון די אידען, ווען מען האַלט אין איין טענה'ן, אַז די פוילישע פאָלקס־מאַסען שלאָפען נישט קיין נעכט און טראַכטען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון די אידען, דערשיינט אַן ארבייט, אַ פאָטאָגראַפיש בילד אויף טויזענט זייטען וועגען לעבען פון 70 פּראָצענט פאָלקען, וואו עס איז נישטאָ קיין איין וואָרט וועגען דער אידען פראַגע אָדער וועגען דער אידען סכנה! איין און איינציגער אָרט איז פאַראַן אין די דערמאָנטע צוויי בענדער, וואו אַ פויער דערמאָנט וועגען אידען. אָבער דער דאָזיגער אָרט קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט: אַ פויער דערציילט, אַז ער האָט אין זיין שכנות'דיק שטעטעל נישט געפונען קיין אַנדער ביבליאָטעק ווי בלויז אַ אידישע. אים בלייבט, שרייבט ער אין אויסוועג — זיך אויסלערנען אידיש כדי צו לייענען ביכער.

דאָס איז אַלץ. איר זאָלט מיט אַ ליכט זוכען, וועט איר אין די הונדערטער בריוו פון פויערים, פון אַלע עקען פון פוילען, נישט געפינען אפילו דעם קלענסטען רמז וועגען אידען אָדער וועגען דער אידען־פּראָבלעם.

די פאַרלעגענהייט, די פאַרלוירנקייט פון די אַנטיסעמיטישע קרייזען אין פוילען, נאָכ'ן דערשיינען פון די צוויי בענדער, איז פאַרשטענדליך. מען האָט טאַקע געפּועלט, אַז די נישט באַקוועמע אויסגאַבע זאָל אַרויסגעצויגען ווערען פון פאַרקויף. אָבער דערמיט האָט מען דאָך נישט געפּועלט, אַז די פאָלקס־מאַסען זאָלען ווערען אַנדערש ווי די זיינען. דער פאַקט איז געבליבען: נישט געקוקט אויף די לאַנגע יאָרען פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז די פויערשע מאַסע פון פוילען געבליבען אַזוי ווייניג באַרירט דורך דער אידען־העצע, אַז מען קען ניט געפינען די מינדעסטע שפּורען פון איר אין אַן אָפּגעדרוקטען דאָקומענט, וואָס צייגט פאַר אונזער דור און פאַר די צוקונפטיגע דורות דעם פוילישען פויער, זיין לעבען און טראַכטען אויפ'ן שוועל פון דעם יאָר 1939.

עס איז ווירקליך געוועזן פון וואָס צו האָבען עגמת נפש...

לאָמיר איצט אַריבערגיין צו אַ צווייטען באַגלויבטען עדות: צו דער פוילישער שיינער ליטעראַטור. פונקט ווי אין אַמאָליגען רוסלאַנד, פונקט ווי טיילווייז נאָך היינט אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז פוילען אַ לאַנד מיט אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט דעם אָטעם און דעם ריטם פון ווירקליכען לעבען. זי שפּיגעלט אים אָפּ אויף אַ קינסטלערישען אופן — באַצייטענס און ריסטיק. די פוילישע שיינע ליטעראַטור איז באַרימט מיט אירע דערציילונגען, ראָמאַנען, וואָס באַהאַנדלען אַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע דאָס פוילישע לעבען ווייטיקט, אַלע ענינים און פראַגען וואָס רייסען און זוכען אַ לייזונג. אין דעם פּרט איז ניטאָ קיין גרויסער אונטערשייד צווישען די אַלטע און די יונגע דיכטער און שרייבער פון דער פוילישער ערד. אין די לעצטע יאָרען האָבען זיך אַרויסגערוקט אַ פּלעיאַדע פון גלענצענדיגע יונגע, טאַלאַנטירטע שרייבער, וואָס באַאַרבייטען און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון פוילישען דאָרף, זיינע טאָג־טעגליכע דאגות, צרות און פרייד, זיינע מפּלות און דערגרייכונגען. דער לעבנס־שטייגער פון פויער, לאַגע פאַראורטיילען, זיין באַציאונג צום שטעטעל, צו דער אינטעליגענץ, צום גרויסען ערד־באַזיצער, זיין בענקשאַפט נאָך ערד, זיין קנעכטשאַפט ביי איר, זיין באַציאונג צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צום פאָטערלאַנד, צו דער רעליגיע — אַלע אויסגערעכענטע פראַגען און פּראָבלעמען און נאָך אַ סך אַנדערע ווערען טריי אָפּגעשפּיגעלט אין דער פוילישער שיינער ליטעראַטור. איך וועט אָבער אין איר נישט געפינען קיין איין וואָרט וועגען דער באַציאונג פון פויער צו דער אידען־פראַגע. צווישען די פוילישע שרייבער זיינען זיכער פאַראַן מענשען, וואָס זיינען אין הינזיכט אַנטיסעמיטיזם אַביסעל געכאַפּט אין דער מעשה. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז אפילו די באַרימטסטע פוילישע שריפטשטעלערין, וועמענס ראָמאַנען פון פוילישען דאָרף־לעבען האָבען געמאַכט אַ רושם, — אַנטיסעמיטיש געשטימט, אָדער—באַפאַרבט. פונדעסטוועגען וועט איר אפילו ביי זיי, אין זייער שאַפונג פון דאָרף־לעבען, נישט געפינען דעם איד און די אידען־סכנה. זייער קינסטלערישער געפיל פאַר עכטקייט און וואָרהייט איז גובר זייערע אייגענע פּאָליטישע און פּאַרטייאישע פאָראורטיילען. אין דאָרף, צווישען די פויערים, ביי די 70 פּראָצענט פון דער פוילישער באַפעלקערונג, איז נישטאָ קיין אידען־פראַגע. זי איז דאָרט נישט בנמצא. אַריינפירן איר אין זייערע דיכטערישע ווערק, וואָלט פאַר זיי באַדייט — שאַפען ביליגע אַגיטקעס...

וועגען דער אידען־פראַגע וועלען מיר זייער ווייניג געפינען אויך אין די רעזאָלוציעס אין פּאָליטישע דעקלאַראַציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען דורך די פויערים־פּאַרטייען. אין די דאָזיקע דאָקומענטען קומט צום אויסדרוק די וואַקסענדיגע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע רייפקייט פון דער פויערשער באַפעלקערונג, איר וואַקסענדיגער פאַרלאַנג צו האָבען אַ געהעריגע השפּעה און דעה אין דער מלוכה פון וועלכער זי איז אַן איבערוועגענדיגע מערהייט. די אָנפירענדיגע אינסטאַנצען פון דער פויערים באַוועגונג זיינען באַשעפטיגט מיט דער אַגראַר־רעפאָרם, זיי ווידמען אַ סך אויפמערקזאַמקייט אַלע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דעם אַזוי גערופענעם סאָציאַלען איבערבוי פון לאַנד, זיי פאָדערען אומאויפהערלאַך די ווייטגייענדיגע דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה בכלל און פון אירע לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַנען. די פראַגען פון סטראַטעגיע און טאַקטיק אין דאָזיגען קאַמף פאַר אַ נייע פוילען, באַשעפטיגט זייערע מוחות. אין די לעצטע יאָרען ווערט אין די דאָזיגע קרייזען הייס דעבאַטירט די פראַגע וועגען אַ שטיקעל וועג צוזאַמען מיט'ן סאָציאַליסטישען אַרבייטער־קלאַס און ווי גרויס דאָס דאָזיגע „שטיקעל וועג" דאַרף זיין. די אָרגאַניזאַציעס פון די פויערים פאַרנעמען זיך נישט נאָר מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיי פאַרשפּרייטען אויך ליכט און בילדונג צווישען דער פויערישער מאַסע, כדי איר צו דערציען און צוגעוואוינען צו מער פּראָדוקטיווע, בעסערע אַרבייטס־מעטאָדען אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער מילך־ווירטשאַפט און אַז. וו. אַ פאַרצווייגטע נעץ פון פויערשע קאָאָפּעראַטיוועז, פון ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס מכל המינים, פון ביבליאָטעקען, פון לייען־זאַלען, פון ספּאָרט־קלובען הויבט אָן אַלץ געדיכטער צו באַדעקען דעם פאַר'חושכ'טען פוילישען דאָרף. עס איז אפילו געגרינדעט געוואָרען, מיט אייגענע כוחות און מיטלען, אַ ספּעציעלער פויערישער אוניווערסיטעט אין אַ דאָרף „גאַטשי", וועגען וועלכען מבינים האָבען צו דערציילען ממש וואונדער.

איז דען נישט כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר, וואָס די פויערשע אָרגאַניזאַציעס שווייגען וועגען דער אידען־פראַגע? אין דער זעלבער צייט ווען דער אַנטיסעמיטישער לאַגער אין פוילען מאַכט אַזאַ געפילדער, אַזאַ טומעל אַרום דער אידען־סכנה, געפינען נישט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס רעפּרעזענטירען די איבערוועגענדיגע מערהייט פון דער פוילישער באַפעלקערונג, פאַר נויטיג, מיט איין וואָרט אפילו, צו דערמאָנען אין אַלע זייערע רעזאָלוציעס און עפענטליכע דאָקומענטען וועגען אַ אידען־פראַגע אָדער אַ אידען־סכנה אין פוילען? אַז זייער שווייגען איז נישט קיין צופאַל — פאַרשטייט אין פוילען יעדער איינער. באַזונדערס גוט פאַרשטייען די באַדייטונג פון דאָזיגען שווייגען מצד די פויערים — די אַנטיסעמיטען. שוין יאָרען ווי זיי מאַכען כסדר די גרעסטע באַמיאונגען, כדי אַריינצוציען די פויערים אין זייער אַנטיסעמיטישען לאַגער. אָבער — אומזיסט, אַן ערפאָלג!

שוין זייענדיג דאָ אין אַמעריקע, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַרטיקלען פון אַ געוויסען אידישען פּובּ־

ליציסט, אַז דער זיג פון דער דעמאָקראַטיע אין פוילען וועט פאַרשטאַרקען די דעה פון פוילישען פויער, וועלכער בילדעט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. וועט אַבער דער פוילישער פויער — שרייבט ער — אַ דאַנק דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג קומען צום וואָרט אין דער מלוכה — וועט זיין שלעכט פאַר אידען! אַ ראיה — שוין איצט בויען די פויערישע אָרגאַניזאַציעס ווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוועז, זיי באַמיען זיך אויסצומיידען דעם פאַרמיטלער, נעמען אָן אויף זייערע צוזאַמענפאָרען און קאָנפערענצען רעזאָלוציעס, וואָס אַפּעלירען און רופען דעם פויער ער זאָל שטיצען זיינע אייגענע קאָאָפּעראַטיווען און אויסמיידען, ווי וויט מעגליך, דעם פּריוואַטען הענדלער אָדער סוחר. איז דען נישט קלאָר, אַז די דאָזיקע גאַנצע קאָאָפּעראַציע צילט אין אידען, — הגם מען רופט אים נישט אָן ביי דעם נאָמען, צי זיינען דאָס ניט אין תוך גענומען, פאַרמאַסקירטע אַנטיסעמיטישע רעזאָלוציעס?...

אַזאַ פאַרדאַכט איז נישט ריכטיג און נישט יושר'דיג: ערשטענס, צוליב וואָס זאָלען די פויערים־גרופּירונגען מאַסקירען און באַהאַלטען זייער אַנטיסעמיטיזם? אַנטיסעמיטיזם איז דאָך אין פוילען נישט קיין מיאוסע קרענק מיט וועלכער מען שעמט זיך. אַנטיסעמיטיזם איז דאָך אין פוילען אַ סחורה, וואָס ווערט גוט באַצאָלט. דער אַנטיסעמיטישער לאַגער, למשל, וואָלט זיך געלאָזט אַ סך קאָסטען, כדי צו געווינען אויף זיין זייט די פויערשע באַפעלקערונג. זיי וויסען דעם ווערט און באַדייט פון דער פויערים־מאַסע פאַר דעם דערפאָלג פון זייער אידען־העצערישער פּראָפּאַגאַנדע. ווען די פויערישע אָרגאַניזאַציעס וואָלטען שוין ווירקליך געוואָרען אַנטיסעמיטיש, וואָלטען זיי נישט געהאַט קיין שום גרונט נישט אַרויסצוזאָגען אָפען דאָס אַלץ, וואָס זיי ליגט אויפ'ן צונג. עס איז דעריבער נישטאָ קיין גרונט חושד צו זיין די רעזאָלוציעס פון די פויערישע אָרגאַניזאַציעס אין באַהאַלטענע כבנות. זיי מיינען בלויז דאָס, וואָס עס איז אין זיי געזאָגט געוואָרען.

עס איז זיכער, אַז די אַנטוויקלונג פון דער פויערישער ווירטשאַפטליכער קאָאָפּעראַציע וועט שמערצליך טרעפען די אידען, וואָס ציען זייער חיונה פון פאַרמיטלען צווישען דאָרף און שטאָט. זיי וועלען ליידען פון דער דאָרפישער קאָאָפּעראַציע פון אירע דערפאָלגען. אַבער נישט אַלע אידישע ליידען זיינען אַ רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטיזם. אָט, האָט דער „בונד" געבויט אין פוילען אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג מיט קראָמען און וואַרשטאַטען. אַ געוויסע צאָל אידען האָבען צוליב דער בונדישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג פאַרלאָרען פרנסה. קיינעם איז אַבער נישט איינגעפאַלען צו באַשולדיגען אונז אין אַנטיסעמיטיזם... די אַזוי גערופענע אוניווערסאַל־מאַגאַזינען, אָדער, ווי זיי רופען זיך אין אַמעריקע, די דעפּאַרטמענט סטאָרס, האָבען אויך אוועקגענומען פרנסה ביי פילע אידישע און נישט אידישע קלענערע קרעמער. מען קען האַלטען אַזעלכע דעפּאַרטמענט סטאָרס פאַר נוצליך אָדער שעדליך, מען קען וועגען דעם ענין האָבען פאַרשידענע שטאַנדפּונקטען; אַבער בלויז אַ צעדולטער וועט איינזען אין דער גרינדונג פון אַזעלכע אונטערנעמונגען... אַנטיסעמיטיזם. די דאָרפישע קאָאָפּעראַציע איז נישט קיין דערפינדונג פון פוילען. אויפ'ן זעלבען וועג זיינען שוין לאַנג אַוועק די פויערים פון די מער פּראָגרעסיווע, מער אַנטוויקעלטע לענדער פון אייראָפּע. עס זיינען, למשל, גוט באַקאַנט די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען פון דענעמאַרק, פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. וועגען זיי איז זייער אַ סך געשריבען געוואָרען. אַבער אין די דאָזיגע לענדער זיינען אידען כמעט ווי ניט בנימצא. די קאָאָפּעראַטיווען זיינען, אַלזאָ, דאָרט לכל־הדעות נישט געווען קעגען זיי געווענדעט. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אויפ'ן דאָרף איז אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג. זי איז אַ טריט פאָראויס אויף דעם שווערען און דאָרניקען וועג צו אַ בעסער, מער קולטורעל לעבען, וואָס די פויערישע באַפעלקערונג מאַכט דורך. דאָרט, וואו די דאָרפישע קאָאָפּעראַציע בליט זיך פאַנאַנדער, וואו זי ווערט אַ באַדייטענדיגער עקאָנאָמישער פאַקטאָר, העלפט זי פאַרגרעסערען די קויף־קראַפט פון דאָרף. עס איז לחלוטין נישט אויסגעשלאָסען, אַז דער שאָדען, וואָס די קאָאָפּעראַציע ברענגט פאַר באַשטימטע אידען, ווערט פאַרגיטיגט דורך דעם, וואָס ביי אַן אַנדער שיכט אידישע פּראָדוצענטען, בעל־מלאכות און סוחרים ווערט דער פדיון פאַרגרעסערט, ווייל דער דאָרף ווערט רייכער. ווען עס וואָלטען נישט אַריינגעקומען אין שפּיל די אינטערעסען פון אידישע סוחרים און פאַרמיטלער, וואָלט דאָך קיינעם נישט איינגעפאַלען אַרויסצוטרעטען געגען דער פויערישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אַלע וואָלטען מסכים געווען דערמיט, אַז זי איז אַ נוצלאַכע, אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג. דער ענין ווערט אַבער ניט אַנדערש צוליב דעם, וואָס אַ באַשטימטער פּראָגרעסיווער ווירטשאַפטליכער שטריך ברענגט צייטליך שאָדען אַ באַשטימטער גרופּע מענשען, אין אונזער פאַל — אידען. ווען די טעקסטיל אינדוסטריע פון ביאַלאָסטאָק און לאָדזש איז אַריבערגעגאַנגען פון האַנט־וועבעריי צו קראַפט־שטולען, זיינען דערפון זייער שמערצליך געטראָפען געוואָרען טויזענדער פאַמיליעס פון אידישע וועבער. זייערע ליידען זיינען געווען אומבאַשרייבליך. אַבער אַנטקעגענשטעלען זיך דעמאָלט דער דאָזיגער פּראָגרעסיווער, אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג וואָלט געווען נישט קלוג און האָפענונגסלאָז. דער איינציגער, ריכטיגער אויספיר, וואָס דאַרף און קען אין אַזעלכע פאַלען געמאַכט ווערען, איז, העלפען די געליטענע זיך איינאָרדנען אויף אַ נייעם וועג. באַצייכנען אַזאַ באַוועגונג פאַר אַן אַנטיסעמיטישע דערשיינונג שטערט בלויז דעם נאָרמאַלען גאַנג פון לעבען. צוליב וואָס זוכען דעם אַנטיסעמיטיזם דאָרט וואו ער איז נישטאָ? עס פעלען דען ווירקליכע, אמת'ע אויסדרוקען און פאַקטען פון אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק לגבי די אידישע פאָלקס־מאַסען פון פוילען?

אַבער „פּשיטיק", „בריסק" זיינען דאָך פאַרט פאַקטען, וואָס האָבען זיך איינגעקריצט אין אידישען פאָלקס־זכרון, וואָס האָבען אויפגערודערט די גאַנצע פּראָגרעסיווע עפנטליכקייט, וואָס האָבען אויפגעציטערט די וועלט. מען קען נישט און מען דאַרף נישט אַפּלייקענען, אַז אין די דאָזיגע ערטער האָבען פויערים געראַבעט אידיש האָב און גוטס, געשלאָגען און דערשלאָגען אידישע קרעמער, מאַרק־הענדלער א. אַ. וו. נישט אין אַזאַ אכזריות'דיגער פאָרם, זיינען דאָך די זעלבע „עקסצעסען" פאָרגעקומען במשך פון די לעצטע עטליכע יאָר אין צענדליגער שטעטלאַך פון פוילען. דער באַרימט געוואָרענער אידישער „סטראַגאַן" — אַ פּראָוויזאָרישע בודקע אויפ'ן יאַריד, וואו עס ווערען אויסגעלייגט צו פאַרקויפען פאַרשידענע סחורות — איז דאָך נישט אַרויפגעגאַנגען לאַנגע מאָנאַטען פון די שפּאַלטען פון דער גאַנצער אַנטיסעמיטישער פּרעסע אין פוילען. אויב די פויערים זיינען נאָך ווירקליך נישט פאַר'סם'ט פון אַנטיסעמיטיזם, טאָ ווי אַזוי זיינען די דאָזיגע בלוטיגע געשעענישען מעגליך געוואָרען?

איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז מיין ראָלע איז גאָרנישט קיין באַקוועמע. בייזוויליגע מענשען קענען איר אויסטייטשען ווי אַ פאַרטיידיגונג פון די פּאָגראָמשטשיקעס. איך גלויב אַבער, אַז אַזאַ נידערטרעכטיגקייט וועט זיך קיינער נישט דערלויבען. דעם „בונד", וועלכער האָט פּראָקלאַמירט און דורכגעפירט דעם גראַנדיעזען פּראָטעסט־סטרייק פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון פוילען געגען „פּשיטיק", די בונדיסטען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די פאַרטיידיגונג פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין היינטיגען פוילען, איז צו לעכערליך צו באַשולדיגען, אַז זיי פאַרדעקען די מעשים תתועים פון די אַנטיסעמיטען...

די אָרימקייט פון פוילישען פויער איז ממש אומבאַשרייבליך. קיין שום געשריבען וואָרט איז נישט אימשטאַנד צו געבען אַ בילד וועגען זיין טראַגישן צושטאַנד. אין אַ סך הונדערטער דערפער האָבען פויערישע קינדער נאָך קיינמאָל אין זייער לעבען נישט געזען קיין שטיקעל צוקער. די פויערים נוצען נישט קיין שוועבעלע, קיין נאַפט. ווען עס פאַלט צו די נאַכט זיצט מען אין דער פינסטער. מען באָרגט זיך אַ שטיקעל פייער ביי דעם „נגיד" פון דאָרף, וואו עס טליען אין אויווען אַ פּאָר האָלאָוועשקעס. זאַלץ איז אין דאָרף אַ לוקסוס. פלייש עסט מען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר. עסען צו דער זאַט איז אַ גרויסער יום טוב. גאַנצע משפחות ליגען אָפּ דעם גאַנצען ווינטער אין הויז, גייען נישט אַרוס אין גאַס, ווייל עס פעלען מלבושים. מאָסגעבענדיגע רעגירונגס־פאָרשטייער האָבען דערקלערט, אַז אַ מיליאָן פויערים אין פוילען זיינען „איבעריגע", ד. ה., זיי קענען נישט געפינען קיין אַרבייט און שפּייז פאַר זיך אין דער לאַנדווירטשאַפט, כל זמן די ערד געהערט צו די פּריצים און גרויסע ערד־באַזיצער. דער שטאָטישער אַרבייטענדיגער באַפעלקערונג פון פוילען, אָדער איר קליינשטעטעלדיגער באַפעלקערונג איז אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. אַבער, ביי איר גאַנצער אָרימקייט, לעבט זי „רייך" אין פאַרגלייך מיט'ן פויער. דער קאָנטראַסט צווישען דעם לעבען אין דאָרף און אין שטעטעל איז זייער גרויס. דעם דאָזיגען שאַרפען קאָנטראַסט האָבען זיך טאַקע די אַנטיסעמיטען געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצונוצען. מיט אַן אַ שיעור מיטלען איז מען צוגעטראָטען צו דער דאָזיגער מלאכה, וועלכע האָט געשיינט צו זיין אַזוי לייכט.

דער דאָרף איז ממש פאַרגאָסען געוואָרען מיט אַ מבול פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געוועקט און געריצט די נידעריגע אינסטינקטען פון רויב און רציחה. מען האָט געטייטלט מיט די פינגער אויף די אידען אין שטעטעל: „נעמט צו, רויבט, לאָזט נישט פאַרביי אַזאַ געלעגענהייט!"... גאַנצע מחנות באַצאָלטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרען זיינען געפאָרען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטעל צו שטעטעל, געריצט, געהעצט, געלאַרמט און נישט זעלטען געגעבען דעם ערשטען ביישפּיל ווי אַזוי די „אַרבייט" דאַרף געמאַכט ווערען... די דאָזיגע פאַרברעכערישע אַגיטאַציע איז נאָך פאַרלייכטערט געוואָרען דורך דעם אידען־פיינדליכען אַלגעמיינעם פּאָליטישען קורס פון דער רעגירונג. עס איז ווירקליך געלונגען די אַנטיסעמיטען אַרויסצורופען אין אייניגע ערטער פון לאַנד די באַקאַנטע געשעענישען. אַבער עס איז ממש אַ וואונדער, וואָס נישט געקוקט אויף זייערע אַלע באַמיאונגען, אויף די מיליאָנען, וואָס זיינען אויסגעגעבען געוואָרען, איז די פויערישע מאַסע דערווייל נאָך געבליבען אומבאַרירט פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע. בלויז אַ נישטיגער, אַ זייער קליינער טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג איז מיטגעריסען געוואָרען. די פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען זיינען צום גליק געבליבען בלויז איינצעלנע עפּיזאָדען; עס איז נישט געלונגען פאַנאַנדערצובינדען אויפ'ן דאָרף קיין אַנטיסעמיטישע סטיכיע. עס איז נישט געלונגען אַריינצוציען די דאָרפישע מאַסען אין קאַמף פאַר דעראָבערען דעם אידישען „סטראַגאַן", אָדער די אידישע קראָם. אַלע בעאָבאַכטער פון אידישען לעבען אין פוילען, אַלע עדות פון די ערטער גופא, זיינען מסכים, אַז אַפילו דאָרט וואו די אַנטיסעמיטישע באַנדעס האָבען אַ הוליע געטאָן, האָבען זיך תיכף אויף צוזאַמערגענס צוריק איינגעשטעלט נאָרמאַלע, פרידליכע באַציאונגען צווישען דער פויערישער און דער אידישער באַפעלקערונג. אין פּשיטיק, למשל, קומען היינט פאַר די ירידים אין די מאַרק־טעג פונקט אַזוי ווי זיי זיינען דאָרט פאָרגעקומען פאַר'ן פּאָגראָם, פונקט ווי זיי פלעגען פאָרקומען מיט צענדליגער יאָרען צוריק, אַזוי ווי זיי זיינען פאָרגעקומען מיט הונדערטער יאָרען צוריק. ווען נישט די בלוטיגע קרבנות פון די טראַגישע געשעענישען, וואָלט קיינער זיך נישט אַנגעשטויסען אַפילו, אַז דאָס דערמאָנטע שטעטעל איז אַקאָרשט געווען אַן אָרט, וואו באַנדעס צעיושעטע, ווילד געוואָרענע אָרימעלייט פון איין נאַציע האָבען געראַבעט און געשלאָגען אָרעמע מענשען פון אַ צווייטער נאַציע. ווי שוים, וואָס באַוויזט זיך בלויז אויף אַ רגע אויף דער אויבערפלאַך פון ים — איז דאָרט פאַרשוואונדען יעדער שפּור פון קינסטלאַך פאַנאַנדערגעבלאָזענעם אַנטיסעמיטישען פייער. ביי די באַמיאונגען, ביי דער אַרבייט, וואָס די אַנטיסעמיטישע גיפט־מישער האָבען אַנגעווענדעט, איז ממש צו באַוואונדערען, וואָס פאַר אַ נישטיגע רעזולטאַטען זיי איז געלונגען צו דערגרייכען. דער אַנטיסעמיטישער לאַגער ווייסט, אַז זיינע אויסגאַבען מיט זיינע „הכנסות" אין דער בוכהאַלטעריע פון אַנטיסעמיטיזם — שטימען נישט...

מיר האָבען ביי זיך אין פוילען פאַרצייכענט צענדליגער פאַלען ווען פויערים האָבען נישט בלויז זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליגען אין אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונגען, נאָר געוואָרנט באַצייטענס די אידישע איינוואוינער. אין אייניגע פאַלען אַפילו — אויסגעטיילט פון זיך גופא פויערישע מיליץ, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען נישט צו דערלאָזען, אַז געוויסע עלעמענטען זאָלען אַ הוליע טאָן איבער דער אידישער באַפעלקערונג אין נאָמען פון דער פויערשאַפט... דער אַנטיסעמיטישער לאַגער ווייסט מסתמא נישט ווייניגער פאַר אונז וועגען די דאָזיגע פאַקטען...

ווען מיר וועלען נאָך דערמאָנען, אַז די פּאָגראָם אַרויסטרעטונגען זיינען געווען זייער שטאַרק באַפאַרבט סאָציאַל, אַז זייער טרייבקראַפט איז געווען נישט אַזוי ראַסען־האַס, ווי דער האַס פון אָרעמסטען צו דעם, וואָס פאַרמאָגט מער פאַר אים, וועלען מיר פאַרשטיין, אַז דער אַנטיסעמיטישער לאַגער האָט נישט געהאַט צוליב וואָס באַזונדערס שטאַרק צו יובלען.

אַבער, אויך דער לאַגער, וואָס באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם, מוז כסדר שטיין אויף דער וואַך. אויב דערווייל, אויב היינט, איז נאָך די פויערישע מאַסע נישט אַנגעשטעקט געוואָרען דורך דער אַנטיסעמיטישער מגיפה — איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז דאָס זאָל געשען מאָרגען. דער פוילישער דאָרף איז פינסטער. דער פוילישער דאָרף איז נאָך אַלץ קולטורלאָז. אין דער פויערישער מאַסע ברענט אַ פייער פון סאָציאַלען כעס, פון אומצופרידענהייט, פון האָפענונגסלאָזיגקייט. מעכטיגע כוחות פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם פּרובירען כסדר די דאָזיגע סטיכישע אומצופרידענהייט פון דאָרף צו שטופען אויפ'ן וועג פון אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונגען. די „פּשיטיקס" זיינען געווען דער סיגנאַל, אַז די פינסטערע מחנות אַרבייטען...

פונ'ם אינטערנאציאנאלען ארבייטער־לעבן

פון דר. יוסף קיסמאן.

א רוף פון די דייטשע ארבייטער־ארגאניזאציעס צום ארגאניזירטען ווידערשטאנד

באלד נאכדעם ווי היטלער האט איינגעשלונגען טשעכאסלאוואקיע, האבען אלע אומלעגאלע ארבייטער־ארגאניזאציעס ארויסגעלאזט א געמיינזאמען אויפרוף צו די ארבייטער פון דייטשלאנד און עסטרייך.

דער אויפרוף שילדערט אין געפרעסטע ווערטער די נייע לאגע, וואס האט זיך געשאפען דורכן פארנעמען טשעכאסלאוואקיע. די פאשיסטען האבען אליין אנטפלעקט דעם גרויזאמען שווינדעל, וועלכען זיי האבען באטריבען מיט דעם באגריף „זעלבסטבאשטימונג פון פעלקער".

די פארשטעהער פון דער דייטשער און עסטרייכישער ארבייטער־באוועגונג — ווערט געזאגט אין דעם אויפרוף — דערקלערען פייערליך, אז זיי אנערקענען דאס רעכט פון טשעכישען פאלק צו קעמפען מיט אלע מיטלען פאר צוריקאויפשטעלען זייער נאציאנאלע פרייהייט. די דייטשע ארבייטער־באוועגונג וועט אנווענדען איר גאנצע קראפט, כדי צו אונטערשטיצען די פרעמדע פעלקער, וואס זיינען אונטערדריקט דורכן היטלער־פאשיזם, אין זייער נאציאנאלען באפרייאונגס־קאמף. דאס דייטשע און עסטרייכישע פאלק האט נישט קיין שום מגע ומשא מיט די צילען פון זיינע פארשקלאפער. אויב עס איז ביז איצט נישט געווען בכוח אראפצווארפען די דיקטאטור פון די מלחמה־אונטערצינדער, באקעמפט עס פון דעסטוועגען זייער פארברעכערישע פאליטיק דורכדעם, וואס עס וויל נישט פרייוויליג זי מיטמאכען. די דייטשע סאלדאטען דינען אונטער צוואנג! היטלער'ס ארמיי, היטלער'ס באוואפענונגען, היטלער'ס פראדוקציע איז נישט די זאך פון די ארבייטענדיגע מאסען.

יעדע ארבייטס־שעה, וואס ווערט גע'פטר'ט, יעדע ליפערונג, וואס ווערט נישט צוגעשטעלט, יעדער שטייער, וואס ווערט נישט געצאלט, איז א קלאפ געגען דער מלחמה־פאליטיק. קיין שום ארבייט פאר דעם רעושים, קיין שום אייגענע איניציאיווע, וואס זאל געבען מערער איידער ער קאן ארויספרעסען דורך צוואנג. דאס איז די טאקטיק, וועלכע מיליאנען דייטשע ארבייטער ווענדען שוין היינט אן אין קאמף געגען דער מלחמה־צוגרייטונג.

דער אויפרוף ווייזט אן, אז די געהיימע פראלעטארישע ארגאניזאציעס מוזען געבען אן איינהייטליכע ריכטונג דעם קאמף פון די ארבייטער פאר פארטיידיגען זייערע לוינען און זייער געזונדהייט, דעם קאמף געגען דער צוזאנגס־ארויסשיקונג און געגען מערדערישען ארבייטס־טעמפ. אויב היטלער וועט פאנאנדערבינדען די מלחמה, מוז עס זיין די אויפגאבע פון „אנטיפאשיסטען אנצוווענדען אלע מיטלען, כדי אראפצווארפען די דיקטאטור און צו פארענדיגען די מלחמה. אין דעם דאזיגען קאמף זיינען די פעלקער פון אונטערדריקטע לענדער, די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט די נאטירליכע פארבינדעטע פון דייטשען פאלק.

דער אויפרוף ווייזט אן אויף דער נויטווענדיגקייט פון א בונד מיט די ארבייטענדיגע מיטעלשיכטען אין די שטעט, מיט די פויערים אין די דערפער און בכלל מיט אלע שיכטען, וואס זיינען גרייט אראפצווארפען די דיקטאטור פון גרויס־קאפיטאל. ווייטער זאגט זיך אין אויפרוף: „די אונטערגעשריבענע ארגאניזאציעס זיינען אלס אוואנגארד פון ארבייטער־קלאס פאראנטווארטליך דערפאר, אז די קומענדיגע דייטשע רעוואלוציע וועט ניט שטיין בלייבען ווידעראמאל אויף א האלבען וועג, אזוי ווי אין יאר 1918, אז די פעסטונגען פון דער רעאקציע וועלען געבראכען ווערען, אז די אינערליכע כוחות פון דער ארבייטער־באוועגונג וועלען נישט געבען דעם געגנער קיין צייט אויף צו זאמלען פרישע כוחות".

דער אויפרוף שטרייכט אונטער, אז אלע אונטערגעשריבענע ארגאניזאציעס וועלען קעמפען פאר די דאזיגע צילען פון דער דייטשער רעוואלוציע. אונטערגעשריבען דעם אויפרוף האבען די פראלעטארישע ארגאניזאציעס פון אלע ריכטונגען — אלע, א חוץ איין איינציגער, די „סאפאדע", א קליינע סאציאליסטישע גרופע, וואס האט זיך אפגעשפאלטען פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי קורץ פארן צוזאמענברוך.

דער אויפרוף איז מאסענהאפט פארשפרייט געווארען אין עסטרייך און אין דייטשלאנד.

געצוואונגענער מיליטער־דינסט אין ענגלאנד

אין די ארבייטער און פאלקסמאסען אין ענגלאנד קאכט עס מיט דער „קאנסקריפשאן", דער געצוואונגענער מיליטער־דינסט, וואס איז נאר וואס איינגעפירט געווארען. ווי ס'איז באוואוסט, האט די בריטישע רעגירונג געענטפערט מיט דעם דאזיגען געזעץ אויף דער פארשארפטער מלחמה־דראאונג פון די פאשיסטישע מלוכות. מיט דעם געזעץ ווערט געשאפען א שטענדיגע ארמיי אין ענגלאנד, וואס וועט זיך קענען פארמעסטען מיט די גרויסע קאנטינענטאלע ארמייען פון אייראפע. אויב עס וועט אזוי אנגיין נאך עטליכע יאר צייט, וועט ענגלאנד ווערען די שטארקסטע מאכט אויף דער וועלט, נישט בלויז אויפן ים נאר אויך אויף דער יבשה. פאר סאציאליסטען איז די באציהונג צום מיליטאריזם ביז איצטער געווען א גאנץ קלארע: זיי האבען באקעמפט יעדען סארט מיליטאריזם אלס א הערשאפט־ און אונטערדריקונגס־אינסטרומענט פונם קאפיטאליסטען־קלאס געגען ארבייטער־קלאס. אויף וויפיל עס איז דערביי נאך געמאכט געווארען א חלוק צווישען די איינצעלנע מינים מיליטאריזם, האבען סאציאליסטען זיך פריינדליכער באצויגען צום סיסטעם פון אלגעמיינער קאנסקריפשאן, ווייל אט דער סיסטעם שאפט א פאלקסטימליכען צוזאמענשטעל פון דער ארמיי. אן ארבייטער־פיינדליכע רעגירונג וועט זיך פיל שווערער קענען באנוצען מיט סאלדאטען פון א פאלקס־ארמיי אויפן צוועק צו אונטערדריקען לוין־קאמפען פון ארבייטער אדער פאלקס־באוועגונגען בכלל, ווי — מיט געדונגענע זעלנער פון א באצאלטער „פרייוויליגער" ארמיי.

היינט איז אבער די סיטואציע אין יעדען פרט אן אנדערע און סאציאליסטען האבען געביטען זייער שטעלונג. די שארפסטע געגנער פון קאנסקריפשאן אין ענגלאנד זיינען — די לעיבאר־פארטיי און די טרייד־יוניאנס. די סיבה פון דער דאזיגער שטעלונג איז אין ערשטער ריי דער קאמף געגען דער איצטיגער טארי־רעגירונג, וועלכע האט מיט איר פריינדליכער פאליטיק צו די פאשיסטען א גרויסען חלק שולד פאר דער איצטיגער מלחמה־געפאר אויף דער וועלט. די פיינדליכע שטעלונג פון דער לעיבאר־פארטיי און פון די טרייד־יוניאנס צו קאנסקריפשאן נעמט זיך אבער אויך דערפון, וואס מען האט מורא פאר שעדליכע ווירקונגען פון דעם געזעץ אויפן ארבייטס־מארק.

מיט א באזונדערער פארביטערונג שטרייכט אונטער די ארבייטער־פרעסע, אז די, וואס האבען זיך איינגעשטעלט, פייער און פלאם, פאר קאנסקריפשאן, זיינען די סאמע קארפען־קעפ פון ענגלישען גרויס־קאפיטאל, וואס האבען ביי אלע געלעגענהייטען ביז איצט אפען געשטיצט די פאשיסטישע דיקטאטארס און אזוי ארום געהאלפען פארגרעסערען די געפאר, פון וועלכער עס ווערט באדראהט ענגלאנד. צווישען אנדערע ווערען דערמאנט די פאלגענדע גרויסע פאטריאטען און נאך גרעסערע פאשיסטען־פריינד: לארד עסטאר, איינער פון די באזיצערס פון דער לאנדאנער „טאימס", דער ווארמסטער באשיצער פון היטלער־פאשיזם. סער ארנאלד ווילסאן, באשיצער פונם גענעראל פראנקא אין שפאניע. מעיאר ברוין, דער פירער פון דער ארגאניזאציע „פריינד פון דער נאציאנאליסטישער שפאניע" און אזוי גייען א גרויסע צאל נעמען פון באריהמטע אריסטאקראטען מיט זייערע פאשיסטישע טעטיגקייטען.

אין פארלאמענט איז דאס געזעץ פון דער רעגירונג דורכגעגאנגען מיט אלע געגען די שטימען פון דער לעיבאר־פארטיי.

אין דארף וועט זיך אפשפילען דער דעצידירענדיגער קאמף צווישען די געגנער און אנהענגער פון אנטיסעמיטיזם.

מיר האבען גאנץ גענוי דערציילט וועגען די שטימונגען און פארהעלטנישען צווישען דעם פוילישען פויער. אבער אויפ'ן פלאכען לאנד לעבען אויך גרויסע ערד־באזיצער — די פריצים. זיי זיינען נישט צאלרייך, אבער פאליטיש און סאציאל זייער וואגיג. זיי האבען נאך עד היום א גאר גרויסע דעה אין גאנצען מלוכה־לעבען. עס איז כדאי אויך צו דערציילען בקיצור וועגען דער באציאונג פון די דאזיגע „אויבערשטע פון שטויסעל" צו דער אידען־פראגע.

איך פארשפאר צו פארלירען צייט כדי צו באווייזען, אז די פוילישע פריצים זיינען פאראינטערעסירט אין פאנאנדערבינדען אן אנטיסעמיטישע באוועגונג צווישען דער גרויסער מיליאניגער מאסע פארצווייפעלטע, רעוואלטירענדיגע פויערים. זיי האלטען זיך א סך געלאזט קאסטען, כדי דער פויער זאל אויסציען זיינע מאזאליסטע הענט צום אידישען „סטראגאן" אנשטאט צו דער פרישער ערד... ס'איז אבער פאראן א ספעציפישע סיבה, וואס מעסיגט די אנטיסעמיטישע געלוסטען פון אונזער פוילישען אדעל. ווען איך טראכט וועגען דער דאזיגער סיבה דערמאנט זיך מיר, נישט ווילענדיג, די לאגע, וואס האט געהערשט אין שפאניע אין 16טען יארהונדערט. דער פירענעאישער האלב־אינזעל איז דאמאלסט געווען, אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, א קעסל־גרוב, וואו ראסען און פעלקער זיינען צונויפגעשמאלצען געווארען: אידען, נעגער, אראבער, גאלען, גערמאנער און א סך אנדערע פעלקער האבען דארט אויף דעם וואונדערליכסטען אופן אויסגעמישט זיך און צומישט זייערע בלוטען. ס'איז אוממעגליך געווען צו געפינען א פריצישע פאמיליע פון שפאניער, וואס זאל נישט האבען אין אירע אדערען א צומיש פון אידישע, מאכמעדאנישע אדער נעגערשע בלוט. קארדינאלען פון דער קאטוילישער קירכע, די העכסטע בעאמטע פון דער גרויסער אינקוויזיציע פלעגען דינגען מענשען, וואס זאלען ביינאכט פארניכטען די קברים אויפ'ן אידישען בית עולם, די טויטע עדות, אז אין זייערע אדערען פליסט אידיש בלוט. אבער גראד דער דאזיגער אלגעמיינער „אומגליק" איז באנוצט און אויסגענוצט געווארען ווי א מיטעל צו באזייטיגען ווידערשפעניגע אדער אומבאקוועמע: ווען די רעגירונג אדער די קירכע האט געוואלט פטור ווערען פון אן אומבאקוועמער איינפלוסרייכער פערזענליכקייט, פלעגט יענער באקומען א מודעה פון א ספעציעלען געריכט. ער זאל צו א באשטימטען טערמין זיך מעלדען, כדי צו באווייזען, אז זיינע אבות במשך פון די לעצטע 10 דורות האבען זיך נישט באפלעקט מיט פרעמד בלוט. גיי באווייז די דאזיגע „ריינקייט" אין די געשילדערטע אומשטענדען...

אין דער ביאגראפיע פון סערוואנטעסען, דעם בארימטען מחבר פון „דאן קיכאט", איז דערמאנט, אז אויך אים האט מען אויפגעפאדערט צו באווייזען די „ריינקייט" פון זיין בלוט.

צוליב א גאנצע ריי היסטארישע מאמענטען, אויף וועלכע עס איז נישט כדאי אין היינטיגען ארטיקל זיך אפצושטעלען — געפינט זיך די פוילישע שליאכטע אין אן ענליכער לאגע ווי אמאל די שפאנישע „גראנדען". דאס רוב פון די פוילישע פריצישע פאמיליעס האבען נישט קיין „ריין" בלוט. אין זייערע אדערען פליסט א גרעסערער אדער א קלענערער צומיש פון אידיש בלוט. דאס איז אן אלגעמיין באקאנטע זאך, וואס לאזט זיך לייכט פעסטשטעלען און קאנטראלירען. עס איז טאקע ערשט נישט לאנג דערשינען א בוך אנגעשריבען דורך א אידען און ארויסגעגעבען דורך א אידישען פארלאג אין פוילען, וואו עס ווערט דאקומענטאל באוויזען דער דאזיגער צושטאנד אין באצוג צו העכער 300 פון די באקאנטסטע פאמיליעס פון דער פוילישער פריצישער וועלט. ווען אין פוילען, למשל, זאלען איינגעפירט ווערען „נירענבערגער געזעצען", פשוטער, די דייטשע געזעצגעבונג, וואס קאנטראלירט וויפיל אידיש בלוט עס געפינט זיך אין די אדערען — וואלטען זייער פיל פון די איינפלוסרייכסטע, עכט פוילישע פאמיליעס דערפון שטארק געליטען... עס איז זיך לייכט משער צו זיין, אז דער דאזיגער מאמענט שוואכט אביסעל אפ דעם אימפעט פון די פריצים־אנטיסעמיטען....

וועגען דעם אנטיסעמיטיזם צווישען דער שטעטישער באפעלקערונג וועט מיר נאך מסתמא ארויסקומען צו שרייבען.

קאפיטאליסטישע מזל ברכה אין דער ענגלישער קוילן־אינדוסטרי

אויף דער קאנווענשאן פון די קוילען־גרעבערס אין דרום־ענגלאנד, וואס איז לעצטנס פארגעקומען אין דער פראווינץ וועלס, זיינען ארויסגעבראכט געווארען אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דער איצטיגער לאגע אין אט דער אינדוסטריע אין ענגלאנד. אין דער צייט פון 1921 ביז 1938 זיינען די פראפיטען פון די קאפיטאליסטען אויף יעדען טאן קוילען כמעט פירפאכיג אויסגעוואקסען. א מאדנע סיטואציע האט זיך געשאפען: די פראדוקציע איז געפאלען, די צאל ארבייטער איז שטארק פארקלענערט געווארען — אלץ כלומרשט צוליב דעם, ווייל ס'האט זיך „נישט געלוינט" צו ארבייטען אינטענסיוו. אין דער אייגענער צייט אבער זיינען געוואקסען די קאפיטאליסטישע דיווידענדען. היינט ארבייטען אין ענגלאנד דריי־פערטעל מיליאן קוילען־גרעבער, בשעת קורץ פאר דער וועלט־מלחמה זיינען געווען פארנומען אין דער קוילען־אינדוסריע אין מיליאן מיט הונדערט טויזענט ארבייטער — א פארקלענערונג פון דער ארבייטער־צאל מיט א גאנצען דריטעל. די פראדוקציע איז צוריקגעגאנגען — אין פארגלייך צום יאר 1929 — מיט 12 מיליאן טאן, די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט איז געוואקסען מיט 6 פראצענט, די לוין־הכנסות פון די ארבייטער זיינען געשטיגען מיט קנאפע 23 פראצענט, די פראפיטען פון די קאפיטאליסטען אבער זיינען געוואקסען נישט ווייניגער ווי — מיט 226 פראצענט.

פראפיטען זעטיגען נישט, פארקערט, זיי פארשטארקען דעם דארשט נאך נייע פראפיטען. אזוי באשטייט איצט די געפאר פון א כוואליע לוין־רעדוקציעס אין דער קוילען־אינדוסטריע. די קאנווענשאן האט ארויסגעטראגען א שארפע ווארנונג צו די אונטערנעמער, אז זיי זאלען גיט וואגען אנצורירען דעם איצטיגען לעבענס־סטאנדארד פון די ארבייטער.

קאנווענשאן פון דער אינדעפענדענט לעיבאר־פארטיי אין ענגלאנד

אין סקארבארא, ענגלאנד, איז מיט עטליכע וואכען צוריק פארגעקומען א קאנווענשאן פון דער אינדעפענדענט לעיבאר־פארטיי, וועלכע האט ארויסגערופען די גרעסטע פאראינטערעסירונג אין ארבייטער־קרייזען. די א. ל. פ., וועלכע האט זיך אפגעשפאלטען פון דער לעיבאר־פארטיי צוליב איר לינקס־סאציאליסטישען פראגראם און איז שפעטער דערגאנגען ביז נאענט צו די קאמוניסטען, האט זיך אין מאמענט פון שארפסטען מלחמה־קריזיס ארויסגעזאגט פאר דער „אפיזמענט"־פאליטיק פון דער טשעמבערלעין־רעגירונג. די ביידע אנפירערס פון דער פארטיי מעקסטאן און מק. גאווערען האבען, נאכן שענדליכען פאררעט פון דער אייראפעאישער דעמאקראטיע אין מינכענער אפמאך, ארויסגעשיקט טשעמבערלעינ'ען פייערליכע גראטולאציע־טעלעגראמעס.

אויף דער .קאנווענשאן זיינען פארגעקומען הייסע דיסקוסיעס ארום די דאזיגע דעמאנסטראטיווע האנדלונגען פון די ביידע פארטיי־פירערס. סוף כל סוף האט די קאנווענשאן מיט א גרויסער מאיאריטעט געטאדעלט זייער האנדלונג און אויסגעדריקט איר אומצופרידענהייט. די קאנווענשאן האט אויך אנגענומען א באשלוס פארצוזעצען די פארהאנדלונגען מיט דער לעיבאר־פארטיי וועגן ווידער־פאראייניגונג.

דער פראנצויזישער קאפיטאל געניסט די רעגירונגס־מתנה: די פארלענגערטע ארבייטס־צייט

דער דעקרעט פון דער רעגירונג דאלאדיע וועגען פארלענגערען די ארבייטס־צייט אין דער אינדוסטריע ווייזט זיך ארויס ווי א גאנץ פיינע מתנה פארן פראנצויזישען קאפיטאל, וועלכען ער פאסמאקעוועט מיטן פולען מויל. די מינימאלע ארבייטס־צייט באטרעפט, היינט שוין 45 שעה א וואך. אנגעהויבען האט מען מיטן פארלענגערען די ארבייטס־צייט אין די פאבריקען, וועלכע ארבייטען פאר מיליטערישע באדערפענישען, באלד איז מען אבער אריבער אויף די אנדערע צווייגען פון דער אינדוסטריע. היינט באטרעפט די מינימאלע ארבייטס־צייט שוין אלגעמיין 45 שעה א וואך. און בשעת עס וואקסט אין די ארבייטער־קרייזען די אומצופרידענהייט מיט דער פארשלעכטערונג פון די ארבייטס־באדינגונגען, גיט מען אנצוהערעניש אין קאפיטאליסטישע קרייזען, אז די אינטערעסען פון דער נאציאנאלער אינדוסטריע פאדערען א ווייטערע פארלענגערונג פון דער ארבייטס־צייט — אפשר גאר ביז 60 שעה א וואך.

אין דער אייגענער צייט איז אפגעשאפט געווארען דער שטונדען־לוין און עס איז איינגעפירט געווארען האלב־מאנאטליכע צאלונג, ווייל אזוי קענען די קאפיטאליסטען בעסער אויסנוצען די ארבייטס־צייט־פארלענגערונג.

פון זינט ס'זיינען ארויסגעקומען די ארבייטער־פיינטליכע דעקרעטען אין פראנקרייך, פירט די גענעראל־קאנפעדעראציע פון ארבייט א שארפען קאמף פאר די פארגעוואלדיגטע רעכט פון די ארבייטער. אין קאנפערענצען און מאסמיטינגען ווערט יעדעס מאל צום אויסדרוק געבראכט די פארביטערונג, וואס הערשט אין די ארבייטער־מאסען און די רעגירונג ווערט געווארענט פאר די געפערליכע ווירקונגען פון אירע „פאטריאטישע" מאסמיטלען פאר דער נאציאנאלער פארטיידיגונג. עס ווערט אנגעוויזען ספעציעל, אז די פארלענגערונג פון דער ארבייטס־צייט ברענגט נישט קיין שום נוצען דער נאציאנאלער פראדוקציע און שאפט גאר נייע ארבייטלאזיגקייט. די גענעראל־קאנפעדעראציע פון ארבייט פראטעסטירט ספעציעל געגען דער נישט דערלאזבארער חוצפה'דיגער באציהונג פון דער רעגירונג, וואס האט נישט אפגעהאלטען קיין שום בעראטונגען מיט די יוניאנס, ביי אלע ביז איצטיגע ארבייטס־דעקרעטען. די גענעראל־קאנפעדעראציע שטעלט ארויס דעם עקאנאמישען פלאן, וועלכען די יוניאנס האבען באשלאסען מיט א צייט צוריק, אלס דאס איינציגע מיטעל אין איצטיגען ווירטשאפטליכען קריזיס: פארווערען די אויסערגעוויינליכע פראפיטען אין דער אינדוסטריע, ארגאניזירען די אינדוסטריעלע פראדוקציע אויף א ברייטען נאציאנאלען מאסשטאב, ארגאניזירען דאס קרעדיט־וועזען א. אנד.

די שווייצארישע יוניאן־באוועגונג אין יאר

די שווייץ לעבט איצט איבער זייער א שווערע צייט. ספעציעל דאס פארגאנגענע יאר 1938 איז געווען א ביטער יאר פאר דער פאלקס־ווירטשאפט פון דעם קליינעם לאנד, וואס ליגט אין סאמע צענטער פון דער ווילד צעטרייסעלטער אייראפע. אזוי ווי דער וויכטיגסטער טייל פון דער נאציאנאלער הכנסה נעמט זיך פון פרעמדען־פארקער, איז לייכט צו פארשטיין, אז אין א צייט פון קאטאסטראפעס און שטענדיגער מלחמה־געפאר ארום און ארום, האט דאס לאנד געמוזט ליידען א געוואלדיגען שאדען אויף אט דעם הכנסה־געביט. אבער אויך די שווייצארישע עקספארט־אינדוסטריע האט שטארק געליטען פון דעם אלגעמיינעם קריזיס. און סוף כל סוף האט דער איבערגעלעבטער מלחמה־שרעק פונם אייגענעם לאנד אויך בייגעטראגען צו דער פארשארפונג פונם עקאנאמישען קריזיס. דריי־פערטעל פון די גרענעצען ארום דער שווייץ ווערען ארומגענומען פון דייטשלאנד און איטאליע, פילט מען זיך טאקע זייער אומזיכער מיט אזעלכע שכנים.

נישט געקוקט אויף די אלע שטערונגען אין עקאנאמישען לעבען איז די צאל ארגאניזירטע ארבייטער אין די יוניאנס פון דער שווייץ, אין יאר 1938, נישט בלויז נישט צוריקגעגאנגען, נאר פארקערט די צאל האט זיך אפילו פארגרעסערט — אמת טאקע נישט מיט פיל, איינגאנצען מיט אנדערהאלב פראצענט פארגרעסערט. דער געווינס איז אבער פארט א גרויסער אונטער די איצטיגע אומשטענדען, ווייל לויט אלע דערווארטונגען איז געווען צו רעכענען מיט א פארקלענערונג פון דער מיטגלידער־צאל. דאס האט די אינטענסיווע פראפאגאנדע־טעטיגקייט פון די יוניאנס גובר געווען דעם שאדען, וואס דער עקאנאמישער קריזיס האט געבראכט. די קליינע שווייץ ווייזט, וואס עס קען דערגרייכט ווערען מיט יוניאן־פראפאגאנדע.

צו א הוילען בוים

פון י. העללער

עלענדער בוים,
ביזט ריזיג און שלאנק,
דאך בליקסטו צום הימעל,
ווי דיר טוט עטוואס באנק.

הויל דיינע צווייגען,
די בלעטער צוטריבען,
מיט א צודארטען סקעלעט,
ביסטו איצטער פארבליבען.

האפסטו אויפ'ן פרילינג,
פאר א לעבען א נייעם,
וועסט זיך מיט בלעטער באקליידען,
און פון אומעט באפרייען...

אדער דיין בלוטיגען העקער
דערווארטסטו באלד,
וועלכער וועט דיך צוהאקען
און פארטראגען פון וואלד.

און א בוימעל א נייער,
דיין ארט וועט פארנעמען,
דו וועסט ווערען פארגעסען...
מיין הארץ בלויז וועט קלעמען...

אייראפעאישע סאציאליסטען וועגען דער אינטערנאציאנאלער לאגע

פנים אל פנים מיט דער רויבערישער פאליטיק פון די פאשיסטישע דיקטאטארס זאגען זיך ארויס אלץ מער אנפירענדיגע סאציאליסטען אין אייראפע פאר אקטיווער פארטיידיגונג און קאלעקטיווער זיכערהייט — צווישען זיי אויך פארשטהער פון סאציאליסטישע פארטייען, וואס שטייען אפיציעל נאך אויפן שטאנדפונקט פון נייטראליטעט.

אזוי שרייבט אין דער פרעסע פון דער שוועדישער ס. ד. פארטיי דער באוואוסטער פארטיי־טוער אקערבערג: ס'איז אפשר נישטא קיין אנדער מיטעל צו גאראנטירען דעם צוריקקער פון דער זיכערקייט אין אייראפע ווי דאס צוריק אויפשטעלען די קאלעקטיווע זיכערקייט און די פעלקער־ליגע... מיר דאכט, אז מיר וואלטען נישט געטארט ארויסלאזען פון אויג די דאזיגע פערספעקטיוו, ווען מיר רעדען וועגען בויען קריגשיפען אין שוועדען און וועגען פארלענגערען די מיליטערישע דינסטצייט".

אין דער סאציאליסטישער פרעסע פון דער פראנצויזישער שווייץ איז ערשינען אן ארטיקעל פון פאול גראבער, וועלכער רעדט נאך דייטליכערע ווערטער. „די צוריקגעהאלטענקייט און באזונדערס די נייטראלקייט" — ווערט אין דעם ארטיקעל געזאגט — „האבען פון היינט אן קיין שום באדייטונג נישט פאר דער פארטיידיגונג. זיי זיינען אויך קיין גאראנטיע נישט פאר זיכערקייט". נאכדעם ווי דער ארטיקעל אנאליזירט די געשאפענע קאנסטעלאציע פון די גרויסע אנטשיידענדיגע מלוכות אין אייראפע, קומט ער צום אויספיר, אז די קליינע מלוכות דארפען זיך אנשפארען אין פראנקרייך און אין ענגלאנד, „זיי קענען זיך נישט מער ווייטער אנקלאמערן אין דער אוממעגליכער נייטראליטעט".

אין ארגאן פון די רוסישע מענשעוויקעס „סאציאליסטישעסקי וועסטניק" שרייבט טעאדאר דאן אן אינטערעסאנטען ארטיקעל וועגען די היסטארישע אויפגאבען פון דער אנטי־פאשיסטישער פאליטיק אין קומענדיגען קריג. „די וועלט שטייט הארט ביים ראנד פון מלחמה", ווערט געזאגט אין דעם ארטיקעל", „דאס הייסט זי טרעט אריין אין דער תקופה פון קאטאסטראפאלע אויפטרייסלונגען. אויף דער היסטארישער בינע וועלען זיך ווידער באווייזען, אלס אוממיטעלבארע שעפער פון דער געשיכטע, די פילמיליאניגע מאסען אויף די פראנטען און אין הינטערלאנד, וועלכען די טעכניק פון דער מאדערנער מלחמה וועט אויך פארוואנדלען אין איין לאנגער קייט פון פראנטען. די דאזיגע מאסען וועלען דארפען דעצידירען אויף צענדליגער, אויב נישט אויף הונדערטער יארען וועגען דעם גורל פון אייראפע און פון דער גאנצער וועלט. די אקטיווע אנטי־פאשיסטישע פאליטיק פון סאציאליזם וועט שטיין אויף דער הויך פון איר היסטארישער אויפגאבע ערשט דאן, ווען זי וועט זאמלען אונטער דער סאציאליסטישער פאן דעם גאנצען ארבייטער־קלאס פון אלע לענדער, כדי צו פארוואנדלען די צעשמעטערונג פון פאשיזם אין אן אוממיטעלבארער הקדמה צו דער סאציאליסטישער באפרייאונג פון דער מענשהייט".

קאנגרעס פון סאציאליסטישען יוגענד־אינטערנאציאנאל דעם 30טען יולי

דאס ביורא פון סאציאליסטישען יוגענד־אינטערנאציאנאל האט פארופען דעם קאנגרעס (קאנווענשאן) פון אינטערנאציאנאל אויפן 30טען יולי פון איצטיגען יאר קיין ליל (פראנקרייך). דער צוזאמענפאר וועט אפגעהאלטען ווערען ביז צום 2טען אויגוסט. אויפן טאגארדנונג געפינען זיך צווישען אנדערע די פאלגענדע פונקטען: „די אויפגאבען פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער ארבייטער־יוגענד־באוועגונג אין קאמף פאר שלום", „די אויפגאבען פון דער יוגענד־באוועגונג אין קאמף פאר דעמאקראטיע".

אין צוזאמענהאנג מיטן קאנגרעס וועט אין ליל צווישען דעם 29טען און 31טען יולי פארקומען אן אינטערנאציאנאלער צוזאמענפלי פון דער סאציאליסטישער יוגענד.

אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג

(איבערזיכט)
פון ש. פ.

די פאסירונגען אין דער אמעריקאנער טרייד־יוניאן באוועגונג דורך דעם פארגאנגענעם מאנאט האבען נאך שארפער אונטערשטראכען די געפאר און דעם אומגליק פון דעם פארצויגענעם ברודער־קריג וואס עס בושעוועט אין דער היגער ארבייטער באוועגונג. אין אלע קאמפען און סכסוכים וואס זיינען דעם מאנאט אויסגעפאכטען געווארען פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג, סיי די אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט מיט די בעלי בתים, סיי אויפ'ן געזעצגעבערישען געביט אין די לעגיסלאטורען און אין קאנגרעס, האט זיך דער קאמף אפגעשפיגעלט אויף איין אופן וואס האט געשפילט אין די הענט פון די בעלי בתים און די רעאקציאנערן.

דער נצחון פון דער מיינערס יוניאן

דער וויכטיגסטער ארבייטער קאמף דעם מאנאט, סיי אין דער צאל ארבייטער וואס זיינען דירעקט און אינדירעקט פארוויקעלט געווען אין אים און סיי אין דער אינדוסטריעלער וויכטיגקייט פון דעם קאמף פאר דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד, איז געווען דער קאמף פון דער יונייטעד מיין ווארקערס געגען די אייגענטימער פון די קוילען מינען. געענדיקט האט זיך דער קאמף כמעט מיט א פולען זיג פון דער יוניאן.

קיין אפיציעלער סטרייק איז אין דער קוילען אינדוסטריע ניט גערופען געווארען. אין א געוויסען זינן האט מען עס גיכער געקענט באצייכענען אלס לאק־אוט פון די בעלי בתים. דער אגרימענט אין דעם „אפאלאטשיען" דיסטריקט פון דער ווייכער קוילען אינדוסטריע איז אויסגעגאנגען דעם ערשטען אפריל. די פארהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט האבען זיך אנגעהויבען נאך אין מארטש. די צוויי צדדים האבען זיך אבער ניט געקענט אייניגען.

אין אנפאנג האט די יוניאן געפאדערט קירצערע שטונדען און העכערע שכירות און די בעלי בתים האבען געפאדערט פארקערט, א פארלייגערונג פון דער ארבייטס צייט פאר די זעלבע שכירות. איבער דעם האט מען זיך שנעל געאייניגט אויף די זעלביגע באדינגונגען פון דעם אלטען אגרימענט. דער סכסוך האט זיך אנטוויקעלט איבער דער פראגע פון קלאוזד יוניאן שאפ און די באשטראפונג פון ארבייטער אין פאל זיי סטרייקען אין מיטען טערמין. די יוניאן האט געפאדערט איינס פון די צוויי: ענטוועדער די בעלי בתים זאלען אפיציעל אנערקענען די קלאוזד יוניאן שאפ, וועלכער די מיינערס האבען פאקטיש שוין פון לאנג, אדער זיי זאלען איינשטימען אפצושאפען די שטראף פאר סטרייקען, אום אין פאל זיי וועלען אין מיטען טערמין וועלען אריינשלעפען אן אפאזיציאנס יוניאן, זאלען די ארבייטער זיך קענען באנוצען מיט דעם סטרייק. די בעלי בתים האבען בײדע פאדערונגען ענטזאגט. די יוניאן האט אויך געוואלט לאזען ארבייטען אין די מינען אויף א צייטווייליגער ארענדזשמענט, ביז אן אגרימענט וועט דערגרייכט ווערען. אבער אויך דאס האבען די קאמפאניס אנטזאגט.

דורך דער צייט וואס די פארהאנדלונגען האבען זיך געשלעפט, האט דאס אפשטעלען פון דער קוילען אינדוסטריע זיך אנגעהויבען פילען אין די וויכטיגסטע אינדוסטריען אין לאנד. עס האט זיך דערנענטערט א קריזיס צוליב דעם מאנגעל אין קוילען. די ניו יארקער סאבוועיס, צום ביישפיל, זיינען געצוואונגען געווארען צו שניידען די צאל באנען וואס זיי באטרייבען כדי צו שפארען קוילען וואס ווערט געברויכט פאר דער עלעקטריציטעט. עס האט אויסגעוויזען, אז די עלעקטרישע אינדוסטריע, טראנספארט און אנדערע, זיינען אין געפאר צו מוזען זיך אפשטעלען אויב מען וועט דעם סטאפעדזש ניט שנעל פארענדיגען.

ווען די פארמיטלער פון דער רעגירונג און אפילו דאס אריינמישען זיך פון סעקרעטערי אוו לייבאר, מיסס פּוירקינס, האט ניט געהאלפען; ווען די יוניאן האט געסטראשעט מיט אפשטעלען די ארבייט אין די אנדערע דיסטריקטען און אויך אין די הארטע קוילען מינען, האט זיך פרעזידענט רוזוועלט פערזענליך אריינגעמישט. ער האט פאררופען די פארטרעטער פון ביידע צדדים אין ווייסען הויז און זיי אויפגעפאדערט צו שליכטען דעם סכסוך און צוריק עפענען די מינען. דאס האט געהאלפען.

נאך עטליכע טעג פארהאנדלען האבען די בעלי בתים פון די אפאלאטשיען פעלדער אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער יונייטעד מיין ווארקערס, נאכגעבענדיג די קלאוזד יוניאן שאפ.

אן אויסנאם זיינען די מיין אייגענטימער פון הארלאן קאונטי, קענטאקי, די אזוי גערופענע „בלוטיגע הארלאן", די קוילען פעלדער ארום וועלכע עס איז פארגאסען געווארען מער ארבייטער בלוט ווי ארום וועלכער עס איז אנדער אונטערנעמונג אין אמעריקע. די באסעס אין הארלאן ווילען זיך באין אופן ניט שיידען מיט זייער זעלבסט־הערשאפט און האבען זיך אנטזאגט אונטערצושרייבען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. די מיינערס זיינען דארט געבליבען אין סטרייק.

צוהילף זיי איז געקומען דער גאווערנאר פון קענטאקי, טשענדלער. נאך איידער די באסעס האבען אים געבעטען האט ער זיך אליין אנגעבאטען אריינצושיקען סאלדאטען אין דעם געגענד און העלפען זיי ברעכען דעם סטרייק. דער שעריף פון דער קאונטי האט זיך אנטזאגט צו פאדערען סאלדאטען, האט מען אונטערגעשטעלט דעם קאונטי דזשאדזש צו מאכען די פאדערונג כדי אט די אפענע סטרייק ברעכעריי פון דעם גאווערנאר צו מאכען געזעצליך. דאס כאראקטעריסטישסטע אין דער געשיכטע איז דאס וואס אט דער גאווערנאר איז ערוויילט געווארען צום אמט מיט די שטימען פון די זעלביגע מיינערס, געגען וועלכע ער האט עס געשיקט די סאלדאטען מיט דעם באפעל „שיסט צו טויטען!"

אבער אויך די סאלדאטען האבען ניט געהאלפען. ווי האט פרעזידענט לואיס געזאגט ווען מען האט אים אינפארמירט וועגען גאווערנאר'ס האנדלונג, „מיט באיאנעטען וועלען זיי קיין קוילען ניט גראבען". און קיין קוילען האט מען אין די מינען טאקע ניט געגראבען. זיכער ניט פיל קוילען. א סימן, אז די בעלי בתים פון זעקס מיינס אין דער קאונטי וועלכע באשעפטיגען ארום א העלפט פון אלע מיינערס דארט, זיינען געצוואונגען געווארען אין א פאר טעג ארום אונטערצושרייבען די אגרימענטס מיט דער יונייטעד מיין ווארקערס. די אסאסיאיישאן פארהאנדעלט אויך מיט דער יוניאן און עס זעט אויס אז באלד וועלען זיי אלע ארבייטען אונטער א יוניאן אגרימענט.

כאטש די מיינערס יוניאן האט דעם קאמף געוואונען, איז עס אבער פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז די אורזאך וואס דער סעטלמענט האט זיך אזוי לאנג פארצויגען און וואס מען האט געמוזט אנקומען צו דער אריינמישונג פון פרעזידענט רוזוועלט אויסצומיידען א מלחמה אין דער קוילען אינדוסטריע, איז דער קאמף צווישען דער א. פ. אוו ל. און דער סי. אי. א. אט דער קאמף האט די באסעס געגעבען האפענונג אז אפשר וועט זיי געלינגען צו ברעכען די יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן. נאך מער. די פראגרעסיוו מיינערס יוניאן, די אפאזיציאנס יוניאן, וואס די א. פ. אוו ל. האט געטשארטערט האט זיך אפיציעל פרובירט אריינמישען און אויפפאדערען די מיין אייגענטימער ניט נאכצוגעבען די פאדערונג פאר א קלאוזד יוניאן שאפ. געטאן האבען זיי עס אין דער האפענונג צו קענען קריגען אן אנהאלט צווישען די מיינערס און אוועקרייסען טיילען פון זיי פון דער יונייטעד.

אלס רעזולטאט פון דעם סעטלמענט מיט די בעלי בתים אין די אפאלאטשיען פעלדער, האבען די אייגענטימער פון די מינען פון ווייכע קוילען אין די אנדערע דיסטריקטען שוין אויך אונטערגעשריבען די אגרימענטס. געבליבען זיינען דערוויילע אויסער דער יוניאן, ווי שוין געזאגט, בלויז ארום פופצען מיינס אין הארלאן קאונטי, וועלכע באשעפטיגען ארום פינף טויזענד מיינערס. דער סעטלמענט האט אויך ניט פארפעלט צו האבען די געהעריגע ווירקונג אויף די אייגענטימער פון די אנטראציט מינען, וועמענס אגרימענט איז אויסגעגאנגען דעם ערשטען מאי. אין דער לעצטער מינוט האבען ביידע צדדים איינגעשטימט צו פארלייגערען דעם אגרימענט פאר דער צייט וואס די פארהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט זיינען אנגעגאנגען און האבען ענדליך אויך אונטערגעשריבען א קלאוזד שאפ אגרימענט.

דריי קאנווענשאנס פון טעקסטיל ארבייטער

אין דער טעקסטיל אינדוסטריע איז דעם מאנאט אויסגעפאכטען געווארען אן אנדער סארט שלאכט. ניט פון די ארבייטער געגען די בעלי בתים, נאר פון די צוויי טיילען אין דער טעקסטיל ארבייטער יוניאן. די ערשטע שלאכט האט געוואונען, ווייזט אויס, די פראקציע וואס איז אנגעשלאסען אן דער סי. אי. א. די מלחמה צווישען די צוויי פראקציעס איז נאך אבער ווייט ניט געענדיגט און וועט ווארשיינליך ניט געענדיגט ווערען ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערען פרידען צווישען די צוויי פליגלען אין דער אמעריקאנער טרייד־יוניאן באוועגונג.

די שלאכט צווישען די צוויי צדדים איז אנגעפירט געווארען דורך דריי קאנווענשאנס וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען דעם מאנאט. די פראקציע, געפירט פון געוועזענעם פרעזידענט פון דער יונייטעד טעקסטיל ווארקערס יוניאן, פראנסיס גארמאן, האט געהאט א קאנווענשאן אין וואשינגטאן די ערשטע וואך אין מאי. פרעזידענט גרין האט דער פראקציע אפיציעל צוריקגעגעבען דעם אינטערנעשאנאל טשארטער פון דער „יונייטעד", וואס איז אוועקגענומען געווארען פון דער יוניאן ווען די אינטערנעשאנאל איז אויסגעשלאסען געווארען פון דער פעדעריישאן. א טשארטער מאכט נאך אבער ניט קיין יוניאן. מען דארף דערצו נאך האבען א באדייטענדע צאל מיטגלידער צווישען די ארבייטער אין טרייד. און דאס — ווייזט אויס — האט די פראקציע ניט פיל.

שטערונגען און טראבעל אבער קען מען פאראורזאכען א סך אפילו מיט ווייניג מיטגלידער, ספעציעל אין אן אינדוסטריע וואס איז אין איר גרעסטער מערהייט ניט ארגאניזירט. און די א. פ. אוו ל. קלייבט זיך צו נוצען די פראקציע ווי ווייט עס וועט נאר זיין מעגליך ניט צו דערלאזען דער סי. אי. א. יוניאן זיך באפעסטיגען אין דער טעקסטיל אינדוסטריע. אן אנהאלט האט די גרופע אין די ניו־ענגלאנד שטאטען און אין דער סאוטה און זי וועט עס נוצען פאר א באזע צו אטאקירען די סי. אי. א. פראקציע.

די אנדערע צוויי קאנווענשאנס זיינען אפגעהאלטען געווארען פון דער פראקציע וואס איז אנגעשלאסען אן דער סי. אי. א. צוויי קאנווענשאנס זיינען נויטיג געווען צו געבען דער נייער יוניאן וואס איז דארט אפיציעל געגרינדעט געווארען א געזעצליכען קלעים אלס יורש פון דער פריערדיגער יונייטעד טעקסטיל ווארקערס יוניאן. די געשיכטע איז אזא:

ווען די סי. אי. א. האט ארגאניזירט די טעקסטיל ווארקערס ארגאניזירונג קאמיטע האט זי געשלאסען אן אפמאך מיט דער קאמיטע, איר איבערגעבענדיג דאס רעכט צו טשארטערן לאקאלס און אנפירען די ארבייט פון דער יוניאן. די ט. וו. א. ק. האט זיך מיט דעם אפמאך באנוצט און האט אלע נייארגאניזירטע לאקאלס ארויסגעגעבען טשארטערס ניט פון דער „יונייטעד" נאר פון ט. וו. א. ק. זי האט אויך פון מאנכע אלטע לאקאלס אוועקגענומען די פריערדיגע טשארטערס און זיי פארביטען מיט די טשארטערס פון דער נייער ארגאניזאציע. דאס איז א פנים געטאן געווארען צו פארהיטען זיך טאמער האבען אמאל די לאקאלס חרטה אויפ'ן אפמאך.

ווען גארמאן האט זיך אפגעריסען פון דער ט. וו. א. ק און האט פרובירט צוריקשטעלען די אלטע יוניאן, האט די ארגאניזאציאנס קאמיטע פון דער סי. אי. א. פרובירט צווינגען א לאקאל אין ראוד איילאנד דורכ'ן געריכט איבערצוגעבען זיי די פאנדען און ביכער פון לאקאל. ביים פראצעס האט א ריכטער גע'פסק'ענט אז דער אריגינעלער אפמאך פון דער גענעראל עקזעקוטיוו מיט דער סי. אי. א., איז ניט געזעצליך און דעריבער האט די סי. אי. א. ניט קיין רעכט אויף דעם אייגענטום, ביכער אדער טשארטערס פון די לאקאלס. אן ענליכען אורטייל האט ארויסגעגעבען א צווייטער ריכטער אין דער סאוטה.

דער לעגאלער סטאטוס פון דער ט. וו. א. ק. איז דורך די ענטשיידונגען געשטעלט געווארען אין געפאר. ט. וו. א. ק. האט דעריבער באשלאסען אויסצובויען א געזעצליכען פונדאמענט אונטער זייער ארגאניזאציע. פאר דעם צוועק זיינען גערופען געווארען צוויי קאנווענשאנס, איינע פון די לאקאלס וואס האבען נאך אלץ געהאט די טשארטערס פון דער אלטער יונייטעד טעקסטיל ווארקערס יוניאן און א צווייטע פון די נייע לאקאלס וואס האבען געהאט טשארטערס פון ט. וו. א. ק. ביי ביידע קאנווענשאנס איז דורכגעפירט געווארען רעזאלוציעס צו פאראייניגען זיך און דאן זיינען ביידע קאנווענשאנס צו־

זאמענגעגאסן געווארן אין אייטעם און האבן זיך פאר־מירט אין א קאנסטיטוציאנעלער קאנווענשאן פון דער פאראייניגטער ארגאניזאציע.

די נייע יוניאן האט זיך א נאמען געגעבן „טעקסטיל ווארקערס או אמעריקא". ביי איר קאנווענשאן זיינען אנגענומען געווארן א ריי רעזאלוציעס פון אן עקאנאמישען און פאליטישען כאראקטער, ווי א באשלוס גלייך אנצוהויבען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דער סאוטה; פאר א העכערען מינימום אונטער דעם שטונדען שכירות געזעץ; פאר פרידען אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג; וועגען איינשטעלען א ספעציעלען דעפארטמענט אין דער סי. אי. א. פון די יוניאנס אין די אינדוסטריען וואס פראדוצירען סחורה פאר'ן אלגעמיינעם פארברויך, און א צאל ענליכע רעזאלוציעס. פרעזידענט פון דער יוניאן איז ערוויילט געווארן עמיל ריווע, פון די פול־פעשאנד האזיערי יוניאן; דזשארדזש באלדאנצי, פון דער פעדערישאן או דייערס, איז ערוויילט געווארן אלס עקזעקוטיוו וויס־פרעזידענט; און וויליאם פאלאק איז ערווילט געווארן אלס סעקרעטער. ביי דער קאנווענשאן איז געשאפען געווארן א ספעציעלער אמט פון טשערמאן פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, צו וועלכען עס איז ערוויילט געווארן סידני הילמאן.

פון דעם און פון דער ערוויילונג פון עטליכע אמאלגאמייטעד מענשען אויף דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער נייער טעקסטיל יוניאן איז צו זען אז די פארבינדונג פון די צוויי יוניאנס איז פארבליבען. דאס מערקווירדיגע איז וואס אין דער קאנסטיטוציע איז אריינגעשריבען געווארן א פונקט וואס שרייבט פאר אז א מיטגליד אויף דער באארד אדער גענעראל בעאמטער קען זיין בלויז איינער, וואס איז א מעמבער אין דער יוניאן וויניגסטענס צוויי יאר, און דאך זיינען אויף דער באארד ערוויילט געווארן דזשאזעף סאלערנא און סאנדער דזשעניס, וועלכע זיינען גאר אמאלגאמייטעד בעאמטע און האבן קיין מאל ניט געארבייט אין א טעקסטיל מיל.

ערשטער צוזאמענשטויס אין דער אויטאמאביל אינדוסטרי.

פון זינט דער שפאלטונג אין דער אויטאמאביל ארבייטער יוניאן, איז אין די פאבריקען פאקטיש קיין יוניאן קאנטראל ניט געווען. ביידע צדדים האבן מורא געהאט צו פאראורזאכען א „שאו דאון" מיט די בעלי־בתים, ווייל זיי זיינען גארניט זיכער געווען מיט דער האנדלונג פון די ארבייטער. יעדער צד האט מורא געהאט טאמער וועלען די אנהענגער פון דער צווייטער גרופע, צוזאמען מיט די ניט־יוניאן לייט וואס ארבייטען אין די פעקטארים זיך פאראייניגען אין א מאיאריטעט און ברענגען זייער צד א נידערלאגע.

פאר די בעלי־בתים איז דער צושטאנד געווען ווי געוואונשען. זיי זיינען פאקטיש פטור געווארן פון יוניאן קאנטראל. האבען ניט אנערקענט קיין יוניאן. וועגען שאפ־סכסוכים האבען זיי פארהאנדעלט דירעקט מיט די ארבייטער, אמאל מיט איין צד, אמאל מיט'ן צווייטען צד. דזשענעראל מאטארס האט אפיציעל אנאנסירט, אז זיי וועלען ניט באנייען דעם אגרימענט מיט קיינער פון די צוויי פראקציעס ביז עס וועט עטאבלירט ווערען וועלכע פון זיי עס האט א מאיאריטעט. שטילערהייט האבען זיי געטאן וואס זיי האבען געקענט אז די צייט זאל ניט קומען אזוי שנעל.

נאך לאנגע צוגרייטונגען האט די סי. אי. א. פראקציע דעם מאנאט באשלאסען צו נעמען שריט וואס זאל איר פארזיכערן די אויבערהאנט אין די פאבריקען. פאר דעם ערשטען פארזוך האט זי אויסגעקליבען די בריגס מאנופעקטשורינג קאמפאני. די פאבריקען זיינען אין א באזונדערס וויכטיגער סטראטעגישער פאזיציע אין דער אינדוסטרי. דארט ווערען געמאכט די באדיס פאר קרייזלער און פארד און געוויסע טיילען פאר אויטאמאבילען פון אנדערע קאמפאניס. ווען די ארבייט ווערט דארט אפגעשטעלט, מוזען אפגעשטעלט ווערען די פלענטס פון פילע אויטאמאביל פאבריקען וועמען זיי שטעלען צו די טיילען. אין די בריגס פעקטארים האט די סי. אי. א. פראקציע די אויבערהאנט און זיי האבען דעריבער דארט ערקלערט א סטרייק.

די אפיציעלע אורזאך פאר'ן סטרייק זיינען געווען עטליכע און צוואנציג דיסטשארדזש קעיסעס. די קאמפאני האט עס געוואלט פארלאטען דורך צוריקנעמען זיבען פון די אפגעלייגטע ארבייטער און איבערגעבען די אנדערע קלאגען צו ארביטריישאן. דאס האט די יוניאן אנטזאגט און 15,000 ארבייטער פון זעקס פאבריקען זיינען ארויס אין סטרייק. אין 24 שטונדען זיינען דורך דעם סטרייק אפגעשטעלט געווארן די קרייזלער פאבריקען און נאך 55 טויזענד ארבייטער זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דער ארבייט. אויב דער סטרייק זאל אנהאלטען וועט זיך אין גיכען מוזען אפשטעלען די ארבייט אין די דאדזש און אין טיילען פון דער פארד פעקטארי, וואו מען מאכט די לינקאלן קארס.

א צווייטער סטרייק אין וועלכען דער קאמף צווישען די צוויי יוניאנס איז אפענער, איז אויך גערופען געווארען פון דער סי. אי. א. יוניאן אין דער פאבריק וואו עס ווערען געמאכט די גרעהעם־פעידזש קארס. די מארטין פראקציע האט, שיינט עס, אין דער פעקטארי די אויבערהאנט. זיי האבען באשטימט א נייע שאפ קאמיטע פון זייערע מענשען און האבען געבראכט דערצו, אז דער פריערדיגער שאפ טשערמאן, ראבערט קאלינס, איז אוועקגעשיקט געווארן פון דער ארבייט. די סי. אי. א. גרופע האט דעריבער אוועקגעשטעלט פיקעטס ארום שאפ און ערקלערט א סטרייק. די מארטין גרופע באהויפטעט אז דער טשערמאן איז אליין אוועק נאר האט נאכדעם חרטה געהאט און געפאדערט מען זאל אים ריאינסטייטען. די צייט פאר א סטרייק אין דער אינדוסטרי איז זייער ניט קיין גינסטיגע פאר די ארבייטער. דער סיזאן האלט זיך ביים ענדיגען. אויב עס זאל ניט שנעל געסעטעלט ווערען, וועלען די בעלי־בתים זיך קענען פארגינען צו האלטען די פאבריקען געשלאסען מאנאטען לאנג אהן גרויסע פארלוסטען. אויב די ארבייטער פון ביידע פראקציעס זאלען ניט שנעל קומען צום שכל און געפינען א וועג פאר געאייניגטער אקציע, איז די גאנצע אויטאמאביל יוניאן און אלע זייערע געווינסען אין געפאר.

אנדערע וויכטיגע פאסירונגען.

געווען דעם מאנאט פיל אנדערע וויכטיגע פאסירונגען אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג. ליידער ערלויבט דער פלאץ ניט זיך אפצושטעלען גענוי אויף זיי אין היינטיגען נומער. מיר וועלען זיך מוזען באנוגענען מיט בלויז אויסרעכענען די פאלען.

די נעשאנעל מעריטיים יוניאן פון דער סי. אי. א. האט דעם מאנאט גערופען א סטרייק פון די מאטראזען אויף די אויל שיפען וואס געהערען זעקס קאמפאניס פון דעם אויל טראסט. דער סטרייק איז צוגעגרייט און געפירט געווארען אויף אזא אומגעלומפערטען אופן, אז ער איז פאקטיש געווען א פיאסקא. די מערסטע שיפען האבען אפערירט. אפילו א טייל פון די יוניאן מיטגלידער האבען געסקעבט. די פלעצער פון די סטרייקער זיינען שנעל פארנומען געווארען פון אנדערע. די יוניאן זוכט איצט וויניגסטענס אז די סטרייקער זאלען צוריק קריגען זייערע פלעצער, אבער די באסעס זוכען זיך נוקם צו זיין און אנטזאגען זיך אוועקצושיקען די סטרייקברעכער. רעגירונגס פארמיטלער זוכען צו פועל'ן ביי די קאמפאניס אז זיי זאלען ניט פאדערען דעם גאנצען פונט פלייש.

די געריכטס־ענטשיידונג וואס האט פאר'משפט די פול פעשאנד האזיערי ווארקערס יוניאן צו צאלען קארגע דריי־פערטעל מיליאן דאלער שאדענערזאץ צו דער עיפעקס קאמפאני פאר דעם שאדען וואס זי האט געהאט דורך דעם סיט דאון סטרייק, האט פארשארפט די אפעטיטען פון יוניאן ברעכערישע באסעס איבעראל צו באנוצען זיך מיט דעם אנטי־טראסט געזעץ צו ברעכען די יוניאנס. דעם מאנאט האט טאם גוירדלער, דער פרעזידענט פון „רעפאבליק סטיל", ארום וועמעס פאבריקען עס זיינען ערמארדעט געווארען 18 סטרייקער אין צייט פון דעם שטאל סטרייק, באשלאסען צו פאדערען שחיטה־געלט פון די ארבייטער. ער האט פארקלאגט די סטילווארקערס ארגאניזינג קאמיטע פון דער סי. אי. א., די אייזענארבייטער יוניאן, די בעאמטע פון די יוניאנס און א צאל אנפירער פון צווישען די סטרייקער אויפ'ן גרונט פון דעם זעלביגען שערמאן אנטי־טראסט געזעץ און פאדערט בסך־הכל דריי פערטעל ביליאן דאלער שאדענערזאץ. זיין חשבון איז, אז זיין קאמפאני האט געליטען פארלוסטען דורך דעם סטרייק וואס האבען אנגעטראפען צוויי מיליאן מיט 500 טויזענד דאלער און לויט דעם שערמאן געזעץ איז ער בארעכטיגט צו דריי מאל אזויפיל געלט.

די קלאגע האט גוירדלער געבראכט אין געריכט צו בגעגענווירקען די קלאגע פון דער יוניאן צו דער נעשאנעל לעיבאר רילעישאנס באארד וועלכע פאדערט אז ריפאבליק סטיל זאל צוריקנעמען צו דער ארבייט די סטרייקער וואס האבען פארלארען די דזשאבס דורך דעם סטרייק און צאלען זיי בעק פעי פאר דער צייט וואס זיי האבען פארלארען. די בעק פעי טרעפט אן אומגעפער די זעלבע סומע וואס גוירדלער פאדערט אלס שאדען ערזאץ פון דער יוניאן. די גאנצע זאך איז א מאנעווער פון גוירדלער'ן. די חוצפה אבער פון אזא פארלאנג שטייגט איבער אלעס וואס אמעריקע האט ווען געזען.

די שלאכטען צווישען דער א. פ. או ל. און דער סי. אי. א. זיינען דעם מאנאט אנגעפירט געווארען ניט נאר אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט נאר אויך אויפ'ן געזעצגעבערישען. אין די פארהערען פאר דער סענאט קאמיטע וועגען ענדערונגען אין דעם וואגנער לעיבאר רילעישאנס געזעץ איז אויסגעפאכטען געווארען א וויכטיגע שלאכט צווישען די צוויי צדדים. פרעזידענט גרין איז ארויסגעקומען פאר באדייטענדע ענדערונגען אין געזעץ וואס זאל שטארק פארקלענערען די מאכט פון דער לעיבאר באארד. די וויכטיגסטע ענדערונגען וואס גרין האט געפאדערט, איז אז דער פאך זאל אפיציעל אנערקענט ווערען אלס יוניט פאר ערוויילען פארטרעטער צו פארהאנדלען מיט די בעלי־בתים. אזא ענדערונג וואלט געגעבען דאס רעכט צו קוואליפיצירטע ארבייטער אין מאסן פראדוקציע אינדוסטריען צו קריגען באזונדערע פארטרעטער און באזונדערע אגרימענטס מיט בעלי־בתים. דערפאר טאקע איז די סי. אי. א. ארויסגעטראטען שארף געגען וועלכע עס איז ענדערונגען אין דעם געזעץ. זייער הויפט טענה, און א גערעכטע טענה, איז געווען אז אויב מען וועט נעמען אמענדירען דעם געזעץ, וועלען דורך דעם איינפלוס פון רעאקציאנערען געמאכט ווערען אזעלכע ענדערונגען וואס וועלען דעם געזעץ אין גאנצען פארניכטען.

דזשאהן לואיס איז אפילו ארויסגעקומען מיט דער סענזאציאנעלער באשולדיגונג אז די אמענדמענטס וואס גרין האט פארגעשלאגען זיינען אויסגעארבייט געווארען פון דער נעשאנאל אסאסיאיישאן או מאנופעקטשורערס.

מען רעדט נאך אלץ וועגען שלום.

אין דער צייט וואס שלאכטען צווישען די צוויי פליגלען אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג פלאקערען אויף אלע פראנטען, הערט מען פון דעסטוועגען ניט אויף צו ריידען וועגען שלום און פאראייניגונג. אין דער הינזיכט איז עס זייער ענליך צו דער אינטערנאציאנאלער לאגע אין אייראפע.

פרעזידענט גרין איז דעם מאנאט ארויסגעטראטען דריי מאל מיט שלום רעדעס. אין טאראנטא, קענעדע, וואו גרין האט אדרעסירט די קאנווענשאן פון דער בראדערהוד או רעילוועי קלוירקס, האט ער פארזיכערט, אז די פעדערעישאן טוט אלץ וואס נאר מעגליך צו ברענגען שלום אין דער ארבייטער באוועגונג, און פארזיכערט, אז די פארהאנדלונגען וועלען זיך ווידער אנפאנגען אזוי שנעל ווי לואיס וועט פארטיג ווערען מיט'ן באנייען די אגרימענטס אין דער קוילען אינדוסטרי.

אין א טעלעגראמע צו דער קאנווענשאן פון דער פענסילווייניע סטעיט לעיבאר פעדערעישאן האט גרין אפעלירט צו די סי. אי. א. יוניאנס צוריקצוקומען צו דער פעדערעישאן. ביי דער קאנווענשאן איז אריינגעבראכט געווארען א רעזאלוציע פאר פרידען צווישען די יוניאנס. אויך ביי דער קאנווענשאן פון דער העטערס און מילינערי אינטערנעשאנעל האט גרין גערעדט וועגען דער נויטיגקייט פון פרידען אין דער ארבייטער באוועגונג און האט איבערהויפט אפעלירט צו אונזער אינטערנעשאנעל צוריק זיך אנצושליסען אן דער פעדערעישאן. מעטיו וואל האט ביי דער זעלבער קאנווענשאן אויך גערעדט וועגען דער נויטיגקייט פון שלום און האט פארעפענטליכט א דאקומענט צו באווייזען אז אין 1937, ביי די פארהאנדלונגען, האט מען זיך שוין געהאט פאקטיש געאייניגט אויף א פארשטענדיגונג און אז די פארטרעטער פון דער פעדערעישאן האבען דעמאלט פאקטיש איינגעשטימט אז 34 אינטערנעשאנעל יוניאנס זאלען קריגען אינדוסטריעלע טשארטערס. צווישען די פיר און דרייסיג יוניאנס זיינען אלע מאסען פראדוקציע אינדוסטריען, די נאדעל טריידס יוניאנס, צייטונג־שרייבער, ריטעיל קלוירקס, רעגירונגס אנגעשטעלטע און פראפעסיאנאלען, מארין ארבייטער און עטליכע אנדערע. דער דאקומענט וואס ער האט פארעפענטליכט איז געווען א מעמאראנדום פון טשארלס פ. הארארד, פרעזידענט פון דער שריפטזעצער יוניאן און סעקרעטאר פון דער סי. אי. א. פאר די סי. אי. א. פארטרעטער ביי די פרידענס קאנפערענצען. (די באדינגונגען זיינען פאקטיש די זעלבע וואס פרעזידענט דובינסקי האט פארעפענטליכט ביי א דזשאינט עקזעקוטיוו מי־

טינג אין ניו יארק באלד נאכדעם ווי די פארהאנדלונגען זיינען אפגעבראכען געווארען און וועלכע די סי. אי. א. פירער האבען גאלייקענט).

מיט פרידענס אפילס זיינען אויך ארויסגעטראטען דעם מאנאט דעניעל טאבין, פון דער טימסטער יוניאן, און סידני הילמאן. פון די אפיעלס איז אבער פארלויפיג קיין זאך ניט געטאן געווארען צו באגייען די קאנפערענצען. עס איז בלויז צו האפען, אז איצט, נאכדעם ווי די סי. אי. א. האט אביסעל פארשטארקט אירע פאזיציעס דורך דעם סעטעלמענט אין דער קוילען אינדוסטריע און דעם ריארגאניזירן די טעקסטיל יוניאן, וועט זי אפשר ווערען א ביסעל ווייכער און זיך פארנעמען ערנסטער מיט מאכען א סוף פון דעם ברודער קריג.

העטערס און מילינערי יוניאן און פאריערס אינטערנעשאנאל האלטען אפ קאנווענשאנס.

צוויי קאנווענשאנס פון נאדעל טרייד יוניאנס זיינען דעם מאנאט אפגעהאלטען געווארען. די קאנווענשאן פון דער העטערס, מילינערי און קעפמייקערס יוניאן און די קאנווענשאן פון דער יונייטעד פאר וואירקערס יוניאן.

די פאריערס יוניאן האט איר קאנווענשאן געהאלטען אין אטלאנטיק סיטי אין דער וואך פון זיבעטען ביז'ן פופצענטען מאי. די וויכטיגסטע אויפטואונג פון דער קאנווענשאן איז דער באשלוס אירער צו פאראייניגען זיך מיט דער לעדער ארבייטער יוניאן פון דער סי. אי. א. די לעדער ארבייטער האבען א פאטענציעלע מעגליכקייט צו ווערען א גרויסע אינטערנעשאנעל. אין טרייד ווערען באשעפטיגט ארום 85 טויזענד ארבייטער. צוזאמען מיט די פאריער קענען זיי ווערן א גרויסע יוניאן.

פארלויפיג זיינען אין דער לעדער ארבייטער יוניאן אנגעשלאסען בלויז ארום צען ביז צוועלף טויזענד ארבייטער. וועגען דער נוצליכקייט פאר די צוויי צו זיין פאראייניגט בלייבט נאך איבער צו זען. אמת, אז מיט דער הילף פון דער פאריערס אינטערנעשאנעל וועט מען פיליכט קענען אויפטאן מער פאר די לעדער ארבייטער און זיי העלפען ארגאניזירען זיך. דערפאר אבער וועט עס פארורזאכען באדייטענדע שוועריגקייטען. ערשטענס פארוויקלעט עס שוין דער פאריערס יוניאן אין א דירעקטען יוריסדיקציע קאמף מיט דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר, וועלכע האט אויך א יוניאן פון גארבער און לעדער ארבייטער און פלאנעוועט די לעצטע צייט צו פאראייניגען זי מיט דער פאקעטבוך מאכערס יוניאן. עס זיינען שוין פאראן סמנים, אז דער ניו יארקקער לאקאל פון די פאקעטבוך מאכער וועלכער האט זיך אפגעריסען פון דער אינטערנעשאנעל, פלאנעוועט אויך זיך אנצושליסען אן דער פאריערס יוניאן, וועלכעס וועט דעם יוריסדיקציע קאמף פארפאלקאמענען.

צווייטענס איז דער כאראקטער פון דער ארבייט אזוי פארשידען און דער אונטערשייד אין די סטאנדארדס פון די ארבייטער אין די צוויי טריידס אזוי גרויס, אז עס וועט פארורזאכען גרויסע שוועריקייטען צו האלטן זיי צוזאמען אין איין יוניאן. ס'איז אפילו ניט אויסגעשלאסען אז געוויסע סארטען פעלכלעך וואס קענען געגארבט ווערען אין ביידע סארטען גארבערייען זאלען אנהויבען אריבערוואנדערן אין די לעדער שעפער, וואו די ארבייטס־סטאנדארדס זיינען פיל נידעריגער ווי אין די פאר דרעסינג שעפער.

איבער די אורזאכען זיינען טאקע מאנכע פארטרעטער געווען געגען דער פאראייניגונג. עס איז אבער דאך אנגענומען געווארען מיט א ריזיג גרויסער מאיאריטעט. דער חשק פאר א גרויסער יוניאן (גרויס אין צאל) האט ווייזט אויס איבערגעשטיגען די פראקטישע אויסרעכענונגען.

צווישען די רעזאלוציעס וואס זיינען אנגענומען געווארען ביי דער קאנווענשאן זיינען פאר א 30־שטונדיגער וואך; א גאראנטירטע צאל וואכען ארבייט; געגען ספיד אפ; פאר פארהיטען דעם געזונט פון די ארבייטער; און אנדערע פון אן אינדוסטריעלען און פאליטישען כאראקטער. איין רעזאלוציע וואס איז דארט אנגענומען געווארען טראגט דעם שטעמפעל פון דעם פארטיי קאמף וואס עס גייט אן אין דער פאריער יוניאן און וועט, לויט מיין ערפארונג, דער יוניאן קיין גוטעס ניט טאן. דאס איז די רעזאלוציע וואס פארבאט מיטגלידער ארויסצוגעבען „שעדליכע ליפלעטס וואס דיסקרעדיטירען די יוניאן; פארבאטען צו מאכען בלבולים און אומפאראנטווארטליכע סטעיטמענטס". נו, מאכען בלבולים און אומפאראנטווארטליכע סטעיטמענטס איז פריהער אויך געווען פארבאטען. מען האט געקענט א מעמבער רופען צו פאראנטווארטליכקייט פאר אזעלכע סטעיטמענטס און אים ארויסווארפען צו באווייזען. דער איצטיגער עקסטרא פארבאט, קען ניט מיינען עטוואס אנדערש ווי בלויז פארבאטען ריידען און פרעסע פרייהייט פאר די מיטגלידער. עס וועלען זיין די בעאמטע, וועלכע וועלען דארפען באשליסען וואס עס איז שעדליך אדער פאלש. אזא פארבאט ברענגט אומלעגאלע ליטעראטור און פארזאמלונגען וואס גיבען דער יוניאן קיין געזונט ניט צו. אנשטאט אפצושטעלען די אפאזיציעס וועט עס זיי פארטרייבען אונטער דער ערד און פארשטארקען. שוין ניט ריידענדיג, וואס א יוניאן וועלכע קעמפט פאר רעדע און פרעסע פרייהייט פאר זיך, קען זיך ניט ערלויבען עס צו פארבאטען אירע געגנער.

די קאנווענשאן פון די העט און מילינערי אינטערנעשאנעל.

די העטערס, קעפ און מילינערי אינטערנעשאנעל האט אפגעהאלטען איר קאנווענשאן אין דער וואך פון 21טען ביז 27טען מאי אין ניו יארק. ווען די ווערטער ווערען געשריבען גייט נאך די קאנווענשאן אן. פון איר ארבייט ביז איצט איז שוין אבער קלאר, אז זי גיט זיך מערסטענס אפ מיט אינדוסטריעלע פראבלעמען פון וועלכע ניט בלויז די ארבייטער, נאר די אינדוסטרי אלס גאנצע ליידט. וואס פאר א מיטלען זי וועט אננעמען די פראבלעמען צו לעזען איז נאך פארלויפיג ניט באקאנט.

איינע פון די מערקווירדיגע ערשיינונגען אין די נאדעל טריידס איז דאס, וואס די אינדוסטריעלע פראבלעמען צו לעזען מוז מען דורכאויס אנקומען צו די יוניאנס, אנשטאט דעם וואס אין אנדערע אינדוסטריען איז דאס הויפטזעכליך די אויפגאבע פון די בעלי־בתים און זייערע אסאסיאיישאנס. די העטערס און מילינערי אינטערנעשאנעל קאנווענשאן, צום ביישפיל, גיט אפ פיל צייט אויף דער פראבלעם פון די סינדיקאטען וואס האבען איבערגענומען די אינדוסטרי און רואינירען סיי די מאנופעקטשורערס און סיי די ארבייטער. דאס זעלבע וועגען דער פראגע וואס דער עולם האט אויפגעהערט צו טראגען קעפס און דער קעפ טרייד איז צוליב דעם כמעט אונטערגעגאנגען. פון אזוינע איבלען ליידען נאטירליך די בעלי־בתים ניט ווייניגער ווי די ארבייטער. ביי זיי אבער איז ניטא דער ארגאניזירטער כוח און ניט דער ווילען אנצונעמען מיטלען אדער ארויסצוטרעטען אין א קאמף. עס פאלט דעריבער אויפ'ן גורל פון דער יוניאן צו טאן עס. און ניט נאר מוז די יוניאן טראגען דעם גרעסטען טייל פון דער לאסט פאר דער אינדוסטרי, נאר זי מוז נאך אפט קעמפען אויך מיט די זעלביגע בעלי־בתים פאר וועמעס טובה וועגען די יוניאן ראנגעלט זיך מיט די פראבלעמען.

א ביסעל פרעהליכער איז דער באריכט וועגען דער מענס העטס אינדוסטריע ביי דער קאנווענשאן. ווי באוואוסט איז די קאנווענשאן די ערשטע פון דער אינטערנעשאנעל זינט די העטערס און מילינערי יוניאנס האבען זיך פאראייניגט. דער באריכט פון פרעזידענט זאריצקי און פון די אנדערע פירער ווייזט אן אז די צאל מיטגלידער אין דער העטערס אפטיילונג האט זיך דורך די צוויי יאר מער ווי פארטאפלט. אנשטאט 3,500 מיטגלידער, וואס די העטערס האבען געהאט ביי דער פאראייניגונג, האבען זיי איצט קארגע 9,000 מיטגלידער. דורך דער צייט זיינען ארגאניזירט געווארען א גרויסע צאל פאבריקען און די ארגאניזירטע טעטיגקייט גייט נאך אן.

אין יוניאן העלטה צענטער

פון פאולין מ. ניומאן.

לעצטענס האב איך בייגעוואוינט איינעם פון די אינטערעסאנטסטע מיטינגען. דאס איז געווען דער מיטינג פון די דאקטוירים וואס זיינען אויף דעם סטעף פון יוניאן העלטה סענטער. דער באזוך איז געווען אויסגעצייכענט. פון די 55 דאקטוירים אויפן סטעף זיינען ארום פערציג געקומען זיך באטייליגען אין דער דיסקוסיע איבער די פראבלעמען וואס זיי, אלס דאקטוירים באגעגענען ביים באהאנדלען אונזערע מיטגלידער און זייערע פאמיליעס. די צאל פון דאקטוירים אויפן סטעף שפיגעלט אפ דעם וואוקס פון יוניאן העלטה סענטער. נאטירליך זיינען ניט אלע פון זיי באשעפטיגט זייער גאנצע צייט פארן סענטער. מאנכע זיינען פארנומען ביי אונז בלויז אויף באשטעטיגען די קלעימס פון מיטגלידער פאר קראנקען בענעפיטס. זיי ווערען אבער פאררעכענט אלס מיטגלידער פון סטעף.

דר. דזשארדזש מ. פרייס, דירעקטאר פון יוניאן העלטה סענטער האט ערעפענט די פארזאמלונג מיט אן איבערבליק אויף דער ענטוויקלונג און וואוקס פון דער אינסטיטוציע דורך די לעצטע יארען. ניט ווילענדיג איז אין זכרון דורכגעלאפען די אלע יארען זינט דער יוניאן העלטה סענטער איז געגרינדעט געווארען און די גלגולים וואס מיר האבען דורכגעמאכט. אט איז דער סענטער אין 31 יוניאן סקווער ווען דער גאנצער שטאב אונזערער איז באשטאנען פון דר. פרייס און דר. ליכטענשטיין; ווען די גאנצע אויסשטאטונג וואס מיר האבען געהאט איז געווען א פליוראסקאפ און די פאציענטען זיינען געווען באגרענעצט אויף די קאנדידאטען וואס האבען גאדארפט ווערען מיטגלידער אין דער יוניאן. אט דערמאנען מיר זיך ווען מיר האבען זיך אריבערגעצויגען אין דער פיר־שטאקיגער געביידע און דער אפיס איז אויסגעשטאטעט געווארען מיט די נויטיגע אפאראטען אונטערצוזוכען פון וואס פאר א קראנקהייט איינער ליידט. מיר האבען דעמאלט געמיינט אז מיר האבען פלאץ גענוג פאר לאנגע, לאנגע יארען. אבער אין א קורצער צייט איז דער פלאץ געווארען צו־קליין און אומבאקועם. מיר האבען אין 1935 זיך אריבערגעצויגען אויפן 25טען שטאק פון דער איצטיגער געביידע. וואס פאר א רחבות! אזוי פיל פלאץ, ליכט, לופט און זון־שיין. און איצט, בלויז מיט דריי יאר שפעטער האבען מיר שוין געמוזט אויסשטאטען נאך א פלאר. צו ענג געווען.

און דאס אלעס, האט דר. פרייס אנגעוויזען, איז דערגרייכט געווארען א דאנק דער ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל וועלכע איז געווען די ערשטע יוניאן צו זארגען וועגען דעם געזונט פון אירע מיטגלידער.

דר .לעא פרייס, אסיסטענט דירעקטאר האט געשילדערט פאר די פארזאמעלטע דאקטוירים די טעכנישע פארבעסערונגען וואס דער יוניאן העלטה סענטער האט לעצטענס איינגעפירט און דערציילט וועגען די פארזוכען פון מאנכע לאקאלס איינצופירען מעדיצינישע באהאנדלונג פאר זייערע מיטגלידער צוזאמען מיט די קראנקען בענעפיטס. ער האט אויך גערעדט וועגען די רעקארדס וואס דער סענטער האלט וועגען די קעיסעס וואס ווערען באהאנדעלט. א דיסקוסיע פון די דאקטוירים האט נאכגעפאלגט אין וועלכע זיי האבען אנגעוויזען ווייטערע פארבעסערונגען וואס קענען געמאכט ווערען. די קאנפערענץ איז געווען אינטערעסאנט, באלערנד און זייער נוצליך.

געשטארבען סאול מינקאף

זונטאג, דער 30טער אפריל, וועט פארבלייבען דער טרויעריגסטער טאג אין דעם זכרון פון די אלע וואס האבען געקענט און ליב געהאט דעם יונגען סאול מינקאף. דעם טאג זיינען זיך זיינע פריינד און די פריינד פון זיינע פון טרויער דערשלאגענע עלטערן זיך צוזאמענגעקומען צו באגלייטען אים צו זיין אייביגער רוה.

סאול איז נאך קיין פולע פיר און צוואנציג יאר ניט אלט געווען. פאר אזא יונגען מענשען איז זיין ביישטראג פאר דער באוועגונג שוין געווען גרויס און באדייטונגספול. זיין טעטיגקייט אין דער באוועגונג פון די יונגע סאציאליסטען (י. פ. ס. ל.); אין דער אמעריקען לעיבאר פארטי, זיין שארפער אינטערעס אין דער באוועגונג פאר געזונד פארזיכערונג, וועלכער ער האט געהאפט צו ווידמען זיין לעבען און טעטיגקייט, האט געבראכט דערצו אז מיר אלע, ניט בלויז זיינע עלטערן זאלען לייגען גרויסע האפענונגען אויף אים. מיר האבער ערווארטעט אז ער זאל ווערען א וויכטיגע פיגור אין דער באוועגונג אין וועלכער מיר, פון יוניאן העלטה סענטער זיינען אזוי שטארק פאראינטערעסירט.

יא! עס איז ווי איך האב זיך אויסגעדריקט ביי דער לויה: „דאס איז איינער פון די פאלן וואו ווערטער זיינען נוצלאז און איבעריג. קיין זאך וואס מיר וועלען זאגען קען ניט און וועט ניט טרייסטען ברודער מינקאף, זיין פרוי און דער יונגער פרוי פון דעם פארשטארבענעם. אלץ וואס מיר קענען זאגען איז, אז אונזערע הערצער בלוטיגען פאר זיי און מיר טיילען מיט זיי דעם טיפען צער און טרויער."

דער מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע אין אַטלאַנטיק סיטי

דער פערטער יערליכער מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנעל האָט זיך דאָס מאָל ווידער אַ „ביסעל" פאַרשפּעטיגט און ער איז אַנשטאָט אַ פערטעל־יערליכער געוואָרען אַ האַלב־יערליכער, אויב עס איז ריכטיג, וואָס דער קאַלענדאַר דערציילט אונז, אַז פון נאָוועמבער 1938, נאָך דעם לעצטען מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין וואַשינגטאָן, ביז מאַי 1939 איז אַ האַלב יאָר.

דער מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין האָטעל „אַמבאַסאַדאָר", אַטלאַנטיק סיטי. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מאָנטאַג פרי און האָט זיך פאַרענדיגט פרייטאָג מיטאָג־צייט. מען האָט אָנפאַנגס גערעדט, אַז ער וועט זיך פאַרציען ביז שבת בייטאָג. נאָר אַזוי ווי דער וועטער פון אַטלאַנטיק סיטי איז דאָס מאָל געווען ניט איבעריגס פריינדליך צו דער עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנעל און דער באָארד־וואָק האָט ממילא ניט שטאַרק געצויגען צו זיך, האָט מען דעריבער געאַרבייט אָווערטאַים און פאַרענדיגט די אַרבייט מיט אַ טאָג פריהער ווי מען האָט אָנפאַנגס גערעכענט.

די גאַנצע זיצונג פון מאָנטאַג איז פאַרנומען געוואָרען מיט אַ באַריכט פון פרעזידענט דובינסקי, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאַנעל פאַר'ן לעצטען האַלב יאָר.

וועגען אינדוסטריעלע פאַרבעסערונגען אין דעם לעצטען האַלבען יאָר האָט דער באַריכט, ליידער, ניט געקענט דערציילען. ער האָט פּראָבירט אויסגעפינען, דערציילט פרעזידענט דובינסקי, אויף וויפיל די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנעל האָבען אַרבייט. וועגען דעם האָט ער געפרעגט ביי די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד און פון די ענטפערס, וואָס ער האָט געקראָגען, ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אַלגעמיין איז קיין פאַרבעסערונג ניט פאָרגעקומען. אין מאַנכע אָרטער איז געווען אַ ביסעל מער אַרבייט, אין אַנדערע אָרטער ווידער אַביסעל ווייניגער, אין דורכשניט דאָס זעלביגע, וואָס מיט אַ האַלב יאָר פריהער. דאָך האָט דער שלעכטער אינדוסטריעלער צושטאַנד ניט בעאיינפלוסט צום שלעכטען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלען צושטאַנד פון דער אינטערנעשאַנעל. עס איז געווען נאַטירליך, אַז צוליב דער הערשענדער אַרבייטסלאָזיגקייט אין די פאַרשידענע טריידס, וואָס ווערען קאָנטראָלירט פון דער אינטערנעשאַנעל, זאָלען אָפּפאַלען מיטגלידער, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם פאַרלוסט פון אַרום 17 טויזענט מיטגלידער, איז דאָך דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון דער אינטערנעשאַנעל איצט בעסער ווי מיט אַ יאָר צוריק. דאָס איז דערפאַר, ,וואָס די מיטגלידער פילען זיך שטאַרקער צוגעבונדען צו זייער יוניאָן און צוליב די פאַרשידענע וויכטיגע בענעפיטס, וואָס זיי קריגען פון איר, היטען זיי מער אָפּ צו צאָלען זייער דיוס אין צייט און צו זיין גוטשטעהענד.

אין פאַרלויף פון די לעצטע זעקס חדשים זיינען באַנייט געוואָרען מערערע אַגרימענטס צווישען דער יוניאָן און די בעלי בתים. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען דער אַגרימענט פון דער דרעסמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק. די יוניאָן האָט דאָס מאָל ניט געשטעלט קיין נייע פאָדערונג צו די מאַנופאַקטשורערס. זי האָט גענומען אין באַטראַכט די איצטיגע געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד און איז דעריבער געווען צופרידען אויפצוהאַלטען דעם פרידען אין דער דרעס אינדוסטריע אויף די באַדינגונגען פון דעם אַלטען אַגרימענט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער נייער אַגרימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען נאָך איידער דער טערמין פון דעם אַלטען איז אויסגעגאַנגען, עטוואָס אַזוינס, וואָס טרעפט זעלטען. דאָס האָט געהאַט די מעלה, אַז די געוויינליכע רוטינע אַרבייט פון דער יוניאָן האָט געקענט אָנגעהן מיט איר נאָרמאַלען גאַנג און די אַרבייט אין די שעפער האָט ניט געדאַרפט געשטערט ווערען.

נאָכ'ן אונטערשרייבען דעם אַגרימענט מיט די דרעס־מאַנופאַקטשורערס האָט די יוניאָן געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דער אַסאָסיאיישאַן פון די טרוקמען, וואָס איז זייער גינסטיג פאַר דער יוניאָן. שפּעטער האָט אַן ענליכען אָפּמאַך מיט דער זעלבער אַסאָסיאיישאַן געשלאָסען די קלאָוקמאַכער יוניאָן.

די דרעסמאַכער יוניאָן, באַמערקט פרעזידענט דובינסקי, האָט פאַקטיש צו פאַרצייכענען אַ פאַר באַדייטענדע געווינסען פון דעם באַנייטען אַגרימענט, הגם דער אַרבייטס־לוין און די אַרבייטס־באַדינגונגען זיינען געבליבען די זעלביגע. דער געווינס פון אַ לייבאָר ביוראָ איז זעהר אַ וויכטיגער. צום באַדויערען אָבער איז די לייבאָר ביוראָ, צוליב געוויסע שוועריגקייטען, נאָך ניט איינגעפירט געוואָרען. ער פאָדערט דעריבער אויף די דרעסמאַכער יוניאָן, אַז זי זאָל מאַכען אַלע מעגליכע אָנשטרענגונגען די לייבאָר ביוראָ איינצופירען וואָס גיכער.

אויך די דרעסמאַכער יוניאָן אין שיקאַגאָ האָט באַנייט דעם אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן אין שיקאַגאָ האַלט זיך ביי איר אַלטען מנהג, אַז זי קען אויסקומען אָהן אַן אַגרימענט.

פרעזידענט דובינסקי באַמערקט, אַז ער האָט פאַר דעם איצטיגען מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע אַ שטיקעל איבערראַשונג : עס וועט, נעמליך, אויף דעם מיטינג ניט זיין קיין אַוט־אָוו־טאַון פראַגע, ווייל די שטרייטיגקייט וועגען אַוט־אָוו־טאַון, וואָס פלעגט פאַרנעמען אַ סך צייט פון די פריערדיגע מיטינגען פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע, זיינען ענדליך געשליכטעט געוואָרען. די אַוט־אָוו־טאַון דעפּאַרטמענטס, וואָס ווערען אָנגעפירט פון די וויס־פרעזידענטען וואַנדער און רייזבערג זיינען ניט מער אונטער דער דירעקטער יוריסדיקציע פון דער אינטערנעשאַנעל, נאָר אונטער דעם דרעס דזש. באָארד און קלאָוק דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין באַריכט וועגען דער דרעסמאַכער יוניאָן, דערמאָנט פרעזידענט דובינסקי די באַמיאונגען פון לאָקאַל 22 צו זאַמלען 150 טויזענד דאָלער פאַר אַן אַרבייטסלאָזען פאָנד. מער ווי העלפט פון דער סומע איז שוין געזאַמעלט געוואָרען. צוליב אָט די זאַמלונגען פאַר דעם אַרבייטסלאָזען פאָנד האָט לאָקאַל 22 געמוזט אָפּלייגען די געלד־זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע אויף דעם נעקסטען סעזאָן און ער האָפט, אַז זיי וועלען אַריינברייגען אַ באַדייטענדע סומע.

פאַרבייגייענדיג מאַכט פרעזידענט דובינסקי אַ באַמערקונג וועגען די „שאָו־ביזנעס", צו וועלכע לאָקאַל 22 און אַנדערע לאָקאַלס האָבען זיך גענומען, זעהענדיג, אַז די לעיבאָר סטיידזש פון דער אינטערנעשאַנעל האָט געמאַכט אַזאַ גרויסען ערפאָלג. עס האָבען, נעמליך, אָרגאַנזשירט אייגענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען לאָקאַל 22, לאָקאַל 62 און לאָקאַל 91. ער גלויבט, אַז פאַר ניו יאָרק איז די לייבאָר סטיידזש פון דער אינטערנעשאַנעל גאַנץ גענוג פאַר אַלע לאָקאַלס.

דער דרעס־פרעסערס לאָקאַל 60 האָט דעם יאָר אַרויסגעוויזען אַ גרויסע טעטיגקייט סיי אין דער אייגענער אָרגאַניזאַציע סיי אין דעם דרעס דזשאָינט באָארד. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך לאָקאַל 60 אויסגעצייכענט אין זיין אַרבייט צו העלפען די אַרבייטסלאָזע מיטגלידער דורך איינטיילען אַרבייטס־טעג פאַר זיי. אין דורכשניט האָט יעדער דרעס־פרעסער, וואָס האָט געהאַט אַ דזשאָב, בייגעטראָגען 55 דאָלאַר אין אַרבייט אָדער מזומן געלד פאַר די אַרבייטסלאָזע פרעסער. עס איז אויך געווען גאַנץ טעטיג דער עדיוקיישאַנעל דעפּאַרטמענט פון לאָקאַל 60. עס זיינען אַראַנזשירט געוואָרען פאַרשידענע לעקציעס, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרען פון איבער צוויי טויזענט מיטגלידער. די לייברערי פון לאָקאַל האָט אין דורכשניט אַרויסגעגעבען 5 הונדערט ביכער אַ חודש צום לייענען.

וועגען די לאָקאַלס וואָס באַלאַנגען צום דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איז ניטאָ פיל צו באַריכטען. עס זיינען אין זיי ניט פאָרגעקומען קיין וויכטיגע ענדערונגען אין די לעצטע זעקס חדשים. אַרבייט ביי קלאָוקס איז געווען ווייניג, אויסער אין חודש מאַרטש, און עס איז געווען גענוג אַרבייט כמעט פאַר אַלעמען. אָבער עס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אין די קלאָוקמאַכער שעפער זיינען דורכגעפירט געוואָרען זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע און מיט אַ גוטען ערפאָלג.

לאָקאַל 9 האָט געהאַט אַן אומאַנגענעמליכקייט מיט אַ ביזנעס אייַדזשענט מאַקס שוואַרץ, געגען וועמען עס זיינען געבראַכט געוואָרען ערנסטע קלאַגען און ער האָט רעזיגנירט. פרעזידענט דובינסקי באַמערקט דערביי, אַז אים געפעלען ניט אָט דער מין רעזיגנאַציעס, ווען ערנסטע קלאַגען ווערען געבראַכט. עס דאַרפען אָנגענומען ווערען מיטלען, אַז די רעזיגנירטע זאָלען ניט קענען אַריינקומען צוריק אין דער יוניאָן אָהן אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון דער אינטערנעשאַנעל.

לאָקאַל 10 פון די קאַטערס האָט געקראָגען אַ נייע פאַרוואַלטונג דורך די וואַלען פון איזאַדאָר נאַגלער. דער וואַל־קאַמף אין לאָקאַל 10 איז געווען זעהר אַ שטורעמדיגער און איז צו זיין גרעסטען טייל, ווי ער איז געפירט געוואָרען, ניט געווען קיין כבוד פאַר דער יוניאָן. די וואַלען גופא אָבער זיינען דורכגעפירט געוואָרען אין דער גרעסטער אָרדנונג. ער איז איינגעלאַדען געוואָרען צו נעמען די וואַלען אונטער זיין אויפזיכט.

אין לאָקאַל 117 דאַרפען פאָרקומען וואַלען אין מיטען דזשון און צוליב דעם שאַרפען וואַל־קאַמף, וואָס דאָרטען גייט פאָר, און צוליב דער שוועריגקייט צו וועהלען אַן עלעקשאַן און אַבדזשעקשאַן קאָמיטע האָבען ביידע צדדים זיך געאייניגט צו פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל נעמען די וואַלען אונטער זיין אויפזיכט און אַנשטאָט אַן עלעקשאַן קאָמיטע זאָל ער באַשטימען קלוירקס, וואָס זאָלען דורכפירען די טעכנישע אַרבייט פון די וואַלען און אַז ער זאָל באַשטימען אַן עקזאַמינעישאַן קאָמיטע פון די מיטגלידער פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד.

פרעזידענט דובינסקי געהט דאַן איבער אין זיין באַריכט צו די אַנדערע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאַנעל אין דער אָרדנונג לויט זייערע נומערען.

לאָקאַל 25, בלוזען מאַכער, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון וויס־פרעזידענט טשאַרלס קריינדלער, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט מיט די זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע. דער לאָקאַל האָט קנאַפּע דריי טויזענט מיטגלידער און ווייניגער ווי 10 פּראָצענט פון זיי זיינען אידישע, און ער האָט געזאַמעלט אַרום 10 טויזענט דאָלאַר. דער לאָקאַל איז אין אַלגעמיין אין אַ גוטען צושטאַנד.

לאָקאַל 38, קאַסטאָם טיילאָרס, פירט אַן אַן ערפאָלגרייכע אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס. דער לאָקאַל האָט אין אַלגעמיין געמאַכט פאָרטשריט זינט עס איז אָנגעשטעלט געוואָרען מיס פּ. לעווין.

לאָקאַל 66, עמבראָידערי אַרבייטער, האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. העטאַב, דער מענעדזשער פון לאָקאַל, איז געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען צוליב ערנסטע קלאַגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען אים. עס איז געווען אַ מורא, אַז די אָפּעראַציע וועט פירען צו טראָבעל אין לאָקאַל, אָבער זי איז דורכגעפירט געוואָרען אונטער פרעזידענט דובינסקי'ס אויפזיכט און מיט זיין הילף און זי איז אַראָפּ גלאַט און האָט ניט איבערגעלאָזען קיין נאָכוועהעניש אין דער יוניאָן.

לאָקאַל 91, טשילדרען דרעסמאַכער, האָט דורך אַן אַגרימענט, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט די באַלעבאַטים, געוואונען אַ באַדייטענדע העכערונג אין ווידזשעס פאַר אַ באַדייטענדען טייל פון זיינע מיטגלידער. דער לאָקאַל האָט געזאַמעלט אַן אָנגעזעענע סומע פאַר די פליכטלינגע. לאָקאַל 91 איז פאַרלויפיג דער איינציגער אין דער אינטערנעשאַנעל, וואָס האָט אויסגעקעמפט פאַר זיינע מיטגלידער אַ באַצאָלטע וואָך וואַקיישאַן. עס איז נעמליך געשאַפען געוואָרען אַ וואַקיישאַן פאָנד פון דער יוניאָן, צו וועלכען די באַלעבאַטים צאָלען דריי פּראָצענט פון זייער פּעי־ראָל. דעם 15טען יוני וועט דער לאָקאַל אויסצאָלען 125 טויזענט דאָלאַר פון אָט דעם פאָנד צו זיינע מיטגלידער.

לאָקאַל 132, באַטאָן־מאַכער און קאַסטיום־דזשועלרי אַרבייטער, האָט איבערגעלעבט אַן „אויפשטאַנד", אָדער גיכער אַ „בונט", וואָס האָט פאַר אַ קורצער צייט פאַרכאַפּט דעם אָפיס פון דער יוניאָן. דעם „אויפשטאַנד" האָבען אָרגאַניזירט די באַטאָן־מאַכער, וועלכע ליידען שטאַרק פון אַרבייטסלאָזיגקייט, צוליב די זיפּערס, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק אַריין אין דער מאָדע און וועלכע האָבען צום גרויסען טייל אָפּגעשאַפט די באַטאָנס. די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון לאָקאַל זיינען קאַסטיום דזשועלרי אַרבייטער. דער לאָקאַל איז צוליב זיי גאַנץ באַדייטענד אויסגעוואַקסען און די באַטאָן־מאַכער האָבען געגלויבט, אַז צוליב די קאַסטיום דזשועלרי אַרבייטער ווערען זיי פאַרנאַכלעסיגט און זיי האָבען געמיינט, אַז דערמיט וואָס זיי וועלען פאַרנעמען דעם אָפיס און אַראָפּזעצען פעלדמאַנען פון זיין מענעדזשער אַמט וועט זיי ווערען בעסער. דער סוף פון דעם „אויפשטאַנד" איז געווען, אַז די באַטאָן מאַכער זיינען אָפּגעטיילט געוואָרען פון די קאַסטיום דזשועלרי אַרבייטער און האָבען געקראָגען אַ לאָקאַל פאַר זיך. און אַלץ איז איצט אין בעסטער אָרדנונג. ליידער אָבער האָט עס די אַרבייטסלאָזיגקייט פון די באַטאָן־מאַכער ניט פאַרקלענערט.

לאָקאַל 155, ניט־גודס מאַכער, איז אַ דאַנק זיין מענעדזשער, ברודער נעלסאָן, אין אַ גוטען צושטאַנד,

ניט קוקענדיג וואָס אים קומט אויס שטענדיג צו פירען אַ שווערען קאַמף אויפצוהאַלטען די יוניאָן־באַדינגונגען און צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע. דער לאָקאַל האָט לעצטענס איבערגעלעבט אַ זייער ביטערען וואָל־קאַמף צוליב דער שטאַרקער געגנערשאַפט פון די קאָמוניסטען צו נעלסאָנען. די קאָמוניסטען האָבען אין דעם וואָל־קאַמף באַנוצט אַלע זייערע וואָפען, ניט אויסמיידענדיג די נידעריגסטע פאַרלוימדונגען. אָבער עס האָט זיי באַרנישט געהאָלפען. זיי האָבען אין די וואַלען געהאַט אַ גרויסע נידערלאַגע און נעלסאָן און די וואָס זיינען געשטאַנען מיט אים זיינען ערווילט געוואָרען מיט אַ גרויסער איבערוועגענדער מאַיאָריטעט.

אידער פּרעזידענט דובינסקי האָט אָנגעפאַנגען זיין באַריכט, האָט ער אין נאָמען פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע אָפּגעשיקט די פאָלגענדע באַגריסונגס־טעלעגראַמע צו דער קאָנווענשאָן פון די מילינערי און העטער קאָנווענשאָן:

„אונזער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד, עפענענדיג איר זיצונג היינט פרי, שיקט ברידערליכע גרוסען צו אייער אָרגאַניזאַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער קאָנווענשאָן, וועלכע איר האַלט איצט אָפּ.

„מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם גלאָררייכען און לאַנגען רעקאָרד פון פריינדליכע און ברידערליכע באַציאונגען, וואָס הערשט צווישען אונזערע ביידע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע וויכטיגע ארבייטער אונטערנעמונגען. מיר שאַצען זייער שטאַרק אָפּ דעם בייטראַג וואָס אייער פּרעזידענט, מאַקס זאַריצקי, און זיינע געהילפען האָבען בייגעשטייערט צו אָט דעם צושטאַנד פון געגענזייטיגער פאַרשטענדיגונג און אָרגאַניזאַציאָנעלער צוזאַמענארבייט.

„כאָטש די דריי וויכטיגסטע נאָדעל טרייד יוניאָנס זיינען אין דעם איצטיגען מאָמענט ניט פאַראייניגט, זיינען מיר אָבער זעהר גליקליך, וואָס ווייניגסטענס צווישען אונזער אָרגאַניזאַציע און אייערער זיינען די באַציאונגען העכסט האַרמאָניש און אָן אַ שפור פון רייבונגען, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז אין דער צוקונפט וועט אונזער באַציהונג פון ברודערשאַפט און פאַרשטענדיגונג פאַרגעזעצט ווערען.

„מיר זיינען פול מיט דער האָפענונג, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלען די נאָדעל־טרייד אָרגאַניזאַציעס צוריק פאַראייניגט ווערען אין דער אַלגעמיינער ארבייטער באַוועגונג און אַז מיר אַלע צוזאַמען וועלען קעמפען געמיינזאַם פאַר דעם אַלגעמיינעם ציל, פאַר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער.

„מיר ווינשען אייך אַן ערפאָלגרייכע און פרוכטבאַרע קאָנווענשאָן”.

צום שלוס פון זיין באַריכט האָט פּרעזידענט דובינסקי דערמאָנט די נעמען פון די לעצטע פאַרשטאָרבענע וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער אינטערנעשאָנאַל, ווי דעסטי, וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, דזשאָהן דייטש, אַמאָליגער גענעראַל סעקרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל און ש. יאַנאָווסקי, אַמאָליגער רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט”.

⁂

אַלס דערגאַנצונג צו פּרעזידענט דובינסקי'ס באַריכט זיינען צוגעגעבען געוואָרען די באַריכטען פון די דעפּאַרטמענט מענעדזשערס און דיסטריקט מענעדזשערס פון דער פּראָווינץ.

וויס־פּרעזידענט רובין, וואָס האָט אונטער זיין אויפזיכט די קלאָוק שעפּער פון אויט־אָוו־טאַון, באַריכטעט, אַז אין די לעצטע וואָכען קומט אים אויס צו ארבייטען אונטער דער נייער סיסטעם פון „יוניפאָרם קאָנטראָל”, אָדער „צענטראַליזאַציע”, ווי מען רופט עס אויך. ער קען פאַרלויפיג נאָך ניט אַרויסזאָגען קיין באַשטימטע מיינונג ווי אַזוי די נייע סיסטעם ארבייט, ווייל עס איז נאָך צו פריה עטוואָס צו זאָגען. עס שיינט אים אָבער, אַז מען וועט דאַרפען מער ביזנעס אייזשענטס ווי פריהער. פאַר די פליכטלינגע האָט מען אין די אויט־אָוו־טאַון שעפּער געזאַמעלט ניט קיין גרויסע סומע, אינגאַנצען אַרום צען טויזענד דאָלאַר. די אורזאַך איז, וואָס עס איז געווען זעהר ווייניג ארבייט. רובין באַריכטעט אויך וועגען די קלאָוק שעפּער אין פילאַדעלפיאַ, וואָס זיינען אונטער זיין אויפזיכט. דער סעזאָן איז דאָרטען געווען ניט קיין שלעכטער. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרען זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע.

וויס פּרעזידענט האָכדער טיילט מיט, אַז אין די דרעס שעפּער אויט־אָוו־טאַון, וואָס געפינען זיך אונטער זיין אויפזיכט, איז געווען זייער אַ שוואַכער סעזאָן. די לינזשערי און אונדערוועהר שעפּער זיינען געווען די איינ־

ציגע שעפּער אויט־אָוו טאַון„ וואו עס איז געווען ארבייט. צוליב דער ארבייטסלאָזיגקייט און צוליב דעם וואָס מערערע שעפּער זיינען צוגעמאַכט געוואָרען, איז עס פיל שווערער געוואָרען צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע. אין ניו דזשוירזי האָט מען גרויסע שוועריגקייטן אין דער אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט צוליב די אינדזשאַנקשאַנס וואָס ווערען אַזוי לייכט אַרויסגעגעבען צו די באַלעבאַטים געגען די יוניאָנס.

וויס־פּרעזידענט רייזבערג פון אויט־אָוו־טאַון קאַטען דרעס דעפּאַרטמענט באַקלאָגט זיך אויך אויף אַ שלעכטען סעזאָן. דאָך איז זיין דעפּאַרטמענט געווען גאַנץ אַקטיוו מיט אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט. מערערע סטרייקס זיינען געפירט געוואָרען מיט דער הילף פון ניו יאָרקער דרעסמאַכער דזשאָינט באָאַרד. אין מערערע ערטער האָבען די מאַנופאַקטשורער געוואָלט שניידען די פּרייזען פון ארבייט, אָבער זיי האָבען באַגעגענט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד פון דער יוניאָן. אין מערערע פאַלען איז איינגעמאָנט געוואָרען בעק־פּעי. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די לאַגע איז אַ געדריקטע, איז דאָך די באַציאונג פון די ארבייטער צו דער יוניאָן אַ גוטע. דאָס איז צו פאַרדאַנקען די ברייטע עדיוקיישאָנאַל ארבייט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער יוניאָן.

וויס־פּרעזידענט טשאַרלס קריינדלער, וואָס האָט די אויפזיכט איבער די קלאָוק און דרעס שעפּער אין באַלטימאָר, באַריכטעט, אַז דער קלאָוק טרייד איז אין באַלטימאָר פולשטענדיג אָרגאַניזירט. דאָס איז אָבער ניט אינגאַנצען דער פאַל אין דרעס טרייד. עס עקזיסטירט דאָרטען ניט קיין מאַנופאַקטשורערס אַסאָסיאיישאָן אין דרעס טרייד. די יוניאָן דאַרף מאַכען אַגרימענטס מיט יעדען מאַנופאַקטשורער באַזונדער און עס קומט אָפט אויס צו פירען אַ קאַמף מיט וועמען עס איז פון זיי.

וויס־פּרעזידענט קרעמער און וויס־פּרעזידענטין, פּעסאָטאַ, פון באָסטאָן באַריכטען, אַז אין דרעס טרייד איז געווען אַ גוטער סעזאָן. דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף וואָס די דרעס מאַנופאַקטשורערס האָבען אויפגענומען געגען דער יוניאָן איז געווען, אַז די אַסאָסיאיישאָן פון די דרעס מאַנופאַקטשורערס איז צובראָכען געוואָרען און זי איז אַזוי גוט ווי אויפגעלייזט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען נייע 16 דרעס־שעפּער, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער יוניאָן.

אין די קלאָוק שעפּער איז געווען ניט פיל ארבייט. אָבער דער סעזאָן איז דאָך ניט געווען אינגאַנצען קיין שלעכטער. די יוניאָן האָט געטאָן אַ סך עדיוקיישאָנאַל ארבייט.

פאַר די פליכטלינגע איז אָפּגעגעבען געוואָרען אַ טאָג ווייזשעס.

וויס־פּעריזעדנט קאַטאָווסקי באַריכטעט פון קליוולאַנד און אומגעגענד. אין קלאָוק טרעיד איז דער סעזאָן אין אַלגעמיין, פאַרגלייכענדיג מיט ניו יאָרק, געווען ניט קיין שלעכטער. אין מאַנכע שעפּער איז געווען מער ארבייט, אין אַנדערע ווייניגער, אָבער אין דורכשניט איז עס געווען ניט אַזוי שלעכט. די קלאָוק מאַנופאַקטשורערס האָבען פאַרלאַנגט אַן ענדערונג אין אַגרימענט. זיי האָבען געלייענט אין די צייטונגען, אַז די ניו יאָרקער מאַנופאַקטשורערס פאַרלאַנגען אַן ענדערונג האָבען זיי עס אויך געוואָלט. נאָר פונקט אַזוי ווי די ניו יאָרקער האָבען גאָרנישט געקראָגען, אַזוי האָבען אויך זיי גאָרנישט געקראָגען. אין דרעס טרעיד איז דער סעזאָן געווען אַ גוטער. נאָר די מאַנופאַקטשורערס באַהויפּטען, אַז זיי צאָלען העכערע ארבייטס־פּרייזען ווי אין ניו יאָרק און זיי פאָדערען דעריבער אַ רעדוקציע. די עמבראָידערי ארבייטער האָבען אויך געהאַט אַ גוטען סעזאָן. אין טאָלידאָ און אין סינסינעטי איז געווען גענוג ארבייט און די לאָקאַלס דאָרטען געפינען זיך אין אַ גוטען צושטאַנד. עס זיינען אין אַלע שעפּער דורכגעפירט געוואָרען זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע.

וויס־פּרעזידענט ביאַליס, פון שיקאַגאָ, באַריכטעט וועגען דעם סטרייק אין דעם קלאָוק שאַפּ פון הוירש ענד סאָן, וואָס האָט געדויערט 5 וואָכען ביז ער איז ערפאָלגרייך פאַרענדיגט געוואָרען פאַר דער יוניאָן. דער סטרייק האָט אָבער ביז אַ געוויסער מאָס צושטערט דעם סעזאָן פאַר די קלאָוקמאַכער.

די דרעסמאַכער האָבען געהאַט אַ גוטען סעזאָן.

די יוניאָן האָט אָרגאַניזירט מעדיצינישע הילף פאַר אירע מיטגלידער. עס איז געטאָן געוואָרען אַ סך עדיוקיישאָנאַל ארבייט. דעם ערשטען מאַי האָט מען ניט געאַרבייט.

א גאַנץ לאַנגער און אויספירליכער באַריכט איז צוגעשיקט געוואָרען פון ברודער פּערלשטיין, פון דעם סאַוטה־וועסט דיסטריקט. די לאָקאַלס וואָס זיינען אונטער זיין אויפזיכט, געפינען זיך אין אַלגעמיין אין אַ גוטען צושטאַנד. עס זיינען איינגעפירט געוואָרען פון דער יוניאָן פאַרשידענע בענעפיטס, לאָון פאָנדס, העלטה סענטערס א. אַז. וו. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרען אין פאַרשידענע ערטער מערערע דערפאָלגרייכע סטרייקס. אין סאַן אַנטאָניאָ זיינען פאַראַן בלויז צוויי שעפּער. וואָס זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט.

אויך פון דער סאוטה איז אָנגעקומען אַ לענגערער באַריכט. אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, איז באַנייט געוואָרען דער אגרימענט פאַר די ארבייטער פון סילק דרעסעס מיט אַ העכערונג פון ארבייטס־פּרייזען. די אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין אַ גוטען צושטאַנד און דער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט טוט אַ סך ארבייט. אין טשאַטאַנוגאַ עקזיסטירט אַ טעטיגער לאָקאַל און ער האָט אַ גוטע רעפּוטאַציע אין שטאָט.

אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט איז געטאָן געוואָרען אין טענעסי, מיסיסיפּי, אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, קאַראָליינאַ און ווירדזשיניאַ. עס זיינען דאָרטען אָרגאַניזירט געוואָרען מערערע שעפּער און עס זיינען פאַראַן גוטע אויסזיכטען צו אָרגאַניזירען מער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די געגנערשאַפט צו יוניאָנס איז נאָך אַלץ שטאַרק אין דער סאוטה און די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט באַגעגענט גרויסע שוועריגקייטען אויף איר וועג.

וויס־פּרעזידענט פיינבערג באַריכטעט פון קאַליפאָרניע. אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער קלאָוק סעזאָן געווען אַ שוואַכער. עס איז אויך ניט געווען גוט אין דרעס טרעיד. דער דרעס טרעיד געפינט זיך אין לאָס אַנדזשעלעס אין אַלגעמיין אין אַ שלעכטען צושטאַנד. די לאַגע איז פיל בעסער אין סאַן פראַנציסקאַ. ער רימט דערביי דעם כינעזישן לאָקאַל.

עס ווערען פאַרגעלייגט באַריכטען פון מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און ווינניפּעג. אין מאָנטרעאַל האָבען די קלאָוקמאַכער געהאַט אַ שלעכטען סעזאָן. די מענערקליידער שעפּער האָבען אָוועקגענומען אַ סך ארבייט פון די קלאָוקמאַכער. אין דעם דרעס טרעיד זיינען פאָרגעקומען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע שטערונגען. די קאָמוניסטען פאַר שאַפען טראָבעל. דאָך זיינען די דרעס מאַכער איבער 60 פּראָצענט אָרגאַניזירט און די יוניאָן האָט אַרום 4 טויזענד מיטגלידער.

אין טאָראָנטאָ איז דער סעזאָן אין דרעס טרעיד געווען ניט קיין שלעכטער. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך צווישען דער יוניאָן און די באַלעבאַטים. דאָס איז פאַר טאָראָנטאָ אַ נייעס, ווייל די קאָמוניסטען האָבען אַ לאַנגע צייט ניט דערלאָזט צו קיין קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דרעס טרעיד, וואו זיי האָבען געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס. אויך די קלאָוקמאַכער האָבען געהאַט ניט קיין שלעכטען סעזאָן. עס איז באַנייט געוואָרען דער קלאָוק אגרימענט מיט די באַלעבאַטים און די יוניאָן האָט געוואונען מאַנכע אויסבעסערונגען. אויך טאָראָנטאָ האָט אַ פּראָבלעם פון „אָווערלעפּינג” מיט דער אַמאָלגאַמייטעד.

אין ווינניפּעג האָט די יוניאָן פון די קלאָוקמאַכער געמאַכט ווייטערען פּראָגרעס. דער לאָקאַל געפינט זיך אין אַ גוטען צושטאַנד און גרייט זיך צו באַנייען דעם אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים. די יוניאָן אין ווינניפּעג איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיג אַ גאַנץ יונגע אָבער פאַר דער צייט, וואָס זי עקזיסטירט האָט זי פיל אויפגעטאָן. זי האָט באַדייטענד געהעכערט דעם ארבייטס־לוין און פאַרקירצט די ארבייטס־שטונדען. די קלאָוקמאַכער ליידען אָבער שטאַרק פון דער קאָנקורענץ פון די מענער־שניידער שעפּער, וועלכע זיינען ניט אָרגאַניזירט, און וואו עס ווערען געמאַכט ליידיס סוטס.

פּרעזידענט דובינסקי מאַכט אייניגע דערגאַנצונגען צו זיין באַריכט. די זאַמלונגען פאַר די פליכטלינגע האָבען ביז איצט אַריינגעבראַכט אַרום 157 טויזענד דאָלאַר. פון דעם האָט דער דזשאָינט באָאַרד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק געשאַפען איבער 100 טויזענד דאָלאַר. די ניו יאָרקער דרעסמאַכער יוניאָן האָט נאָך קיין זאַמלונגען ניט געמאַכט. עס זיינען אָפּגעלייגט די זאַמלונגען ביז צום קומענדיגען סעזאָן אויך פון פאַרשידענע אַנדערע לאָקאַלס.

די אינטערנעשאָנאַל קען נעמען פאַר זיך אַ טייל פון דעם קרעדיט וואָס די קלאָוק און דרעס מאַנופאַקטשורערס, מיט וועלכע די אינטערנעשאָנאַל האָט קאָלעקטיווע אַגרימענטס, האָבען געשאַפען אַ גאַנץ באַדייטענדע סומע פאַר די פליכטלינגע. די אינטערנעשאָנאַל האָט אין דעם מיטגעהאָלפען. די קלאָוק מאַנופאַקטשורערס האָבען געזאַמעלט אַרום 300 טויזענד דאָלאַר און די דרעס מאַנופאַקטשורערס אַרום 400 טויזענד דאָלאַר.

די יוניאָן האָט אויך געזאַמעלט אַרום 6 טויזענד

דאָלער פאַר פרעזידענט רוזוועלט'ס אינפענטאַיל פּאַראַליסיס פאָנד.

פרעזידענט דובינסקי פאָדערט אויף אַלע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנעל, וואָס האָבען געזאַמעלט געלד פאַר די פרייהייטס־קעמפער אין שפּאַניע, אַז אויב ביי זיי איז נאָך עפּעס איבערגעבליבען פון די געזאַמעלטע געלדער, זאָלען זיי עס אַריינשיקען אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנעל.

וויס־פּרעזידענט ברעסלאַו, דער טשערמאַן פון דער מענעדזשינג קאָמיטע פון ניו יאָרקער קלאָוק דזשאָינט באָארד, באַריכטעט וועגען די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער פאַרוואַלטונג פון דזשאָינט באָארד צוליב דעם וואָס איזידאָר נאַגלער איז געוועהלט געוואָרען פאַר מענעדזשער פון לאָקאַל 10. דער דזשאָינט באָארד האָט גלייך ניט געקענט געפינען די פּאַסענדע פּערזאָן וועמען אַנצושטעלען פאַר מענעדזשער אויף נאַגלער'ס פּלאַץ און עס איז דעריבער באַשלאָסען געוואָרען צו באַשטימען א פאַרוואַלטענדע קאָמיטע. עס איז אונטער דער נייער פאַרוואַלטונג איינגעפירט געוואָרען די סיסטעם פון יוניפאָרם אינדאַסטריעל קאָנטראָל און ער גלויבט, אַז עס אַרבייט גאַנץ ערפאָלגרייך. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען, אַז די צאָל ביזנעס אַגענטען וועט אונטער דער נייער סיסטעם ניט דאַרפען פאַרגרעסערט ווערען. עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א מיטינג פון אַלע ביזנעס אַגענטען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אויף וועלכען די נייע סיסטעם איז גאַנץ גרינדליך דיסקוטירט געוואָרען. עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ גרויסער שאָפּ־טשערמאַן מיטינג אויף וועלכען עס איז דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע פון לעגאַליזירען סעקשאָן אַרבייט אין דעם ביליגען סאָרט אַרבייט. דער דזשאָינט באָארד האָט פאַר דער לעצטער צייט געטאָן אַ סך אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט, וואָס האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען. דער דזשאָינט באָארד גרייט זיך אָנצופאַנגען אַן ענערגישען קאַמף צו שטעלען אַלע שעפּער, וואו עס ווערען געמאַכט די אַזוי גערופענע מעניש פעשאָן סוטס אונטער דער קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. עס ווערען באַטראַכט פּלענער צו אָרגאַניזירען א סטרייק פון די שעפּער וואָס שטייען ניט אונטער דעם קאָנטראָל פון קלאָוק דזשאָינט באָארד. עס ווערען אויך אויסגעאַרבייט פּלענער פאַר אַ קאַמף מיט די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער, וואָס ווילען ניט אונטערשרייבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן.

וויס־פּרעזידענט האָכמאַן, מענעדזשער פון דרעס דזשאָינט באָארד, האָט אָפּגעגעבען אַן אויספירליכען באַריכט וועגען דעם באַנייטען אַגרימענט מיט די דרעס מאַנופעקטשורערס און מיט דער טראָקינג אַסאָסיאַיישאָן. ער האָט אָנגעוויזען אויף די גרויסע מעלות פון דעם אַגרימענט מיט דער טראָקינג אַסאָסיאַיישאָן און די גוטע פונקטען פאַר דער יוניאָן, וואָס ער אַנטהאַלט. אָבער ער האָט דערביי אויך אָנגעוויזען אויף געוויסע שוועריגקייטען אים דורכצופירען.

וויס־פּרעזידענט העלער האָט אָפּגעגעבען אַ באַריכט וועגען דעם סנאָו סוטס דעפּאַרטמענט.

עס איז זיין מיינונג, אַז די סנאָו סוט אַרבייטער וועלען אַ סך בעסער קענען אָרגאַניזירט ווערען, ווען זיי וועלען האָבען אַן אייגענעם לאָקאַל און ער פאַרלאַנגט דעריבער, אַז די אינטערנעשאָנעל זאָל באַווילליגען פאַר זיי אַ טשאַרטער.

עס איז אויך ערשינען אַ קאָמיטע, די סנאָו סוטס אַרבייטער, וואָס האָבען פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי געבען אַן אייגענעם לאָקאַל. זיי האָבען פאַרזיכערט, אַז ווען זיי קריגען אַ טשאַרטער וועט זייער אָרגאַניזאַציע גאָר אין קורצען האָבען אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ פאָר טויזענט.

פרעדריק אמהעי, עקזעקוטיוו סעקרעטער פון דער אינטערנעשאָנעל, האָט אָפּגעגעבען אַ באַריכט פון דעם צושטאַנד און טעטיגקייט פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון דער אינטערנעשאָנעל, ווי העלטה צענטער, יוניטי הויז, עדיוקיישאָנעל דעפּאַרטמענט און לייבאָר סטיידזש.

דר. טעפּער, הויפּט פון ריסוירטש דעפּאַרטמענט, האָט אָפּגעגעבען אַ באַריכט וועגען דער סטאַטיסטישער אַרבייט, וואָס ער האָט לעצטענס דורכגעפירט וועגען דעם אַרבייטס־לוין אין דער נאָדעל אינדוסטריע אין אַלגעמיין און באַזונדערס אין דער פרויען באַקליידונגס אינדוסטריע, וואָס געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון דער אינטערנעשאָנעל. לויט זיינע ציפערען איז דער אַרבייטס־לוין אין די טריידס, וואָס ווערען קאָנטראָלירט פון דער אינטערנעשאָנעל, העכער ווי אין די אַנדערע צווייגען פון דער נאָדעל אינדוסטריע.

דער לעצטער באַריכט איז געווען וועגען דער פינאַנציעלער לאַגע פון דער יוניאָן, וואָס פּרעזידענט דובינסקי האָט אָפּגעגעבען.

דער פולער באַריכט ווערט געדרוקט אלס א ביילאַגע צו דעם נומער „גערעכטיגקייט".

פּרעזידענט דובינסקי האָט אַנאַליזירט פאַרשידענע ציפער פון פינאַנס באַריכט און האָט אָנגעוויזען אַז די איינגאַמען פון דער יוניאָן האָבען זיך באַדייטענד פאַרגרעסערט און אַז די קאַסע פון דער אינטערנעשאָנעל איז דאָס יאָר רייכער געוואָרען. אָבער ער האָט דערביי אַפּעלירט צו די לאָקאַלס, אַז זיי זאָלען זען צו זיין עקאָנאָמישער, ווייל די אינדוסטריעלע לאַגע איז אַ גאַדריקטע און קיינער קען ניט זאָגען, ווען זי וועט זיך פאַרבעסערן.

אַנטשיידונג וועגען „וואַנגאַרד" אַפּיל

עס איז אויפגענומען געוואָרען דער באַריכט פון דער ספּעציעלער קאָמיטע איבער קלאַבס און גרופּען אין דער יוניאָן און איבער דער. אַנטשיידונג וואָס די דאָזיגע קאָמיטע האָט אַרויסגעטראָגן דעם 18טען אָקטאָבער, 1938, אין באַצוג דער קלאַגע וואָס דער דזשאָינט באָארד פון די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָנס צוזאַמען מיט סעם רודין האָבען געבראַכט אַנטקעגען דזשייקאָב קאַטץ, היימאַן ליבאָוו, ה. איידענלאַנד, ס. ראָטמאַן, לואיס פאַרבער, וויליאַם ספּאָרן, א. מאַלין, ל. קלאַץ און ל. ניקעלסבערג. נעמענדיג אין אַכט די אַפּילס פון די אָנגעקלאָגטע, האָט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד אַרויסגעטראָגן פאָלגענדע אַנטשיידונג:

דער אורטייל פון דער קאָמיטע, אַז די אַרויסגעבונג, צירקולירונג און פאַרשפּרייטונג פון דעם „יוניאָן וואָנגאַרד" שטעלט מיט זיך פאָר אַ טעטיגקייט פון אַ קלאַב אָדער גרופּע וואָס איז פאַרווערט געוואָרען פון דער 1937־קאָנווענשאָן, ווערט גוטגעהייסען פון דעם גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד.

וואָס איז שייך דזשייקאָב קאַטץ, ווערט געפונען, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט אָט דער טעטיגקייט אַבזיכטליך און ביזוויליג, און דערפאַר ווערט די אַנטשיידונג פון דער קאָמיטע אין זיין פּראָצעס גוטגעהייסען אין אַלע הינזיכטען.

וואָס איז שייך די אַנדערע אָנגעקלאָגטע, פילט דער באָארד, אַז זיי פאַרדינען אַ שטרענגען פאַרוואורף דערפאַר וואָס זיי האָבען פאַרבראַכען געגען די רעזאָלוציעס פון דער קאָנווענשאָן און געגען די אַנטשיידונגען פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע. דאָך, נעמענדיג אין באַטראַכט זייערע טענות, אַז זיי האָבען ניט געוואוסט דאָס זייער באַטייליגען זיך אין דער טעטיגקייט פון דער אַרויסגאַבע פון דעם „יוניאָן וואָנגאַרד" שטעלט מיט זיך פאָר די טעטיגקייט פון אַ גרופּע, — האַלט דער באָארד, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט זיי דאַרף די אַנטשיידונג פון דער קאָמיטע מאָדיפיצירט ווערען. די קלאַגעס געגען זיי ווערען צוריקגעוויזען, אָבער מיט דער וואָרנונג, אַז אויב זיי וועלען ווייטער אַנטייל נעמען אין דער טעטיגקייט פון דער דאָזיגער גרופּע אָדער פון דער דאָזיגער אויסגאַבע, וועלען זיי אויסגעזעצט זיין צו אַ שטרענגער שטראָף.

גענעראַל עקזעקוטיווע דריקט אויס מיטגעפיל צו נ. מ. מינקאָף און זיין פרוי אויף דעם פאַרלוסט פון זייער זון.

„די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנעל, ביי איר איצטיגען מיטינג, דריקט אויס איר טיף־פילנדען טרויער איבער דעם שרעקליכען פאַרלוסט וואָס איר און מרס. מינקאָף האָבען געליטען. מיר זיינען זיכער, אַז קיין וואָרט פון טרייסט קען היילען אַזאַ טיפע וואונד ווי דער שיקזאַל האָט אייך פאַראורזאַכט. מיר קענען בלויז אויסדריקען די האָפענונג, אַז איר וועט געפינען אין דער דינסט צו דער יוניאָן און דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג, וועלכער איר האָט געווידמעט אייער גאַנצען לעבען, דעם נויטיגען מוט און אידעאַליזם, פאַרצוזעצען אייער אַרבייט, טראָץ דעם פּערזענליכען אומגליק.

(אונטערגעשריבען)

דוד דובינסקי, פּרעזידענט".

באַשלוסען פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד

פאַרלאַנג פאַר א טשאַרטער פאַר די סנאָו־סוט אַרבייטער אין ניו יאָרק.— איבערגעגעבען צו די ניו יאָרקער מיטגלידער פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע.

וואו די נעקסטע קאָנווענשאָן זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען. — פאַר אָפּהאַלטען עס אין ניו יאָרק. עס ווערט אָבער איבערגעגעבען צו פּרעזידענט דובינסקי מיט אַ קאָמיטע אָנצונעמען ענדגילטיגען באַשלוס וועגען פּלאַץ און צייט פאַר דער קאָנווענשאָן.

וועגען אַ קאַמפּיין אין דער באַטה־ראָב אינדוסטריע. — אָנפירען אַזאַ קאַמפּיין און גוטהייסען אַ סטרייק אויב אומפאַרמיידליך.

קאַטאָן גאַרמענט אינדוסטריע. — פאַרשטאַרקען דעם קאַמפּיין איבער'ן גאַנצען לאַנד.

אַמענדמענטס צום לעיבאָר רילייישאָנס עקט.—געגען ענדערען דעם געזעץ, ווייל עס קען אונטערגראָבען זיין ווירקזאַמקייט פאַר די אַרבייטער.

דער דאָנעלי אינדזשאַנקשאָן. — צו אַפּעלירען די אַנטשיידונג פון געריכט, ווייל דאָס באַרירט פונדאַמענטאַלע אישוס ניט בלויז פאַר דער אינטערנעשאָנעל, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

פאָנד פאַר נאַצי־קרבנות. — אויסדריקען אָנערקענונג צו פּרעזידענט דובינסקי פאַר זיין ענערגישער טעטיגקייט אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמפּיין צו שאַפען געלט און צו אַלע לאָקאַלס און מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל פאַר זייער ברייטהאַרציגער הילף.

אַגרימענטס מיט טשעין־סטאָרס. — געבען פולמאַכט די באָארד מיטגלידער פון ניו יאָרק צו האַנדלען איבער דער פּראָבלעמע און שטיצען דער ניו יאָרק קלאָוק דזשאָינט באָארד אין איר אַרבייט אויף דעם געביט, אפילו אויב עס זאָל מוזען פירען צו אַ סטרייק.

אָנגריף אויף אונזער יוריסדיקציע.—באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיטע צו האַנדלען איבער קלאַגען וואו אַמאַלגאַמייטעד בעאַמטע און לאָקאַלס דרינגען אַריין אין טריידס און שעפּער וואָס געהערען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אינטערנעשאָנעל.

רעזיגנירטע בעאַמטע.—באַשלאָסען אַז אויסגעשלאָסענע בעאַמטע אָדער צווייגע וועלכע האָבען רעזיגנירט אונטער קלאַגען, טאָרען ניט צוריק אַריינגענומען ווערען אין קיין לאָקאַל, סיידען די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד הייסט עס גוט.

שטיצען וואָרען פ. בילינגס.—בעטען די לאָקאַלס צו געבען פולע מאָראַלע און פינאַנציעלע שטיצע דער באַוועגונג אים צו באַפרייען. באַשטימט ערשטע ביישטייערונג פון 250 דאָלער.

געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנעל.—באַשטימט אַ קאָמיטע פון פּרעזידענט דובינסקי און די וויס־פּרעזידענטען אַנטאָניני, ברעסלאַו, זימערמאַן, גרינבערג, האָכמאַן און העלער צו באַשליסען וועגען דעם.

וואָלאָדעק מעמאָריאַל פאָנד.—צו שאַפען 25,000 דאָלאַר פאַר אַזאַ פאָנד אלס ביישטייער פון דער אינטערנעשאָנעל, דורך 25 און 50 סענטיגע טשעקס דורך דעם קומענדען סעזאָן.

נייער מיטגליד פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע.—ברודער אַנטאָני קאַפּאַני באַשטימט אויף דער באָארד אויפ'ן פּלאַץ פון פאַרשטאָרבענעם וויס־פּרעזידענט באַסיליאַ דעסטי.

עלעקשאָן קאָמיטע פאַר לאָקאַל 117.—די וויס־פּרעזידענטען קרעימער, גרינבערג, קרעינדלער, רייזבערג, נינפאָ, ביאַליס און קאַמאָווסקי זיינען באַשטימט געוואָרען אויף דער קאָמיטע.

באָסטאָן סקוירט אינדוסטריע.—באַשלאָסען צו געבען פולע שטיצע דעם קאַמפּיין צו יוניאָניזירען די סקוירט אינדוסטריע אין באָסטאָן און אָנהאַלטען וויס־פּרעזידענט ראָוז פּעסאָטאַ אויף דער אַרבייט.

לאָס אַנדזשעלעס דרעסמאַכער.—באַשלאָסען צו געבען דער לאָס אַנדזשעלעס דזשאָינט באָארד פולע הילף און שטיצע פאַר אַ דערפאָלגרייכען באַנייען דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דער דרעס אינדוסטריע קומענדען יולי.

פאַר'ן געזעץ־פּראָיעקט אַריינצולאָזען 20,000 רעפיודזשי קינדער אין די פאַראייניגטע שטאַטען.—די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט געשיקט אַ צושריפט צו סענאַטאָר וואַגנער, שטיצענדיג דעם געזעץ־פּראָיעקט וואָס ער און סענאַטאָר ראָדזשערס האָבען אַריינגעבראַכט, אַז מען זאָל אין די צוויי יאָר 1939־1940 אַריינלאָזען אין לאַנד צו צען טויזענט קינדער יעדעס יאָר אויסער דער קוואָטע, פון די וואָס מוזען אויסוואַנדערען פון נאַצי דייטשלאַנד. וועגען דעם פּראָיעקט ווערען איצט אָפּגעהאַלטען פאַרהערען אין וואַשינגטאָן. די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד דערקלערט אין איר צושריפט, אַז דער פּראָיעקט באַצוועקט „צו לייזען טיילוויז א שווערע פּראָבלעמע וואָס איז טיף נגוע די דעמאָקראַטיען פון דער גאַנצער וועלט... דורך דעם הומאַנעם געזעץ קען די פאַראייניגטע שטאַטען מאַכען אַן אמת'ען ביישטייער צו לייזען א טראַגישע מענשליכע פּראָבלעם.

וואָס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאָנאַל

די קלאָוק דזשאָינט באָארד האָט דעם מאָנאַט פאָרטגעזעצט איר קעמפּעין צו אָרגאַניזירען די ניט־יוניאָן שעפּער. לויט אַ באַריכט פון א. ס. מילער, מענעדזשער פון אָרגאַניזירשאָן דעפּאַרטמענט פון דער דזשאָינט באָארד האָט שוין די יוניאָן ביז איצט אָפּגעסיינט 14 דזשאָבערס און מאַנופעקטשורערס וועלכע באַשעפטיגען הונדערטער אַרבייטער. דער קעמפּעין איז פאָלשטענדיג געשטיצט געוואָרען פון דעם אוט־אָוו־טאַון קלאָוק דעפּאַרטמענט אונטער דער פירערשאַפט פון דזשאָרדזש רובין און פון דער טראָק דרייווערס יוניאָן, לאָקאַל 102, אונטער דער פירערשאַפט פון סאַל מעץ. מילער האָט אויך באַריכטעט אַז אַ צאָל אַנדערע פירמעס האָבען זיך געווענדעט צו דער יוניאָן פאַר אַ סעטעלמענט אָבער די יוניאָן האָט זייערע אַפּליקאַציעס צוריקגעוויזען איבער געוויסע אורזאַכען. פאַרהאַנדלונגען מיט די פירמעס גייען נאָך אָן.

דרייווז געגען טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער

ווי מיר האָבען שוין באַריכטעט אין די פריערדיגע נומערן „גערעכטיגקייט" האָט די דזשאָינט באָארד זיך אויך גענומען צו קריגען יוניאָן קאָנטראָל איבער די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער, וועלכע זיינען פאַקטיש איצט די בעלי בתים פון דער ביליגער לאָין אַרבייט אין טרייד. די יוניאָן זוכט צו קריגען פון זיי אַגרימענטס אַז זיי זאָלען קויפען בלויז קלאָוקס געמאַכט אין יוניאָן שעפּער און וועלכע האָבען דעם ריקאָווערי לעיבעל. אין פאַלען וואו די פירמעס גיבען אַליין ארויס וואָרע צו שעפּער אויפצומאַכען, פאָדערט די יוניאָן אַז זיי זאָלען זיין פאַרפליכטעט נאָכצוקומען די זעלבע באַדינגונגען ווי די געווינליכע דזשאָבערס אין טרייד.

די פירער פון דער דזשאָינט באָארד האָבען געפילט אַז אין אַ קאַמף מיט די פירמעס וואָס טוען זייערע געשעפטען איבערן גאַנצען לאַנד, איז נויטיג אַז די ניו יאָרק דזשאָינט באָארד זאָל האָבען די קאָאָפּעראַציע פון די אינטערנעשאָנאַל אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט וואו קלאָוקס ווערען געמאַכט. עס איז איבער דעם גערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון אינטערנעשאָנאַל פאָרטרעטער איבערן גאַנצען לאַנד, וואו די פראַגע איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען.

פּרעזידענט דובינסקי איז געווען דער פאָרזיצענדער ביי דער קאָנפערענץ. 47 פאָרטרעטער פון די פאַרשידענע געגענדען זיינען געווען פאָרטראָטען. י. ברעסלאָוו האָט פאָרגעלייגט פאַר זיי די פּראָבלעם און אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו קריגען אַן אַגרימענט מיט די פירמעס אום צו פאַרזיכערען אַז זייער אַרבייט זאָל געמאַכט ווערען פון יוניאָן מיטגלידער אונטער יוניאָן באַדינגונגען. ברעסלאָוו האָט אָנגעוויזען אַז די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער שטעלען איצט דעם פּרייז פאַר די ביליגערער לאָינס קלאָוקס, ווייל זיי זיינען די גרעסטע פאַרקויפער פון דער סאָרט אַרבעט. ווען זיי מאַכען זייער אַרבייט אין ניט יוניאָן שעפּער אונטער נידעריגע סטאַנדאַרדס, גראָבען זיי דערמיט אונטער די באַדינגונגען אין גאַנצען טרייד.

ברעסלאָוו האָט באַריכטעט וועגען די פאַרהאַנדלונגען וואָס די יוניאָן האָט געפירט מיט מאַנכע פון די פירמעס און האָט פאָרגעלייגט דעם אַגרימענט וואָס די יוניאָן האָט געקראָגען פון דער „לערנער סטאָרס קאָרפּאָרעישאָן". דעם זעלבען סאָרט אַגרימענט זוכט די יוניאָן אויך צו קריגען פון די אַנדערע מעיל אָרדער און טשעין סטאָרס. אונטער דעם אַגרימענט דאַרפען די פירמעס זיך פאַרפליכטען צו קויפען זייער אַרבייט בלויז אין יוניאָן שעפּער, אַז אויף יעדען גאַרמענט וואָס זיי פאַרקויפען זאָל זיין דער ריקאָווערי לעיבעל און זיי זאָלען זיך אונטערוואַרפען די ענטשיידונגען פון אימפּאַרשאַל טשערמאַן אין דער אינדוסטרי אין פאַל פון סכסוכים, פּונקט ווי די דזשאָבערס, מאַנופעקטשורערס און די אַנדערע פאַקטאָרען אין דער אינדוסטרי. די הויפּט־פירמעס וועלכע די יוניאָן זוכט איצטער צו קריגען פון זיי אַגרימענטס זיינען: „דזש. סי. פּעני", „מאָנטגאָמערי וואָרד", „הענרי ראָוז סטאָרס", „ספּיגעל מעי", „סירס רועבאַק" און די „שיקאַגאָ מעיל אָרדער האוז".

נאָך אַ גרינדליכער דיסקוסיע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַז זיי וועלען אין אַלע אינזיכטען און מיט אַלע מעגליכקייטען העלפען דער ניו יאָרק קלאָוק דזשאָינט באָארד אין איר קעמפּעין צו יוניאָניזירען די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער. די קאָנפערענץ האָט אויך ערוויילט אַ קאָמיטע פון זיבען צו קאָאָרדינירען די אַרבייט. אויף דער קאָמיטע זיינען באַשטימט געוואָרען די וויס־פּרעזידענטען טשאַרלס קרעינדלער, וועלכער האָט אויפזיכט אין באַלטימאָר; קאַטאָווסקי פון קליוולאַנד; ביאַליס פון שיקאַגאָ און מייער פּערלשטיין, דער אינטערנעשאָנאַל פאָרטרעטער אין דער סאַוט־וועסט. די רעזאָלוציע לייענט זיך ווי פאָלגט:

„אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזען געבויט אויף פאַקטען און ציפערען צייגען איבער, אַז די מעיל אָרדער הייזער און טשעין סטאָרס, וועלכע פאַרקויפען פּרייזען קאָוטס און סוטס איבען אויס אַן אומגעזונטען איינפלוס אויף דער פּראָדוקציע פון קלאָוקס, די אַרבייטס־קאָסטען און אַרבייטס־סטאַנדאַרדס אונטער וועלכע זיי ווערען געמאַכט.

„עס איז אויך באַוויזען געוואָרען אַז די פירמעס קויפען מאַסען קאָוטס און סוטס פון ניט יוניאָן שעפּער און באַנוצען זיך מיט מיטלען וועלכע רייסען אַרונטער די פאַרדינסטען און באַדינגונגען פון טויזענטער קלאָוקמאַכער אין די פאַרשידענע שטעט און הויפּטזעכליך פון די אַרבייטער אין ניו יאָרק.

„דאָס אַרונטעררייסען פון די שכירות וואָס די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער פירמעס פאַראורזאַכען באַאיינפלוסט די ביליגע לאָינס קלאָוקס און האָט אויך איר שלעכטע ווירקונג אויף די בעסערע גרעידס קאָוטס און סוטס.

„געגענצואווירקען אַט די שטענדיג וואַקסענדע טענדענץ פון די טשעין סטאָר און מעיל אָרדער פירמעס איז עס דעריבער נויטיג איינצושטעלען אַ סיסטעם פון רעגולאַציעס באַזירט אויף קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען אויף דעם זעלביגען אופן ווי די וואָס הערשען צווישען די אַרבייטער און אַרבייטסגעבער אין דער גאַנצער קלאָוק און סוט אינדוסטרי.

„די פאַרזאַמלונג פון פאָרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן פון די קאָוט און סוט מאַרקעטס פאַרשפּרעכט דעריבער די פולסטע שטיצע צו דער אָנשטרענגונג פון דער ניו יאָרק קלאָוק דזשאָינט באָארד צו קריגען אַן אַגרימענט מיט די מעיל אָרדער און טשעין סטאָר פירמעס כדי די קליידער וואָס זיי קויפען אָדער לאָזען אויפמאַכען, זאָל פּראָדוצירט ווערען אונטער די זעלביגע באַדינגונגען ווי די וואָס הערשען אין די אַנדערע אָרגאַניזירטע טיילען פון דער אינדוסטרי.

„אין נאָמען פון די יוניאָנס אין די אָרגאַניזירטע מאַרקעטס פאַרשפּרעכען דעריבער די פאָרטרעטער זייערע פולסטע שטיצע דער דזשאָינט באָארד צו דערגרייכען דעם ציל דורך פרידליכע מיטלען אויב מעגליך, און דורך אינדוסטריעלען דרוק אויב די פרידליכע מיטלען וועלען ניט ברענגען די נויטיגע רעזולטאַטען."

אינדוסטריעלע פּראָבלעמען פאַרהאַנדעלט ביי קאָנפערענץ מיט בעלי־בתים.

די קאָנפערענץ צו דיסקוטירען געוויסע אינדוסטריעלע פּראָבלעמען וואָס די אַסאָסיאיישאָנס האָבען געפאָדערט מיט עטליכע וואָכען צוריק, איז דעם מאָנאַט אָפּגעהאַלטען געוואָרען. אַ קאָמיטע פון די פירער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד און די לאָקאַלס אונטער דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט דובינסקי האָט פאָרטראָטען די יוניאָן.

ברודער דובינסקי האָט אין זיין רעדע באַטאָנט, אַז די יוניאָן איז אַלע מאָל גרייט נאָכצוקומען אירע פאַרפליכטונגען אונטערן אַגרימענט און אַנהאַלטען אירע פאַראַנטוואָרטליכקייטען צום טרייד.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם באַקלאָגען זיך פון מאַנופעקטשורערס אויף דער קאָנקורענץ פון ניט־יוניאָן פּראָדוקציע, האָט פּרעזידענט דובינסקי אָנגעוויזען אַז די ניט־יוניאָן פּראָדוקציע איז איצט די קלענסטע וואָס עס איז ווען געווען אין קלאָוק טרייד. ער האָט גלייכצייטיק אויפגעפאָדערט די אַסאָסיאיישאָנס אויפצופּאַסען אַזוי שטרענג אויף זייערע מיטגלידער אַז זיי זאָלען נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען וואָס אָנבאַלאַנגט די אַרבייטס באַדינגונגען, ווי די יוניאָן היט עס אָפּ. דובינסקי האָט געוואָרנט די מאַנופעקטשורערס ניט צו זוכען קיין ענדערונגען אין דעם אַגרימענט וועלכע זאָלען פאַר זיי מעגליך מאַכען אויסצומיידען די אַרבייטס באַדינגונגען, און האָט זיי געראָטען צו האָבען אין זינען מער די אינדוסטרי אַלס גאַנצע און ניט בלויז זייערע ענגע אינטערעסען.

י. ברעסלאָוו, טשערמאַן פון דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָארד האָט געלאָזט וויסען די פאָרטרעטער פון די אַסאָסיאיישאָנס ביים קאָנפערענץ וועגען דער שטעלונג פון דער יוניאָן אין באַצוג צו די ביליגע לאָין אַרבייט. ער האָט זיי איבערגעגעבען דעם באַשלוס פון דער יוניאָן ניט צו דערלאָזען אַרבייטען אויף די פאָל אַרבייט ביז פּרייזען וועלען געסעטעלט ווערען.

דער באַשלוס פון דער דזשאָינט באָארד אין דער פראַגע איז צו וואָרענען אַלע ביזנעס אייגענטס אַז דורך זיי די אַרבייטער אין די שעפּער אַז קיינער זאָל ניט אַרבייטען אויף פאָל־סטאַילס ביז די פּרייזען וועלען געסעטעלט ווערען און אַז אין די שעפּער וואו עס איז איינגעפירט די סעקשאָן סיסטעם זאָל די אַרבייט געסעטעלט ווערען פון שטיק פאַרן גאַנצען גאַרמענט און די געלט וועט נאָכדעם איינגעטיילט ווערען פאַר יעדען סעקשאָן באַזונדער דורך די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן.

וואַלען אין דער קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן דעם 15טען יוני

קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 117 וועט האָבען וואַלען פאַר בעאַמטע און עקזעקוטיוו באָארד מיטגלידער פאַר'ן לאָקאַל דעם 15טען יוני. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן באַשלוס פון לאָקאַל לעצטען מאַרטש אָפּצולייגען די וואַלען פאַר דריי מאָנאַטען איבער דער קראַנקהייט פון זייער מענעדזשער ברודער לואיס ליווי.

ווי גרויס עס איז דער אינטערעס פון די קלאָוק אָפּערייטאָרס אין די האַי־יאָריגע וואַלען פאַר אַן אַדמיניסטראַציע, האָט מען געקענט זען ביים ספּעציעלען מיטינג וואָס דער לאָקאַל האָט גערופען פאַר דינסטאָג, דעם 16טען מאַי, אין קופּער יוניאָן, צו נאָמינירען קאַנדידאַטען און ערוויילען אַן עלעקשאָן און אָבדזשעקשאָן קאָמיטע. איבער דריי טויזענד מיטגלידער זיינען געקומען צום מיטינג, און אַרום אַ טויזענט האָבען ניט געקענט אַריין אין זאַל. איבער דער גרויסער צאָל איז עס געווען אוממעגליך דורכצופירען די ערוויילונג פון דער עלעקשאָן קאָמיטע. ברודער צוקערמאַן, דער טשערמאַן פון מיטינג, האָט דעריבער פאָרגעלייגט אַז מען זאָל בעטען פּרעזידענט דובינסקי צו באַשטימען די עלעקשאָן און אָבדזשעקשאָן קאָמיטע און דער מיטינג האָט עס אָנגענומען.

די וואַלען וועלען דעריבער דורכגעפירט ווערען פון אַ קאָמיטע, וואָס פּרעזידענט דובינסקי האָט באַשטימט. אין דער קאָמיטע זיינען די וויס־פּרעזידענטען קרעימער, גרינבערג, רייזבערג, ביאַליס, קאַטאָווסקי און נינפאָ. טשאַרלס קרעינדלער איז טשערמאַן פון דער קאָמיטע. לויט דער היץ מיט וועלכער די צדדים גרייטען זיך צו דעם וואַל־קאַמפּיין, וועט, דוכט זיך, די אַראַנדזשמענט איינשפּאַרען אַ היבש ביסעל היים בלוט.

וויס־פּרעזידענט ליווי צוריק אין שטאָט.

וויס־פּרעזידענט לואיס ליווי, מענעדזשער פון דער קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 117, וועלכער האָט זיך ערהאָלט פון זיין קראַנקהייט דורך די לעצטע פאַר מאַ־

נאָטען זינט ער איז קראַנק געוואָרען, איז צוריקגעקומען נאָך ניו יאָרק דעם דריטען מאַי. דעם זעלבען אָוועט האָט ער בייגעוואוינט אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באָארד, וואו ער איז וואַרים אויפגענומען געוואָרען פון די בע־אַמטע, אַקטיווע מיטגלידער און פריינד וועלכע האָבען אים באַגריסט מיט זיין געזונד ווערען און צוריקקומען. ליוויי האָט באַדאַנקט אַלע פריינד פאַר דעם אינטערעס וואָס זיי האָבען גענומען אין אים און פאַר זייער פריינדשאַפט און איבערגעבענהייט.

דעם דזשאָינט באָארד האָט גע־סעטעלט מיט 118 פירמעס דורך דעם קאַמפּיין

דער קאַמפּיין וואָס די דרעס דזשאָינט באָארד האָט אונטערנומען סוף אַפּריל אַפּצורייניגען די ניט יו־ניאָן שעפּער אין טרייד ווערט שוין איצט מיט דער דערנענטערונג פון סוף סעזאָן, איינגעצויגען. איצט קען מען שוין אונטערציען אַ שטיקעל סך הכל פון דעם וואָס די יוניאָן האָט דערגרייכט ביז איצט.

ווי מאַקס בלוישטיין, מענעדזשער פון אָרגאַני־זיישאָן דעפּאַרטמענט פון דער דזשאָינט באָארד באַ־ריכטעט, האָבען דורך דעם קאָרגען מאָנאַט, פון דעם 24טען אַפּריל, ווען דער קאַמפּיין האָט זיך אָנגע־פאַנגען ביז דעם 24טען מאַי, געסעטעלט 118 פירמעס. פון זיי זיינען 47 דזשאָבערס, 21 מאַנופעקטשורערס, צוויי מאָדעל הייזער און 48 קאָנטראַקטאָרס.

118 פירמעס, אַ ריזיגע צאָל. דאָס איז מער שעפּער ווי אַנדערע יוניאָנס האָבען אין גאַנצען אונטער זייער קאָנטראָל. דערצו מוז מען געדענקען, אַז צווישען די 67 דזשאָבערס און מאַנופעקטשורערס זיינען פאַראַן גאָר גרויסע פירמעס וואָס באַשעפטיגען אַ מאַסע אַר־בייטער דורך די קאָנטראַקטינג שעפּער וואָס מאַכען זייער אַרבייט. אָבער אום צו באַגרייפען די פולע באַ־דייטונג פון דעם וואָס די יוניאָן האָט דערגרייכט מיט די סעטעלמענטס מוז מען זיין באַקאַנט מיט די אומ־שטענדען און שוועריגקייטען וואָס זיינען דאָ צו אָרגאַ־ניזירען איצט די פירמעס צו וועלכע די יוניאָן האָט זיך גענומען.

די דזשאָבערס וואָס זיינען איצט אָרגאַניזירט גע־וואָרען, זיינען נאַטירליך פון דעם סאָרט וואָס האָבען זיך ביז איצט אויסגעדרייט פון יוניאָן קאָנטראָל. דאָס אַליין זאָגט שוין אַ סך. אין אַזאַ פעסט־אָרגאַניזירטען טרייד ווי דער דרעס טרייד איז איצט, מוז עס זיין אַ באַזונדער האַרטער נוס, וואָס קען אויסהאַלטען דעם דרוק פון דער יוניאָן און איר כסדר'דיגע, ענער־גישע אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט און דאָך בלייבען אויסער דעם יוניאָן קאָנטראָל. די דזשאָבערס, זיינען מערס־טענס אַזוינע וואָס האָבען אין ניו יאָרק בלויז אַן אָפיס מיט אַ שאָו־רום. מאַנכע פון זיי האָבען אַ פּאָר סעמפּעל מאַכער. זייער מערסטע אַרבייט ווערט געמאַכט אין קאָנטראַקטינג שעפּער אויט אָוו טאָון. סטרייקען אַזאַ דזשאָבער איז אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע. אין ניו יאָרק איז נישטאָ וועמען אַרונטערצונעמען פון דער אַרבייט ביי אַזאַ דזשאָבער. עס איז מערסטענס אַן אַרבייט פון יאָ־גען זיך נאָך די באַנדלאַך, אויסגעפינען וואו זיי ווערען געמאַכט, ניט לאָזען זיי דעליווערען. מען מוז היטען די שאָו־רומס טאָג און נאַכט.

נאָך ערגער איז עס מיט די קלענערע פירמעס וואָס פאַרפּעסטען די דרעס אינדוסטרי. אַ נייער סאָרט סוועט שעפּער האָט זיך לעצטענס ענטוויקעלט אין דרעס טרייד. סוועט שעפּער 1939 מאָדעל. ווען מען גייט פאַרביי די הויכע מאָדערנע געביידעס אויף דער 35טער סטריט קען זיך איינעם אויסדוכטען אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט גרויסע מאַנופעקטשורערס. גייט איר אָבער אַריין אינעווייניג, געפינט איר אויס אַז יעדער פלאָר איז צע־טיילט אין אַ טוצען צימערלאַך און יעדער צימערעל אין אַ מין דרעס שאַפּ רחמנא לצלן. אַ שאַפּ מיט דריי, פיר, פינף מאַשינקעס. דער באָס אַליין איז דער צושניי־דער. אַמאָל זיינען עס צוויי פּאַרטנערס. אין גאַנצען שאַפּ זיינען דאָ צוויי־דריי געדונגענע בעל מלאכות. דער באָס אַליין גייט צו אָדער פאָרט צו מיט זיין מאַ־שינקע צו אַ סקעב־דזשאָבער און טראָגט אַרויס אַ באַנ־דעל מלאכה אונטערן אָרעם. ער אַליין ברענגט אויך די פאַרטיגע דרעסקעס אין אַ פּעקעל. סטרייקט איר אַזוינעם מאַכט ער צו די שאַפּ און ווערט נעלם. אין אַ וואָך אַרום וואַקסט ער אַרויס ווי אַ גיפטיגע שוואָם אויף פאַרפּעסטעטען באָדען ערגעץ אַנדערש אין זעלבען בלאָק אָדער מיט אַ בלאָק ווייטער. די יוניאָן דאַרף זיי נאָכפאָלגען. עס פאָדערט זיך אַן אמת'ע „אינטעלי־דזשענס סורוויס", אַ מין דעטעקטיוו ביוראָ פון שער־לאָק האָלמס צו קענען זיי נאָכהאַלטען.

קליין אָבער ווי די שאַפּקעס זיינען, זיינען זיי אָבער טויטליך פאַר דער אינדוסטרי און פאַר די אויסגע־קעמפּטע סטאַנדאַרדס פון די אַרבייטער. ווי די מיקראָ־בען אַטאַקירען זיי דעם גאַנצען אָרגאַניזם און אויב מען זאָל זיי צורו לאָזען פאַראורזאַכען זיי אַ חורבן.

איז אַט די פירמעס האָט עס די יוניאָן אונטער־נומען צו אָרגאַניזירען דורך דעם דרייוו. דזשאָבערס וואָס מאַכען זייער אַרבייט אין סוועט שעפּער ערגעץ אויסען שטאָט, סקעב נעסטען קליינע און ניט אַנזע־ענדיגע אין שטאָט. און פון זיי האָט די יוניאָן אָרגאַ־ניזירט גאַנצע הונדערט און אַכצען אין איין מאָנאַט. עס איז באמת אַ ריזיגע אַרבייט.

דער דזשאָב איז נאָך ניט אין גאַנצען פאַרענדיגט. עס זיינען נאָך געבליבען עטליכע וויכטיגע פירמעס אין סטרייק וועלכע וועלען פאַרגעזעצט ווערען ווי לאַנג דאָס וועט נויטיג זיין. פאַראַן אויך אַ טייל פאַרשוואונ־דענע וועלכע וועלען נאָך זיכער אויסוואַקסען ערגעץ אַנדערש. דער הויפּט דזשאָב איז אָבער דערוויילע פאַר־ענדיגט, וויניגסטענס ביז דעם נעקסטען סעזאָן מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער.

אין דעם ערפאָלג פון דעם קאַמפּיין האָט אַ באַ־דייטענדען חלק דער אויט אָוו טאָון דעפּאַרטמענט פון דער אינטערנעשאָנעל און דער קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט וועלכע האָבען געהאַט אויף זייערע הענט גאָר אַ היבש ביסעל סטרייקס אין זייערע טעריטאָריעס; די טראָק דרייווערס יוניאָן לאָקאַל 102; און הויפּטזאַכ־ליך די איבערגעגעבענע אַרבייט פון דעם גאַנצען סטאַף בעאַמטע און אַקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאָן וועלכע האָבען באַוואַכט די שעפּער טאָג און נאַכט. דער אַגרי־מענט וואָס איז אונטערגעשריבען געוואָרען מיט די טראָק בעלי בתים האָט אויך פיל געהאָלפען, כאָטש זיי האָבען געמעגט אַרויסווייזען אַ ביסעל מער קאָאָפּעראַ־ציע פאַר דעם וואָס זיי האָבען דורך דער הילף פון דער יוניאָן געוואונען...

ניט־גודס יוניאָן באַזיגט אינ־דזשאַנקשאָן און צווינגט באָס צו סעטלען

די ניט־גודס אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 155 האָט דעם מאָנאַט נאָך אַמאָל באַוויזען, אַז באָסעס קענען זיך ניט אַרויסדרייען פון איר קאָנטראָל, וואָס פאַר אַ שענד־ליכע מיטלען זיי זאָלען ניט אָנווענדען.

די פירמע, וועלכע האָט זיך דאָס מאָל פאַרמאָסטען צו באַזיגען די ניט־גודס יוניאָן, איז אַ קליינע פירמע, אין גאַנצען באַשעפטיגט זי 35 אַרבייטער. שמד שטיק אָבער פאַרמאָגט זי אַ סך. אָבער דאָס מאָל האָט איר קיין זאַך ניט געהאָלפען.

די פירמע הייסט „לאַסטאַגס קאָמפּאַני אינקאָרפּאָ־רייטעד". זי מאַכט בעידינג סוטס וועלכע, לויט דעם אָפּמאַך וואָס די אינטערנעשאָנעל האָט געשלאָסען מיט דער טעקסטיל וואָרקערס יוניאָן אין 1935, געהערען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אינטערנעשאָנעל צוזאַמען מיט די געשטריקטע פרויען קליידער און אַנ־דערע אַרטיקלען פון דעם סאָרט. די פירמע אָבער אום זיך אַרויסצודרייען פון די יוניאָן באַדינגונגען אין אַוועק און אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דעם אַמאַלגאַ־מייטעד לאָקאַל 169 אויף די באַדינגונגען וואָס הער־שען אין באָיס וואָש סוט טרייד וועלכע האָבען לענגערע אַרבייטס שטונדען און נידעריגערע שכירות ווי אין די ניט־גודס שעפּער.

לאָקאַל 155 האָט דערקלערט דעם שאַפּ אין סטרייק און 33 פון די 35 אַרבייטער וואָס האָבען געאַרבייט פאַר דער פירמע זיינען אַרונטער און געפּיקעט דעם שאַפּ. דער באָס האָט זיך געווענדט אין געריכט נאָך אַן אינ־דזשאַנקשאָן געגען לאָקאַל פון די ניט־גודס אַרבייטער אויפן גרונט אַז עס איז נישטאָ קיין אַרבייטער סכסוך ביי אים, ווייל ער האָט אַן אַגרימענט מיט אַ באָנאַפייד יוניאָן.

עלייאַס ליבערמאַן, דער לאָיער פון דער ניט־גודס יוניאָן, האָט אָבער אין געריכט באַוויזען אַז עס איז יאָ דאָ אַן אַרבייטער סכסוך. ערשטענס האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם אונטערשייד אין די שטונדען און שכירות אונטער דעם אַגרימענט פון לאָקאַל 155 און פון דעם אַמאַלגאַמייטעד לאָקאַל; צווייטענס דאָס וואָס אַלע אַר־בייטער אויסער צוויי זיינען אַרונטער אין סטרייק אויפן רוף פון לאָקאַל. און דריטענס אַז דער באָס האָט אָפּ־געגאַרט דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, ניט אויסזאָגענדיג וואָס פאַר אַ סאָרט אַרבייט ער פּראָדוצירט — אַן אַר־בייט אויף וועלכער בלויז די אינטערנעשאָנעל האָט יו־ריסדיקציע.

סופרים קאָורט דזשאַסטיס מילער האָט דעם פאַר־לאַנג פון דער פירמע פאַר אַן אינדזשאַנקשאָן צוריקגע־וויזען. דער באָס האָט זיך דעמאָלט מיישב געווען און אַרויסגעמופט דעם שאַפּ נאָך ניו דזשורזי. די יוניאָן איז אים אָבער דאָרט אויך נאָכגעגאַנגען. דערצו האָבען אינספּעקטאָרען פון סטייט לייבאָר דעפּאַרטמענט ניט געלאָזט אים אַרבייטען אין דעם נייעם שאַפּ ווייל עס איז ניט נאָכגעקומען די רעגולאַציעס פון סטעיט פאַר שעפּער. דער סוף איז געווען אַז ער האָט געמוזט סעט־לען.

דרייוו אין פינפטע עווענוו סטאָרס מאַכט פאַרשריט

דער אָרגאַניזאַציאָנס דרייוו וואָס די אינטערנעשאַ־נעל פירט אַן אין די באַגילדעטע סוועט־שעפּער אין דער רייכער פינפטער עווענוו וואו עס ווערען געמאַכט די מיליאָנערסקע קליידער מאַכט אויסערגעוויינליך גוטען פאַרשריט אונטער דער ענערגישער אַרבייט פון שוועס־טער פייגעל לעווין.

די פאַרהאַנדלונגען מיט „לאָרד און טיילאָר" גייען אויף אַ לאַד און ווי שוועסטער לעווין גיט איבער וועט דאָרט אַן אַגרימענט אין גיכען אונטערגעשריבען ווע־רען. נאָכדעם ווי די יוניאָן האָט דער פירמע איבער־צייגט, אַז אַ גרויסע מאַיאָריטעט אַרבייטער וואָס זי באַ־שעפטיגט זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל, האָט די פירמע גענומען אַ פריידליכע שטעלונג און פאַר־האַנדעלט וועגען אַן אַגרימענט. בלויז איינצעלנע פּונק־טען דאַרפען נאָך אויסגעגליכען ווערען און אַן אַגרימענט מיט דער פירמע וועט אונטערגעשריבען ווערען.

אין דעם „בערגדאָרף און גודמאַן שאַפּ" האָט די לעיבאָר באָארד באַשטעטיגט לאָקאַל 38 פון דער אינ־טערנעשאָנעל אַלס פאַרטרעטער פון די אַרבייטער פאַר קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען. די יוניאָן האָט גלייך אויפ־געפאָדערט דער פירמע צו פאַרהאַנדלען פאַר אַן אַגרי־מענט. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרהער פאַר דער באָארד וועגען דעם פאַרלאַנג פון דעם לאָקאַל פאַר אָנער־קענונג אַלס פאַרטרעטער פון די 125 אַרבייטער וואָס די פירמע באַשעפטיגט אויף די רעדי טו וועיר קליידער וואָס ווערען דאָרט געמאַכט. די יוניאָן האָט אויך אין דער אַפּטלונג אַ מאַיאָריטעט.

אויך מיט דער דריטער פירמע פון דעם סאָרט, די „סאַקס פינפטע עווענוו" גייען אַן פאַרהאַנדלונגען ווע־גען אָנערקענען לאָקאַל 38 אַלס פאַרטרעטער פון די לעי־דיס טעילאָרס וואָס ווערען דאָרט באַשעפטיגט. די יו־ניאָן ערוואַרטעט אַז דאָרט וועט אויך די סטעיט לעיבאָר באָארד אָנערקענען דעם לאָקאַל אַלס פאַרטרעטער פאַר די שניידער.

דרעסמאַכער לאָקאַל 22 גיט נאָך $500 פאַר שפּאַנישע פליכטלינגע.

די דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 22 האָט באַשטימט צו געבען פינף הונדערט דאָלאַר אין דעם נייעם דרייוו וואָס דער טרייד יוניאָן רעליף פאַר ספּעין פון וועלכען פּרעזידענט דובינסקי איז טרעזשורער האָט אונטערנומען צו העלפען די שפּאַנישע פליכטלינגע.

דער לאָקאַל האָט באַשלאָסען בייצושטייערן די סומע ווען עס איז ערהאַלטען געוואָרען דער פאָלגענ־דער אַפּיל פון דער טרייד יוניאָן רעליף קאָמיטע:

„דער טראַגישער סוף פון דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט ניט פאַרענדיגט די פליכט פון אַלע פריינט פון דעמאָקראַטיע צו קומען צוהילף די הונדערטער טויזענטער פליכטלינגע, וועלכע זיינען געצוואונגען גע־וואָרען צו פאַרלאָזען זייערע היימען און אַנטלויפען פון די געפאַרען פון פאַשיזם. די פאַרצווייפעלטע קינדער זיינען איצט צעשפּרייט אין פרעמדע לענדער, הונגע־

ריג, פול מיט לײדן, אָן אַ דאַך איבער זײערע קעפּ.

נאָר באַלדיגע הילף קען ראַטעווען די אומגליקליכע מענשן נישט צו ווערן קרבנות נישט נאָר פון פאַשיזם, נאָר אויך פון פאַרלאָזענקייט פון דעם אַרבייטער־קלאַס. דאָס טאָר ניט פּאַסירן. די באַקאַנטמאַכונג פון דער לאַגע מוז גלייך אויפוועקן די גאַנצע אַרבייטער וועלט צו קומען צו זייער הילף."

לאָק. 91 געווינט וויכטיגע ענטשיידונג דורך סטייט סופרים קאָורט

די טשילדרען דרעס, הויז דרעס און באַטהראָוב אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 91, האָט געוואונען דעם מאָנאַט אַן אויסערגעווײנליך וויכטיגע ענטשיידונג דורך דעם סופרים קאָורט וועלכע וועט זיכער גענוצט ווערן אַלס פּרעצעדענט אין ענליכע פאַלן. די ענטשיידונג לויטעט, אַז ווען אַ מאַנופעקטשורער פאַרפליכטעט זיך אין אַגרימענט צו שיקן אַרבייט בלויז אין שעפּער וועלכע האָבן אַגרימענטס מיט דער באַטרעפענדער יוניאָן טאָרען זיי ניט אַרויסשיקן קיין אַרבייט אין אַנדערע שעפּער, אַפילו ווען די שעפּער האָבן אַגרימענטס מיט אַן אַנדער יוניאָן.

די ענטשיידונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרען אויף דער קלאַגע וואָס הערי גרינבערג, מענעדזשער פון לאָקאַל 91 האָט אַרייַנגעבראַכט געגען די מאַנופעקטשורערס „פירלעס דזשעקעט קאָמפּאַני", „סאָול זענן", „יונאַיטעד ראָוב קאָמפּאַני" און „דזשיאַראַפּוטאָ בראַדערס" פאַר צוריקהאַלטען די געלט וואָס זיי דאַרפן צאָלן לויט דעם אַגרימענט צו דער יוניאָן פאַר'ן וואַקיישאָן פאָנד, פון וועלכן יעדער מיטגליד פון דער יוניאָן קריגט געצאָלט פאַר איין וואָך וואַקיישאָן אַ יאָר, און אויך פאַר אַרויסגעבן אַרבייט צו קאָנטראַקטינג שעפּער וועלכע האָבן ניט קיין אַגרימענט מיט לאָקאַל 91. די יוניאָן האָט דורך איר לאָיער עלייעס ליבערמאַן אָנגעקלאָגט די פיר פירמעס פאַר ברעכען דעם קאָנטראַקט.

דזשאַסטיס פיליפ דזש. מעק קוק האָט באַשטימט סאָול א. ראָזענבלאַט אַלס אַרביטרייטאָר אויסצוהערען די קעיס און אַרויסגעבן אַן ענטשיידונג. נאָך איינציגע פאַרהערען האָט לאָקאַל 91 געוואונען אַן ענטשיידונג אויף אַלע פונקטען פאַר דער יוניאָן.

די ענטשיידונג ערקלערט, אַז דער אַגרימענט וואָס די יוניאָן האָט אונטערגעשריבען מיט די בעלי בתים אין 1937 איז אין פולען קראַפט און די בעלי בתים מוזען אים אָפּהיטען; די פירלעס מוז באַצאָלען דעם לאָקאַל די סומע פון 532.28 דאָלאַר פאַר'ן וואַקיישאָן פאָנד וואָס זי האָט ביז איצט ניט דערצאָלט און אָנהאַלטען די ווייטערע צאָלונגען; די אַנדערע פירמעס מוזען אויך באַצאָלען בעק פּעי צום פאָנד און אָנהאַלטען זייערע צאָלונגען אויף ווייטער; אַלע פירמעס מוזען אָפּשטעלען דאָס אַרויסשיקען אַרבייט צו שעפּער וועלכע האָבן ניט קיין אַגרימענט מיט דעם לאָקאַל.

אויך אין דעם פאַל ווי אין דעם קאַמף פון די ניט גודס אַרבייטער מיט דער „לעסטאַגס קאָרפּאָריישאָן" האָט דער סכסוך אַ הינטערגרונד פון אַ יוריסדיקציע־סכסוך. די אינטערנעשאָנאַל האָט אָנגעהויבען אָרגאַניזירן די באַטהראָוב אַרבייטער אין 1913. מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין 1921, האָט די אַמאַלגאַמייטעד אָנגעהויבען מאָנען יוריסדיקציע איבער די אַרבייטער אין דעם טרייד. דער סכסוך איז געשליכטעט געוואָרען נאָך פאַרהאַנדלונגען צווישען ביידע יוניאָנס ווען די אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָאַרד האָט אָנערקענט אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט אָנגעהויבען פריהער אָרגאַניזירן די אַרבייטער און דעריבער האָט זי יוריסדיקציע אין דעם טרייד. דורך דער צייט פון דעם ברודער קריג אין די צוואַנציגער יאָרען, האָבן די באַטהראָוב אַרבייטער זיך אָנגעשלאָסען אין דער „אינדאַסטריעל" יוניאָן. אין 1935 זיינען זיי צוריק אַריין אין לאָקאַל 91 פון דער אינטערנעשאָנאַל. געוויסע קאַטערס אָבער וואָס האָבן געאַרבייט אין באַטהראָוב שעפּער זיינען געווען און פאַרבליבען מיטגלידער אין דער קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 4 פון דער אַמאַלגאַמייטעד.

לאָקאַל 91 האָט דאַן דורכגעפירט דעם גענעראַל סטרייק אין באַטהראָוב טרייד און געוואונען פאַר אַלע אַרבייטער, די קאַטערס איינגעשלאָסען, די 37½ שטונדיגע אַרבייטס וואָך, אַנשטאָט די 48 שטונדען אַ וואָך וואָס זיי האָבן פריהער געאַרבייט, אַ העכערונג אויף די שכירות און אַנדערע פאַרבעסערונגען. לעצטען ווינטער האָט די יוניאָן זיך דערוואוסט אַז געוויסע בעאַמטע פון דער אַמאַלגאַמייטעד זוכען איינצורײדען קאָנטראַקטאָרס וואָס האָבן אַגרימענטס מיט לאָקאַל 91 אונטערצושרייבען אַגרימענטס מיט דער אַמאַלגאַמייטעד און באַטען זיי אָן קאָנצעסיעס. דערפון איז עס אַרויסגעקומען דער סכסוך מיט די אויבען דערמאָנטע פירמעס. די איצטיגע ענטשיידונג פון אַרביטרייטאָר דורך דעם סטייט סופרים קאָורט וואָס פאַרבאָט זיי אַרויסגעבן אַרבייט אין אַזויגע שעפּער און צווינגט זיי צו צאָלען די פּראָצענטען פאַר'ן וואַקיישאָן פאָנד צו לאָקאַל 91 מאַכט אַ סוף פון די פּרואוכען.

שײנע ערשטע מאַי פייערונג פון פינף אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס אין ניו יאָרק.

פינף לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, האָבן צוזאַמען געפייערט דעם ערשטען מאַי מיט אַ קאָנצערט און מאַסען פאַרזאַמלונג אין היפּאָדראָם, זעקסטע עוועניו און 43טע סטריט. די לאָקאַלס זיינען „דרעסמאַכער לאָקאַל 22", „איטאַליענישער דרעסמאַכער לאָקאַל 89", „דרעס פּרעסערס לאָקאַל 60", „לינזשערי אַרבייטער לאָקאַל 62" און דער „ניט־גודס לאָקאַל 155".

הויפּט רעדנער ביי דער פייערונג איז געווען פּרעזידענט דובינסקי. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרען אַן אויסערגעוויינליכער קאָנצערט פּראָגראַם מיט באַרימטע זינגער פון דער אָפּערא און מואווי סטאַרס.

עס זיינען אויך געשפּילט געוואָרען נומערן פון „פינס ענד נידעלס" און דער אינטערנעשאָנאַל כאָר און אָרקעסטער האָט זיך באַטייליגט אין קאָנצערט.

טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען וויס־פּרעזידענט טשאַרלס זימערמאַן. אויסער פּרעזידענט דובינסקי האָבן דעם מיטינג אַדרעסירט די מענעדזשערס פון די אַנדערע לאָקאַלס, וועלכע האָבן אַראַנזשירט די פייערונג, לואידזשי אַנטאָניני פון לאָקאַל 89; מעקס קאָהען פון לאָקאַל 60; סעמיועל שאָר פון לאָקאַל 66 און לואיס נעלסאָן פון לאָקאַל 155.

די קאָרסעט און בראַזיר אַרבייטער יוניאָן שאַפט זעקס טויזענט דאָלאַר פאַר נאַצי קרבנות

אַב סנײדער, מענעדזשער פון דער קאָרסעט און בראַזיר אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 38, מעלדעט, אַז דער לאָקאַל האָט שוין ביז איצט געזאַמעלט פון די מיטגלידער איבער זעקס טויזענט דאָלאַר פאַר די קרבנות פון פאַשיזם און נאַציזם. איבער די אומשטענדען איצט אין דעם טרייד האָבן נאָך ניט אַלע אַרבייטער בייגעשטייערט צום פאָנד ווייל פילע שעפּער האָבן ניט גענוג אַרבייט. אַזוי שנעל ווי עס וועט ווערן אַרבייט אין די שעפּער וועלען די אַרבייטער זיכער בייטראָגען זייער חלק.

די קאָרסעט און בראַזיר אַרבייטער יוניאָן איז איינע פון די קלענערע לאָקאַלס אין דער אינטערנעשאָנאַל. זי האָט אין גאַנצען אַרום דריי טויזענט מיטגלידער. זי באַשטייט אויסשליסליך פון פרויען אַרבייטער. קיין מענער ווערען אין דעם טרייד ניט באַשעפטיגט אויסער די קאַטערס וועלכע באַלאַנגען צו לאָקאַל 10. די מיטגלידערשאַפט פון לאָקאַל 32 איז אין איר גרויסער מאַיאָריטעט אַ קריסטליכע. אַ גרויסער טייל פון די מיטגלידער זיינען אַמעריקאַניזירטע איטאַליענישע מיידלאַך. די ערציהונג אָבער וואָס די אַרבייטער קריגען אין זייער יוניאָן ברענגט דערצו אַז זיי זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אַמ'ער פרייהייט און מענשליכקייט. ראַסען האַס און דיקטאַטור קען צווישען זיי קיין אָנהאַלט ניט געפינען.

די באַציהונג צווישען די מיטגלידער און פון די מיטגלידער צו די פירער פון דער יוניאָן איז די איבערגעבענסטע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. די אַרבייטער שעצען אָפּ די דערגרייכונגען וואָס זיי האָבן זיך דערשלאָגען דורך די זעקס יאָר וואָס די יוניאָן עקזיסטירט סיי אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט דורך פאַרבעסערען זייערע אַרבייטס באַדינגונגען און אויך אויפן קולטורעלען געביט. דאָס איז די אורזאַכע וואָס די מיידלאַך האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופען אויפן אַפּיל פון זייערע פירער, הויפּטזאַכליך זייער מענעדזשער ברודער סנײדער, צו שטיצען די קרבנות פון די נאַצי פאַרפאָלגונגען און האָבן בייגעשטייערט די סומע טראָץ וואָס אין טרייד איז ניט ביזי.

מענעדזשער פון עמבראָידערי אַרבייטער יוניאָן רעזיגנירט

לעאָן האַטאַב, מענעדזשער פון דער עמבראָידערי אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 66 פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט רעזיגנירט פון אַמט און זיין רעזיגנאַציע איז אָנגענומען געוואָרען. ביי אַ גוט באַזוכטען מיטינג פון די מיטגלידער פון לאָקאַל, דינסטאָג, דעם 9טען מאַי, האָט פּרעזידענט דובינסקי איבערגעגעבען די אומשטענדען איבער וועלכע זייער מענעדזשער האָט רעזיגנירט. דער מיטינג האָט איינשטימיג גוט געהייסען די האַנדלונג.

ווי פּרעזידענט דובינסקי האָט ערקלערט די מיטגלידער זיינען אַרייַנגעבראַכט געוואָרען אַ צאָל קלאַגען צו דער אינטערנעשאָנאַל געגען דעם מענעדזשער און געגען די פירונגען אין דער יוניאָן. די קלאַגען זיינען געווען, אַז דער מענעדזשער פאַרנאַכלעסיגט זיינע פליכטען; אַז מאַנכע גרויסע שעפּער זיינען ניט אָרגאַניזירט געוואָרען דערפאַר וואָס די אייגענטימער זיינען פריינדליך מיט דעם מענעדזשער; אַז איבער דער זעלבער אורזאַך ווערען יוניאָן באַדינגונגען אין געוויסע שעפּער ניט ענפאָרסט; אַז געוויסע מיטגלידער פון דעם מענעדזשערס פאַמיליע זיינען פינאַנציעל פאַראינטערעסירט אין די ניט יוניאָן שעפּער און ענליכע קלאַגען. די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט באַשטימט אַ קאָמיטע אונטערצוזוכען די קלאַגען און האָט אינפאָרמירט האַטאַב'ן וועגען די קלאַגען וואָס זיינען אַרייַנגעבראַכט געוואָרען געגען אים. האַטאַב, כאָטש ער האָט די קלאַגען געלייקענט, האָט אָבער ערקלערט, אַז אונטער די אומשטענדען פילט ער, אַז ער דאַרף מער דעם אַמט ניט אָנהאַלטען פאַר דעם וואוילזיין פון דער יוניאָן און ער האָט אַרייַנגעגעבען זיין רעזיגנאַציע. די קאָמיטע פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו האָט אונטער די אומשטענדען שוין די קלאַגען ניט אונטערזוכט און האָט אָנגענומען די רעזיגנאַציע.

ריידענדיג וועגען די „שוועריגקייטען" מיט דער אינטערנעשאָנאַל וועגען וועלכע האַטאַב האָט גערעדט, האָט דובינסקי ערקלערט, אַז די „שוועריקייטען שטאַמען דערפון וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט אַן אַנדער סטאַנדאַרד פאַר די אויפפירונגען פון אַ יוניאָן בעאַמטען ווי דער וואָס אַנדערע מענשען אַפילו אין דער אַרבייטער באַוועגונג האָבן." ביי אונז אין דער אינטערנעשאָנאַל — האָט דובינסקי געזאָגט — מוז אַ בעאַמטער פון אַ יוניאָן זיך אויפפירען אַזוי, אַז עס זאָל ניט קענען פאַלען אויף אים דער מינדעסטער פאַרדאַכט אין ניט עטישער אויפפירונג. מאַנכע קענען דענקען, אַז זיין פריינדלאַך מיט אַ ניט יוניאָן אַרבייטסגעבער איז אַ קלייניגקייט; אַנדערע קענען דענקען, אַז ניט אַריינקומען אין אָפיס אַ טאָג און אָוועקפאָרען שפּילען גאָלף איז אַ קלייניגקייט. אַ סך אַזוינע קלייניגקייטען אָבער דעמאָראַליזירען די יוניאָן און רופען אַרויס חשד און אומצוטרויען צווישען די מיטגלידער."

דובינסקי האָט אויך געטאַדעלט דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל פאַר'ן לייען האַטאַב'ן צוויי טויזענד דאָלאַר פון די יוניאָן געלדער אויף אָפּצוצאָלען, וועלכע זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו טאָן. ער האָט אָבער ערקלערט, אַז די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגען, אַז געלט פון דער יוניאָן קאַסע איז מיסברויכט געוואָרען, זיינען נישט אמת. די אינטערנעשאָנאַל קאָנטראָלירט רעגעלמעסיג די ביכער אין יעדען לאָקאַל און עס איז זייער שווער אַז געלט פון דער יוניאָן זאָל קענען מיסברויכט ווערען און די אינטערנעשאָנאַל זאָל עס ניט אויסגעפינען.

איידער פּרעזידענט דובינסקי האָט גערעדט, האָט דער געוועזענער מענעדזשער לעאָן האַטאַב געקראָגען דאָס וואָרט. ער האָט אָנגעוויזען אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון לאָקאַל דורך די צען יאָר, וואָס ער איז געווען דער מענעדזשער און האָט געלייקענט די קלאַנגען וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגען אין די יוניאָן קרייזען און צווישען די מיטגלידער וועגען די אומרעגעלמעסיגקייטען. ער האָט אַפּעלירט צו די מיטגלידער אַז זיי זאָלען שטיין פעסט מיט זייער יוניאָן.

טשערמאַן פון מיטינג איז געווען זכריהו פרידמאַן, דער פּרעזידענט פון לאָקאַל. דובינסקי האָט אַנאָנסירט אַז פאַרלויפיג וועט די פאַרוואַלטונג פון לאָקאַל איבערנעמען פרידמאַן. די אינטערנעשאָנאַל אָבער האָט דאָס רעכט נאַטירליך, אונטער די אומשטענדען איבערצונעמען דעם אויפזיכט און באַשטימען אַ סופּערווייזער אויב דאָס וועט זיין נויטיג.

אין איסטערן אוט־אָוו־טאָון דעפּאַרטמענט

דער שטאַרקער אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין, וואָס די דרעס דזשאָינט באָארד פירט אָן צו אָרגאַניזירען די איבעריגע ניט־יוניאָן דזשאָבערס די לעצטע עטליכע וואָכען, און וועלכער האָט שוין ביז איצט געבראַכט אזוי־נע באַדייטענדע רעזולטאַטען, האָט נאַטירליך פאַרווי־קעלט דעם אוט־אָוו־טאָון דעפּאַרטמענט אין א גאַנצע רייע סטרייקס אין דער טעריטאָריע וועלכע געפינט זיך אונטער זיין קאָנטראָל. די מערסטע פון די דזשאָבערס, וועלכע די דזשאָינט באָארד האָט ערקלערט אין סטרייק מאַכען זייער אַרבייט אין אוט אָוו טאָון שעפּער. אין ניו יאָרק האַלטען זיי מערסטענס אָן בלויז אָפּיסעס און שאָו רומס פון וואַנען די דרעסעס ווערען אַרויסגעשיקט און די אָר־דערס קומען אַריין. אונטער די אומשטענדען, האָט די דזשאָינט באָארד אין ניו יאָרק קאָנצענטרירט איר אַר־בייט אויף ניט דערלאָזען אַרויספירען סחורה און צוריק ברענגען דרעסעס אין די שאָו רומס און די אַקטועלע סטרייק אַרבייט אין די קאָנטראַקטינג שעפּער וואו די אַר־בייט פלעגט געמאַכט ווערען איז אויסגעפאַלען אויפן גורל פון דעם אוט אָוו טאָון דעפּאַרטמענט. זאָל דאָ טאַקע גלייך געזאָגט ווערען, אַז זיי האָבען די אַרבייט דורכגעפירט מיטן גרעסטען ענטוזיאַזם און איבער־געבענהייט.

ווי וויס־פּרעזידענט הערי וואַנדער, מענעדזשער פון דעם דעפּאַרטמענט, גיט איבער, האָבען זיי איצט אויף זייערע הענט 27 סטרייקס אין די פאָלגענדע דיסט־ריקטען: 9 אין וועסטשעסטער קאָונטי; 6 אין אַפּ סטעיט ניו יאָרק; זיבען אין לאָנג איילאַנד און פינף אין ניו דזשוירזי, א חוץ די 27 סטרייקס וואָס זיינען לעצ־טענס אַרויסגערופען געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין ניו יאָרק, האָט דער דעפּאַרטמענט נאָך פינף סטרייקס אין שעפּער וואָס אַר־בייטען פאַר „קאַפּלאַן און עלייעס", „גלעידי־קאַלער" און אַנדערע סטרייק־פירמעס פון פריהער. צוזאַמען פירט דער דעפּאַרטמענט איצט אָן 32 סטרייקס.

די סטרייקס זיינען פאַקטיש פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער דער גאַנצער טעריטאָריע וואָס שטייט אונטערן קאָנטראָל פון דעם אוט אָוו טאָון דעפּאַרטמענט. די סטרייקענדע שעפּער געפינען זיך אין 19 שטעט און שטעטלאָך. די פּאָליציי, די שטאָט אַדמיניסטראַציע און די טשעמבערס אָוו קאָמערס אין די אַלע פּלעצער זיינען פיינדליך צו דער יוניאָן און צו די סטרייקער. אין פילע פּלעצער באַשיצט די פּאָליציי די סטרייק־ברעכער, פּי־רענדיג זיי צו און פון דער אַרבייט. די פּיקעטס ווע־רען באַליידיגט און אַרומגעיאָגט ניט געבענדיג זיי קיין מעגליכקייט אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם. וואָס דאָס מיינט אָנצופירען סטרייקס אונטער די באַדינגונגען, ספּעציעל מיט אַן אַרבייטער עלעמענט וועלכער איז נאָך אין פילע פּלעצער א רויער אָן ערפאַרונג אין סטרייקס און אָן יוניאָן טראַדיציעס קען מען זיך פאָרשטעלען. טראָץ דעם אַלעמען ווערען די סטרייקס אָנגעהאַלטען און די שעפּער ווערען געפּיקעט.

וועסטשעסטער פּרעסערס נעמען זיך אונטער צו פּיקעטען.

די פּרעסערס פון לאָקאַל 143 וואָס שליסט איין אַלע פּרעסערס, וועלכע אַרבייטען אין שעפּער אין וועס־טשעסטער קאָונטי, איינשליסענדיג די שטעט יאָנקערס, מאָונט ווערנאָן און וויט פּלעינס, האָבען זיך פרייוויליג אונטערגענומען צו פּיקעטען די סטרייקענדע שעפּער וואָס מיר האָבען אין יענעם געגענד.

די אַרבייט האָבען זיי אונטערנומען ביי א מיטינג פון לאָקאַל וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם פער־טען מאַי. ברודער ריעף, מענעדזשער פון לאָקאַל, האָט פאַנאַנדערגעגלידערט די לאַגע פון די סטרייקס און ברו־דער וואַנדער האָט אַפּעלירט צו די פּרעסערס צו העלפען אַז די סטרייקס געווינען. דער פּרעזידענט פון לאָקאַל, ברודער טאָני ריקאַרדי, האָט דאַן אויפגעפאָדערט די פּרעסערס צו וואָלונטירען פאַר פּיקעטען און 35 מע־נער און פרויען מיטגלידער האָבען זיך פאַרשריבען צו טאָן די אַרבייט.

אַרבייטער אין לאָנג ברענטש רופען זיך אָפּ.

די איינגעשפּאַרטע אַגיטאַציע וואָס דער אוט אָוו טאָון דעפּאַרטמענט פירט אָן שוין א לענגערע צייט צווישען די אַרבייטער פון צוויי ניט־יוניאָן שעפּער אין לאָנג ברענטש, ניו דזשוירזי, הויבט אָן צו האָבען איר ווירקונג. די אַרבייטער פון דער „דעלמאַנטע דרעס" פיר־מע וועלכע האַלט אָן א שאָפּ אין לאָנג ברענטש אונטערן נאָמען „לאָנג ברענטש דרעס קאַמפּאַני" און האָט לעצ־טענס אָנגעהויבען שניידען די אַרבייט דאָרט אויפן פּלאַץ און אַרויסשיקען די דרעסעס דירעקט פון יענעם שאָפּ, האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּרופען אויף דער יוניאָנס רוף. די פאַרזוכען פון דער קאַמפּאַני אָוועקצורייסען די אַרבייטער פון דער יוניאָן דורך פאַרשפּרעכענס צו העכערען די שכירות און איר פאַרזוך צו אָרגאַניזירען א קאַמפּאַני יוניאָן זיינען ניט געלונגען.

דעם זעלביגען ערפאָלג האָט די יוניאָן געהאַט מיט די אַרבייטער פון „קעי־דאַנהיל שאָפּ". די 350 אַרביי־טער, וואָס ווערען דאָרט באַשעפטיגט, דערנענטערען זיך אַלץ מער צו דער יוניאָן און עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען ביז די פירמע וועט מוזען איינזען, אַז זי קען מער קיין אָפּען שאָפּ ניט אָנהאַלטען.

יוניאָן אַפּעלירט געגען אַן אַלטען אינ־דזשאַנקשאָן.

דער אוט אָוו טאָון דעפּאַרטמענט האָט דעם מאָ־נאַט אַפּעלירט געגען אַן אַלטען אינדזשאַנקשאָן וואָס די ניו דזשוירזי קאָורט אָוו עראָרס האָט אַרויסגעגעבען געגען דער יוניאָן מיט פיר יאָר צוריק. דער ציטווייליגער אינדזשאַנקשאָן איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו איינציגע טשילדרען דרעס פירמעס אין נוואַרק געגען וועמען די יוניאָן האָט געפירט א סטרייק. כאָטש דער סכסוך מיט מאַנכע פירמעס איז שפּעטער געסעטעלט געוואָרען דורך פאַרהאַנדלונגען איז דער אינדזשאַנקשאָן פאַרבליבען אין קראַפט. לעצטען מאָנאַט האָבען די בעלי בתים זיך געווענדעט אין געריכט מיטן פאַרלאַנג אַז דער אינדזשאַנקשאָן זאָל געמאַכט ווערען פערמאַ־נענט אום ניט צו דערלאָזען דער יוניאָן אָרגאַניזירען זייערע שעפּער.

די יוניאָן איז אַנטשלאָסען צו באַקעמפען דעם אינ־דזשאַנקשאָן מיט אַלע מעגליכקייטען ווייל עס פאַרבאָט דער יוניאָן צו פּיקעטען. ווען דאָס זאָל דערלאָזען ווע־רען צו פאַרבלייבען וועט עס שאַפען א זייער שעדלי־כען פּרעצעדענט פאַר דער יוניאָן.

אין קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט

די וויכטיגסטע געשעהעניש אין קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט דורך דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט איז דער סעטעלמענט מיט דער „ראַיאַל מיס דרעס קאָמ־פּאַני" פון סקרענטאָן פּענסילווייניע, נאָך א סטרייק פון דריי וואָכען.

די ראַיאַל מיס איז איינע פון די גרעסטע דרעס פירמעס וואָס דער דעפּאַרטמענט קאָנטראָלירט. די פירמע באַשעפטיגט 500 אַרבייטער אין אירע צוויי אינסייד שעפּער, איינער אין סקרענטאָן און דער צוויי־טער אין ראָזעל ניו דזשוירזי, און אַרום דריי הונדערט אַרבייטער אין קאָנטראַקטינג שעפּער וואו איר אַרבייט ווערט געמאַכט. ווען עס איז געקומען צו באַנייען דעם אַגרימענט און די יוניאָן האָט אַרויסגעשטעלט אירע פאָדערונגען האָט די פירמע זיך ניט געאיילט אונטערצו־שרייבען. די פאַרהאַנדלונגען האָבען זיך געצויגען א גאַנץ לאַנגע צייט. ענדליך זיינען די אַרבייטער פון אַלע שעפּער אַרונטער אין סטרייק ביז די פירמע האָט אונטער־געשריבען דעם נייעם אַגרימענט.

דורך דעם נייעם אַגרימענט איז די אַרבייטס צייט פאַרקירצט געוואָרען פון פערציג צו 35 שטונדען א וואָך; א העכערונג אויף די שכירות און די באַגרע־נעצונג און רעגיסטראַציע פון קאָנטראַקטאָרס. דער אַג־רימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען אין פּרעזידענט דובינסקי'ס אָפּיס נאָך א קאָנפערענץ וואָס פּרע־זידענט דובינסקי, וויס פּרעזידענט האָכמאַן פון דער דרעס דזשאָינט באָארד, און וויס פּרעזידענט רייזבערג מענעדזשער פון קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט האָבען געהאַט מיט פאָרטרעטער פון דער פירמע.

אַנטלאָפענער באָס מוז צאָלען בעק־פּעי צו אַנטזאָגטע אַרבייטער.

אַן ענטשיידונג פון דעם טרייעל עקזאַמינער פון דער נעשאָנעל לעיבאָר רילעישאָנס באָארד האָט באַפוילען אַן אַנטלאָפענעם באָס וועלכער האָט באַקעמפט די יוניאָן מיט אַלע מיטלען פאַר די לעצטע דריי יאָר אויפצולעזען די קאָמפּאַני יוניאָן, צוריקנעמען צוויי אַנטזאָגטע אַר־בייטער און זיי צאָלען א יאָר שכירות פאַר דער צייט וואָס זיי האָבען פאַרלאָרען.

די פירמע איז די „באָסטאָן מעיד דרעס קאָמפּאַ־ני" פון וואָלטהאַם מאַסאַטשוזעטס. די פירמע איז אַנט־לאָפען פון באָסטאָן אום זיך אויסצודרייען פון דער יוניאָן מיט וועלכער זי האָט געהאַט אַן אַגרימענט. אום אַרום צוגיין דעם געזעץ האָט זי אָרגאַניזירט א קאָמפּאַני יוניאָן און האָט מיט איר געסיינט אַן אַגרימענט. די ענטשיידונג פון טרייעל עקזאַמינער אָרדערט איר אויפצו־לעזען די קאָמפּאַני יוניאָן; צוריקנעמען די צוויי פּרע־סערס, ערנסט לאַנדאָרף און טהאָמאַס מאַרטשיטעלי וועלכע זי האָט אַנטזאָגט פאַר יוניאָן טעטיגקייט און זיי צאָלען 1,250 דאָלאַר יעדען פאַר צייט פאַרלוסט, און חוץ דעם מוז זי אויסהענגען מעלדונגען אין שאָפּ, אַז זי וועט ניט שטערען די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט פון דער אינטערנעשאָנעל צווישען אירע אַרבייטער.

פיליפּ קרעימער, מענעדזשער פון דער באָסטאָן דזשאָינט באָארד האָט אָנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פון דער ענטשיידונג. די פירמע, האָט ער געזאָגט, באַ־שעפטיגט אַרום 250 אַרבייטער און די יוניאָן וועט זיך איצט נעמען פעסט זיי אָרגאַניזירען.

נאָך א דרעס פירמע סעטעלט.

נאָך א וויכטיגע דרעס פירמע פון באָסטאָן האָט אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן. דאָס איז די „סוטמאַן און ראָזען" פירמע וועלכע באַשעפטיגט 125 אַרבייטער. די אַרבייטער האָבען געוואונען די 35 שטונדען וואָך און די אַנדערע יוניאָן באַדינגונגען אין דעם טרייד. איצט איז אין גאַנצען באָסטאָן מאַרקעט גע־בליבען בלויז נאָך איין פירמע אויסערן יוניאָן קאָנטראָל.

250 סטרייקערס אין בעטלעהעם אין 4 שעפּער.

פיר באָסעס אין בעטהלעהעם פּענסילווייניע האָבען זיך אָפּנים צוזאַמענגערעדט צו פּרובירען פּטור ווערען פון יוניאָן קאָנטראָל דורך געמיינשאַפטליכער האַנדלונג. ווען די אָרגאַנייזערין גרעיס סאַרדענגא איז געגאַנגען אַהין סעטלען פּרייזען האָבען זיי זיך אַנטזאָגט מיט איר צו פאַרהאַנדלען.

די יוניאָן האָט גלייך באַפוילען די אַרבייטער צו וואַרפען די אַרבייט און די 250 אַרבייטער זיינען אַלע ווי איינער אַרונטער אין סטרייק. די שעפּער ווערען געפּיקעט. פאַרהאַנדלונגען גייען אָן פאַר א סעטעל־מענט.

די יוניאָן גיט זיך אַן עצה.

אין פאַל ריווער מאַסאַטשוזעטס, ווי אין פילע אַנ־דערע שטעט וואו באָסעס ווילען זיך אויסהיטען פון יוניאָנס, איז דאָ א געזעץ וואָס פאָדערט א פּערמיט צו פאַרטיילען ליפלעטס אין די גאַסען. ווען די אינ־טערנעשאָנאַל פאָרטרעטער האָבען זיך געווענדט נאָך אַזאַ פּערמיט האָט דער מעיאָר זיי אַנטזאָגט, און די „האַר־ליע מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני" א גרויסע קאָטאָן דרעס פירמע וואָס באַשעפטיגט זיבעצען הונדערט אַרבייטער איז געווען זיכער אַז זי האָט שוין אירע אַרבייטער אויסגעהיט פון די יוניאָן אָרגאַנייזערס.

לאָקאַל 178 אָבער האָט זיך געגעבען אַן עצה. אַנ־שטאָט די ליפלעטס האָט זי אַרויסגעשיקט אין די גאַסען א שיין באַפּוצטען טראָק מיט פּאָסטערס וועלכע האָבען דעם עולם דערציילט אַז די פירמע צאָלט אירע אַר־בייטער ניט אפילו דעם סטעיט מינימום וועידזש פון 14 דאָלאַר א וואָך. דער טראָק איז אַרומגעפאָרען לאַנגזאַם אַרום דער פעקטאָרי, מיטאָג צייט און פאַרנאַכט, ווען די אַרבייטער גייען פון שאָפּ. אינעווייניג איז געזעסען דער יוניאָן אָרגאַנייזער פרעד סיעמס און דורך א לאָוד ספּי־קער האָט ער דערציילט דעם עולם, אַז די פירמע וועלכע צאָלט הונגער שכירות אירע אַרבייטער האָט אין די לעצטע פיר יאָר וואָס זי איז אין שטאָט געמאַכט פּראָ־פיטען דורכשניטליך אַרום 200,000 דאָלאַר א יאָר און אויסגעצאָלט נאָך צוויי הונדערט טויזענד דאָלאַר א יאָר אין שכירות צו די אָנפירער פון דער קאָמפּאַני. דער איינדרוק וואָס דער טראָק האָט געמאַכט אויף די אַר־

בייטער און אויף דער באַפעלקערונג איז געווען פיל שטאַרקער ווי די בעסטע ליפלעטס וואָלטען געקענט מאַכען.

מאַסאַטשוזעטס אָרגאַניזירט א דיסטריקט קאָונסיל.

אַכט לאָקאַלס אין מאַסאַטשוזעטס האָבען אָרגאַניזירט אַ דיסטריקט קאָונסיל אויף די זעלבע ליניעס ווי דאָס פונקציאָנירען אין אַנדערע געגענדען אונטערן קאָנטראָל פון קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט. דער דיסטריקט קאָונסיל איז אָרגאַניזירט געוואָרען ביי אַ צוזאַמענקונפט אין באָסטאָן דעם זעקסטען מאַי. אין קאָונסיל זיינען אַנגעשלאָסען די פאָלגענדע לאָקאַלס: דער רעיג־וועיר אַרבייטער לאָקאַל 24 פון באָסטאָן; קאָטאָן דרעס און עמבראָידערי אַרבייטער לאָקאַל 229 באָסטאָן; ניט־גודס אַרבייטער לאָקאַל 281 לאָועל; לאָקאַל 226 ספּרינגפילד פון פאַרשידענע טריידס; לאָקאַל 75 וואוסטער; שניידער אַרבייטער לאָקאַל 269 באָסטאָן; לאָקאַל 242, געמישטע טריידס אין בראָקטאָן און ניטגודס אַרבייטער לאָקאַל 291 פון לאָועל.

עס איז דיסקוטירט געוואָרען ביים צוזאַמענפאַר ווי אַזוי צוזאַמענצואווירקען אין אינדוסטריעלע און קולטורעלע אונטערנעמונגען. די לאָקאַלס וועלען איצט שטיין כסדר אין נאָענטער באַרירונג. ענדגילטיגע פּלענער און וואָלען פאַר בעאַמטע וועלען געמאַכט ווערען ביי אַ צווייטען צוזאַמענקונפט.

אַנדערע נייעס פון דעם דעפּאַרטמענט

אַ נייער לאָקאַל איז צוגעקומען אין דער טעריטאָריע פון קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט און נאָך אַ לאָקאַל האַלט ביים צוקומען. די אַרבייטער פון דער „דאַטשעס אַנדערוועאַר קאָמפּאַני" פון אָלד פאָרדזש, פּענסילווייניע, האָבען געקראָגען אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָנאַל אַלס לאָקאַל 356. די עמבראָידערי אַרבייטער פון באָסטאָן, וועלכע האָבען ביז איצט באַלאַנגט אין איין לאָקאַל מיט די קאָטאָן דרעס מאַכער, פאַרלאַנגען איצט אַ טשאַרטער אַלס באַזונדער לאָקאַל, נאָכדעם ווי זיי האָבען דעם גאַנצען טרייד זייערען פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט און אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט אַלע 13 בעלי בתים וואָס געפינען זיך אין טרייד אין שטאָט. וויס פּרעזידענט רייזבערג האָט וועגן דעם געהאַט אַ מיטינג מיט זייער עקזעקוטיוו באָארד.

די אַרבייטער פון דער „טאָונטאָן דרעס", טאָונטאָן, מאַסאַטשוזעטס, האָבען געאַרבייט אַ שבת און בייגעשטייערט דעם האַלבען טאָג שכירות פאַר די נאַצי־קרבנות. עס האָט אַריינגעבראַכט אַ סומע פון 282 דאָלאַר.

די אַרבייטער פון דער „פּעננאַ דרעס" אין נאָרטהעמפּטאָן און „באַרעהער בראָדערס" פון ווילקעסבאַר, פּענסילווייניע, זיינען אַרויס אין סטרייק, ווייל די בעלי בתים האָבען זיך אַנטזאָגט צו סעטלען פּרייזען מיט דער פאַרשטייערין פון דער יוניאָן. איבער דער זעלבער אורזאַך האָט די „טשיקאַדי דרעס" און די „עס אייטש" פון בעטלעהעם אויסגעשלאָסען זייערע אַרבייטער.

די „באַמאַדערס", אַ קאָטאָן דרעס פירמע פון לאָרעל, דעלאַווער, האָט ערשט מיט 4 מאָנאַטען צוריק אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט אונזער יוניאָן נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען. איצט האָבען זיי אויסגעפונען אַ שפּאָגעל נייעם מיטעל ווי אַזוי צו־נישט מאַכען דעם אַגרימענט. זיי האָבען נעמליך אַנגעשטעלט די פּאָליציי ניט אַריינצולאָזען די פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל אין שטאָט. ווען ברודער זימערמאַן, דער אָרגאַנייזער, איז געקומען אַדרעסירען דאָרט די אַרבייטער, האָט די פּאָליציי אים פאַרהאַלטען און געגעבען פינף מינוטען צייט צו פאַרלאָזען די שטאָדט. די יוניאָן וועט נאַטירליך דעם פאַל ניט פאַרשווייגען.

לאָקאַל 25 האָט שוין געשאַפען $10,000 פאַר נאַצי קרבנות.

וויס־פּרעזידענט טשאַרלס קריינדלער, מענעדזשער פון דער בלאַוז און ווייסטמאַכער לאָקאַל 25, באַריכטעט, אַז דער לאָקאַל האָט שוין ביז איצט געשאַפען און בייגעשטייערט נאָענט פון צען טויזענט דאָלאַר פאַר'ן רעפיודזשי פאָנד וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט אונטערגענומען. אין אַ סטייטמענט האָט קריינדלער ערקלערט אַז לויט דעם ענטהוזיאַסטישען אָפּרוף פון די מיטגלידער, איז עס זיכער אַז דער לאָקאַל וועט שאַפען ווייט איבער דער סומע.

אין דער סאַוט־וועסט

דער טרייעל פון דער דאַנעלי גאַרמענט קאָמפּאַני געגען דער אינטערנעשאָנאַל, וועגען וועלכען מיר האָבען געשריבען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז שוין פאַרענדיגט. דזשאָדזש ענדריו מילער פון פעדעראַלען געריכט האָט דער קאָמפּאַני אַרויסגעגעבען אַן אינדזשאַנקשאַן געגען דער אינטערנעשאָנאַל פאַרבאָטענדיג איר „צו באַנוצען זיך מיט געוואַלט־מיטלען אָדער פאַלשקייטען אין איר קאַמף געגען דער דאַנעלי גאַרמענט קאָמפּאַני אָדער דער דאַנעלי גאַרמענט אַרבייטער יוניאָן אָדער באַנוצען זיך מיט אַ סעקאָנדערי באָיקאָט" (באָיקאָטירען די סטאָרס וואָס פאַרקויפען דרעסעס געמאַכט פון דער קאָמפּאַני.)

די פאַרהערען פון דער נעשאָנעל לעיבאָר רילייישאָנס באָארד איבער די קלאָגען וואָס די יוניאָן האָט אַריינגעבראַכט געגען דער דאַנעלי קאָמפּאַני, וועלכע זיינען לעצטען מאָנאַט אָפּגעלייגט געוואָרען, האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען.

דזשאָדזש מילער האָט ערקלערט אַז ער האָט ניט קיין יוריסדיקציע צו באַשליסען אויב די „דאַנעלי קליידער אַרבייטער יוניאָן" וועלכע די אינטערנעשאָנאַל באַהויפּטעט איז אַ קאָמפּאַני יוניאָן, איז באַרעכטיגט צו פאַרטרעטען די אַרבייטער אין פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע און אויב זיי האָבען אַ רעכט צו אונטערשרייבען אַן אַגרימענט. דאָס רעכט געהערט אויסשליסליך דער לעיבאָר באָארד.

דער טרייעל האָט זיך געצויגען באַלד זעקס וואָכען. אַלס עדות ביים פּראָצעס זיינען אויפגעטראָטען פּרעזידענט דובינסקי, מייער פּערלשטיין און צענדליגע מיטגלידער פון דער יוניאָן און געוועזענע אַרבייטער פון דער דאַנעלי פירמע. די גענעראַל עקזעקוטיוו פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט באַשלאָסען צו אַפּעלירען געגען דער אַנטשיידונג.

אַרבייטער פון פאָרעסט סיטי שאָפּ אין קאַלינסוויל קריגען לאָקאַל טשאַרטער.

נאָכדעם ווי דער אַגרימענט מיט דער „פאָרעסט סיטי דרעס שאָפּ" איז אונטערגעשריבען געוואָרען, זיינען די 350 אַרבייטער פון דעם שאָפּ אין קאַלינסוויל, אילינאָי, געווען די ערשטע אַנצושליסען זיך אַן דער אינטערנעשאָנאַל און זיך ווענדען נאָך אַ טשאַרטער אַלס לאָקאַל יוניאָן.

דער טשאַרטער איז זיי אַרויסגעגעבען געוואָרען ביי אַ מאַסען פאַרזאַמלונג וואו עס האָבען גערעדט פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דער מיינערס יוניאָן. דער סיינט לואיס כאָר, אונטער דער דירעקציע פון מיר פרייזלער און ריטאַ אַבערבעק האָט געזונגען אַרבייטער לידער. אַן אָפּיס פאַרן לאָקאַל איז איינגעשטעלט געוואָרען. דער לאָקאַל רופט זיך „קאַלינסוויל דרעסמאַכער לאָקאַל 186". וואָלען פאַר לאָקאַל באַאַמטע זיינען דורכגעפירט געוואָרען.

אַגרימענט מיט „ליבערטי פראָקס" באַנייט.

מייער פּערלשטיין, אינטערנעשאָנאַל פאַרטרעטער אין דער סאַוטה־וועסט מעלדעט אין אַ טעלעגראַמע צו פּרעזידענט דובינסקי אַז די יוניאָן האָט באַנייט דעם אַגרימענט מיט דער ליבערטי פראָקס, פון קענזעס סיטי, פאַר צוויי יאָר און געקראָגען פאַר די אַרבייטער די פאָלגענדע פאַרבעסערונגען: דער גאַראַנטירטער מינימום ווידזש פאַר פרויען אַרבייטער איז געהעכערט געוואָרען פון 13 אויף 14 דאָלאַר אַ וואָך; אַלע פרויען וואָך אַרבייטער קריגען אַ העכערונג אויף די שכירות פון צען פּראָצענט גלייך און צען פּראָצענט אין זעקס מאָנאַטען אַרום; שטיק אַרבייטער קריגען צען פּראָצענט עקסטראַ ביים טעסטען נייע סטיילס; דער מינימום ווידזש פאַר קאַטערס געהעכערט פון 30 דאָלאַר אַ וואָך צו 37.50 דאָלאַר. אַלע קאַטערס קריגען איצט אַ העכערונג פון צען פּראָצענט און נאָך צען פּראָצענט אין זעקס מאָנאַטען אַרום.

געזעצליכע שריט געגען דער „האַלף מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני" אין סאַן אַנטאָניאָ.

דער קאַמף וואָס די יוניאָן פירט אַן געגען דער „האַלף מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני" פון סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס, איז איבערגעגאַנגען אויף דעם געזעצליכען געביט. די רידזשאָנעל לעיבאָר רילעישאָנס באָארד האָט דורכגעפירט אַ פאַרהער וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך איבער די קלאַגעס וואָס די יוניאָן האָט אַריינגעבראַכט געגען דער פירמע אונטער דעם וואַגנער לעיבאָר עקט, באַוויזענדיג אַז די פירמע פירט אַן אַ יוניאָן ברעכערישע טעטיגקייט; דיסקרימינירט געגען יוניאָן מיטגלידער און ענליכע פאַרברעכענס.

די יוניאָן האָט אויך דער פירמע באַוויזען, אַז דער אינדזשאַנקשאַן וואָס דער געריכט האָט אַרויסגעגעבען געגען ביידע צדדים וועט ניט געריכטעט זיין בלויז געגען די אַרבייטער, נאָר אויך די סטרייק־ברעכער וועלען מוזען אָפּהיטען דעם געריכטס־באַפעל. דער שעריף האָט זיך אַנטזאָגט אין אָנהויב איבערצוגעבען קאָפּיעס פון דעם אינדזשאַנקשאַן צו די סטרייק־ברעכער. די יוניאָן האָט זיך דאַן געווענדעט צום דזשאָדזש און דער שעריף איז געצוואונגען געוואָרען צו טאָן זיין פליכט.

סאַן אַנטאָניאָ אָרגאַניזירט אַ דזשאָינט באָארד.

די אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס 123, 180, 347 און 349 פון סאַן אַנטאָניאָ גרייטען זיך צו אָרגאַניזירען אַ דזשאָינט באָארד, אין וועלכען עס זאָלען זיין אָנגעשלאָסען אַלע אונזערע לאָקאַלס אין שטאָט. עס וועט אין גיכען געהאַלטען ווערען אַ דזשאָינט מיטינג פון אַלע עקזעקוטיווס פון די לאָקאַלס, וואו עס וועלען אויסגעקליבען ווערען דעלעגאַטען און עס וועט אויסגעאַרבייט ווערען אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער דזשאָינט באָארד.

אינטערנעשאָנאַל אינדאָרסירט ניו יאָרק צדקה־פאָנד.

די אינטערנעשאָנאַל האָט אָפיציעל אינדאָרסירט דעם צוועיטען יערליכען דרייוו פאַר פינאַנסען וואָס דער גרעיטער ניו יאָרק פאָנד פירט איצט אָן פאַר די פאַרשידענע וואָלטעטיגע אַנשטאַלטען און אינסטיטוציעס דאָ אין שטאָט. פּרעזידענט דובינסקי האָט וועגען דעם פאַרעפענטליכט דעם פאָלגענדען סטייטמענט:

„איינע פון די ווינקעל־שטיינער, אויף וועלכע אונזער יוניאָן איז געבויט, איז די איינינקייט פון אַלע ראַסען, גלויבענס און נאַציאָנאַליטעטען. דער „גרעיטער ניו יאָרק פאָנד" איז אַן אויסדרוק פון אָט דער איינינקייט אויפ'ן געביט פון פרייוויליגער טעטיגקייט פאַר דעם געזונט און וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. דאָס פאַראייניגען זיך פון פּראָטעסטאַנטען, אידען און קאַטאָליקען אין אַ פאַרזוך צו לינדערען מענשליכע ליידען אין אונזער שטאָט, איז שוין אין זיך אַליין אַ גרויסע קראַפט קעגען אומטאָלעראַנץ און פאָראורטייל, וועלכע באַדראָען דעמאָקראַטיע און אונזער ציוויליזאַציע היינט צו טאָג".

פּרעזידענט דובינסקי ווייזט אָן אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט זיך אַלעמאָל באַטראַכט פאַר אַן אינטעגראַלען טייל פון דער געמיינדע. צוויי מיליאָן מענשען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך טויזענדער יוניאָן מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס, באַנוצען זיך יעדעס יאָר מיט די האָספּיטעלער, דעי נורסעריס, סעטלמענט הייזער און אַנדערע אינסטיטוציעס וועלכע באַטייליגען זיך אין דעם פאָנד. לעצטעס יאָר האָט די אינטערנעשאָנאַל בייגעשטייערט פאַר דעם פאָנד פופצען טויזענד דאָלאַר פון איר אייגענער קאַסע.

„עס איז וויכטיג, האָט דובינסקי ערקלערט, אַז די אָנשטריינגונג פון דעם גרעיטער ניו יאָרק פאָנד זאָל אונטערשטיצט ווערען פון אַלע עלעמענטען און גרופּען אין אונזער געזעלשאַפט. איבער דעם, און אויך ווייל עס איז אַ סימבאָל פון איינינקייט און טאָלעראַנץ, אינדאָרסירען מיר דעם פאָנד מיט'ן גאַנצען האַרצען.

אָנערקענונג רעזאָלוציע.

מיר, די אַרבייטער פון זוכערוען בראָדערס שאָפּ, פון 247 וועסט 37טע סטריט, דריקען אויס אַ דאַנק צו אונזער ביזנעס אַגענט, ברודער פרידמאַן, און צו אונזער מענעדזשער, ברודער מאָריס פיינבערג פאַר מאַכען מעגליך אַז מיר זאָלען האָבען אַ שאָפּ צו דער אַרבייט, נאָכדעם ווי דער שאָפּ האָט זיך געזאָלט צומאַכען.

די אַרבייטער פון שאָפּ פּרעזענטירען ברודער פרידמאַן מיט אַ שיינעם פּרעזענט און מיר ווינשען אים אַז ער זאָל דאָס נוצען געזונטערהייט און זאָל פאָרזעצען זיין גוטע אַרבייט פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג.

די שאָפּ קאָמיטע
הערריי ווינקלער, טשערמאַן.
רובין גאָלדבערג און דייוו מאַנשיין.
פון לאָקאַל 117.
סעם גאָדמאַן, לאָקאַל 9.
לואיס טאַנער, לאָקאַל 35.

די שטעלונג פון דער אינטערנעשאַנאַל צו קריג און באַוואָפנונג *

פון לואיס נעלסאָן.
מענעדזשער לאָקאַל 155

די איצטיגע פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט ווערט ריכטיג פאָנאַנדערגע־גלידערט אין אַן עדיטאָריעל אונ־טער׳ן קעפּעל: „דער ערשטער מאַי" אין מאַי נומער „גערעכטיגקייט". עס זיינען אָבער דאָרט פאַראַן קאַרדי־נאַלע ווידערשפּרוכען מיט דער רע־זאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ביי דער קאָנ־ווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין אַטלאַנטיק סיטי איבער דער דאָזיגער פראַגע.

אין דעם עדיטאָריעל זאָגט זיך:

„דער ערשטער מאַי איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם טאָג, אין וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער קלאַס זאָל דעמאָנסטרירען זיינע כחות און זיינע פאָדערונגען פאַר אַ בעסערער און גערעכטער וועלט. די איינצעלנע פאָדערונגען, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט אין די דעמאָנסטראַציעס פון ערשטען מאַי, זיינען ניט אַלע מאָל די זעלביגע. זיי ענדערען זיך מיט דער צייט, מיט די באַדינגונגען און מיט די צושטענדען אין פאַר־שידענע לענדער. ביז ניט לאַנג צוריק איז איינע פון די פאָדערונגען צום ערשטען מאַי געווען די אָפּשאַפונג פון מיליטערישער באַוואָפענונג. אין דעם היינטיגען ער־שטען מאַי וועלען עס די אַרבייטער ניט פאָדערן. די הויפּט־פאָדערונג פון היינט איז דער קאַמף געגען פאַ־שיזם און נאַציזם און די באַשיצונג פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. מיר ווייסען אָבער, אַז פאַר דעם קאַמף געגען פאַשיזם און נאַציזם און פאַר דער באַשיצונג פון דעמאָקראַטיע מוז מען האָבען וואָפען, ווייל היטלער און מוסאָליני פאַרשפּרייטען די הערשאַפט פון נאַציזם און פאַשיזם און פאַרניכטען די דעמאָקראַטיע מיט דער הילף פון וואָפען".

אַט די געדאַנקען אין דעם עדיטאָריעל זיינען אין ווידערשפּרוך צו דער רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ביי אונזער 1937 קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי, וועלכע לייענט זיך ווי פאָלגט:

„אין אַנבאַטראַכט אַז די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז היינט אַזאַ, אַז נאַציאָנען זיינען דירעקט פאַרווי־קעלט אין אָפענעם קריג מיט געזעצליך איינגעשטעלטע דעמאָקראַטישע רעגירונגען, ווי דאָס פּאַסירט איצט אין שפּאַניע, וואו איטאַליע און דייטשלאַנד גרייפען אָן דירעקט די געזעצליך איינגעשטעלטע דעמאָקראַ־טישע רעגירונג, און

„אין אַנבאַטראַכט, אַז די גאַנצע אינטערנאַציאָ־נאַלע קאַפּיטאַליסטישע וועלט גרייט זיך צו פאַר אַ צווייטען וועלט־קריג וועלכער וועט אויסשלאַכטען מי־ליאָנען פון אַרבייטער קלאַס איבער דער גאַנצער וועלט, און

„אין אַנבאַטראַכט אַז פאַשיזם איז די אָפענע דיק־טאַטור פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, און

„אין אַנבאַטראַכט אַז די פריהערדיגע קאָנווענשאָנס האָבען אָנגענומען אַזוינע רעזאָלוציעס און געמאַכט די אינטערנעשאַנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער אַרבייטער באַוועגונג צו באַקעמפען פאַשיזם און מלחמה, זיי עס דעריבער

„באַשלאָסען אַז די קאָנווענשאָן גייט אויפ׳ן רע־קאָרד אַלס שטרענג געגנעריש צו דער באַוואָפענונג פון פעלקער און דעם אַנגריף פון די פאַשיסטישע לענדער אויף דעם אַרבייטער קלאַס פון שפּאַניע, און זיי עס ווייטער

„ווייטער באַשלאָסען, אַז די אינטערנעשאַנאַל זאָל זיך באַטייליגען אין אַ וועלט באַוועגונג געגען קריג און פאַשיזם".

איך גלויב, אַז דער עדיטאָריעל וואָס ערשיינט אין אונזער אָפיציעלען אָרגאַן, דאַרף אויסדריקען די אָפיציעלע שטעלונג פון אונזער אינטערנעשאַנאַל און ניט די מיינונג פון איינצעלנע מענשען. קיין איינצעלנער האָט ניט דאָס רעכט צו ענדערען די באַשלוסען וואָס ווערען אָנגענומען פון דער העכסטער קערפּערשאַפט פון אונזער יוניאָן — די קאָנווענשאָן. ווי ווייט איך ווייס, האָט אַפילו די גענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד פון אונזער אינטערנעשאַנאַל ניט אָנגענומען קיין באַ־שלוס וואָס זאָל ווידערשפּרעכען די רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי קאָנווענשאַנס.

די פּראָבלעמע פון קריג און פאַשיזם איז ניט מעהר קיין אַקאַדעמישע. קריג קען אויסברעכען יעדען טאָג, און אַלס וויכטיגע אָפּטיילונג פון דער אַרביי־טער באַוועגונג, איז עס אונזער פליכט קלאָר צו מאַכען די אישוס און ניט באַשאַפען קיין צעטומ־לעניש. די „גערעכטיגקייט", וועלכע איז לויט מיין מיינונג איינע פון די בעסטע טרייד יוניאָן שריפטען, דאַרף דיסקוטירען די פראַגע פון קריג און פאַשיזם ניט ווי דאָס ווערט דיקטירט פון סענטימענטען. מיר טאָרען זיך אויך ניט לאָזען פאַרפירען פון דער פּראָ־פּאַגאַנדע פון די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענ־דער. אַנשטאָט דעם, דאַרפען מיר פאָנאַנדערגלידערען די ראָליע וואָס די אַרבייטער מוזען שפּילען אין פאַל פון אַ וועלט־קריג.

די מלחמה־היסטעריע וואָס ווערט איצט געשאַפען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, איז ניט ניי. ענליכע מעטאָדען זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען פאַר און דורך דער צייט פון לעצטען וועלט־קריג — די באַרימטע „מלחמה צו ענדיגען מלחמות און מאַכען די וועלט זי־כער פאַר דעמאָקראַטיע".

אין דעם אויבענדערמאָנטען עדיטאָריעל אין דער „גערעכטיגקייט" זאָגט דער רעדאַקטאָר: „גליקליכער־ווייזע, איז אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטי געגען פאַשיזם און נאַציזם דער אַרבייטער קלאַס ניט אַליין. אַלע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטען זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף. מען דאַרף בלויז באַדויערען וואָס דער אַרבייטער קלאַס אַליין איז צע־שפּאָלטען און קעמפט ניט מיט פאַראייניגטע כחות. דער קאַמף וואָלט געווען פיל ווירקזאַמער און ערפאָלגרייכער ווען די כחות פון די אַרבייטער וואָלטען געוואָרען פאַראייניגט".

די מיינונג פון רעדאַקטאָר איבער דעם ווער עס זיינען דאָס די „ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענ־טען" זיינען זייער ניט קלאָר. וועגען וועמען רעדט ער אַלס „פּראָגרעסיוו" און „ליבעראַל" — די טשעמ־בערלעינס, די דאַלאַדיעס, די לאַנדאָנס און נאָך אַזוינע טיפּען? איך צי פאַר די שטעלונג פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר צו דער פראַגע פון קריג ווי דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם בריוו וואָס פּרעזידענט וויליאַם גרין האָט געשיקט צו דער ניי־טראַליטעט קאָמיטע פון קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען אין אַפּריל פון היינטיגען יאָר.

די אַזוי גערופענע „ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטען" — ווער זיינען זיי? איז עס רומעניע וועלכע דריקט אונטער די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס און מינאָריטעט גרופּען, טרייבט אַרויס די אידען באַ־רויבענדיג זיי פון זייער מענשליכע רעכט? אָדער מיינט עס פּוילען וועלכע פּראַקטיצירט די זעלביגע מעטאָדען וואָס היטלער און מוסאָליני? און איז עס ניט געווען פּוילען דורך איהר פּרעמיער מיניסטער יוזעף בעק, וועלכע האָט אין איהר לעצטער קאָנפע־רענץ מיט דער ענגלישער רעגירונג פאַרלאַנגט אַז איהר אידען־פּראָבלעם זאָל געליזט ווערען אויפ׳ן זעל־בען אופן ווי אין דייטשלאַנד? אָדער, איז עס מעגליך אַז דער רעדאַקטאָר האָט אין זינען אָט די „מאַמע פון די דעמאָקראַטיען" — ענגלאַנד וועלכע באַהערשט איה־רע קאָלאָניעס מיט אַן אייזערנער האַנד, פּונקט ווי היטלער און מוסאָליני באַהערשען די דייטשען און איטאַליענער? אין אינדיע, דער בריליאַנט אין דער קרוין פון דער ענגלישער אימפּעריע, פאַרדינען טעק־סטיל אַרבייטער דרייצען דאָלאַר אַ יאָהר און ברי־טאַניאַ דערלאָזט ניט ענטוויקלען קיין אינדוסטרי אין איהרע קאָלאָניעס. אָדער אפשר מיינט דער רעדאַק־טאָר די פראַנצויזישע, אַזוי גערופענע דעמאָקראַטי? טוט נאָר אַ קוק וואָס עס טוט זיך אין די פראַנצוי־זישע קאָלאָניעס אין אַפריקע, אין מאַראָקאָ, און אפילו אין פראַנקרייך אַליין, וואו דער „ליבעראַלער און פּראָגרעסיווער" דאַלאַדיע האָט צוריקגענומען די אַלע געווינסען וואָס די אַרבייטער האָבען זיך דערשלאָגען און אַרויפגעצוואונגען אויף די פראַנצויזישע אַרביי־טער אַ 60־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך.

דורך דער צייט פון דער שפּאַנישער קאָנטער־רע־וואָלוציע וואָס היטלער און מוסאָליני האָבען אַרויס־גערופען געגען דער רעפּובליק, האָט די אַזוי גערו־פענע דעמאָקראַטישע רעגירונג פון פראַנקרייך זיך אָנטזאָגט צו שיקען שפּייז און אַמוניציע צו די וואָס האָבען זיך מקריב געווען פאַר דעמאָקראַטי אין שפּאַ־ניע. די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין די אידעען פון דעמאָ־קראַטי. זיי באַהאַלטען בלויז זייערע אימפּעריאַליס־טישע אַפּעטיטען אונטער די שלאַג־ווערטער.

האָבען דען ניט די זעלביגע דעמאָקראַטיעס אין צייט פון דער וועלט־מלחמה געשלאָסען אַ פאַרבאַנד מיט דער צאַרישער רעגירונג פון רוסלאַנד געגען די צענט־ראַל־אייראָפּעאישע לענדער? און איז עס ניט אַ פאַקט אַז אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָבען די אַרבייטער צו יענער צייט געהאַט מעהר פרייהייט וואָס זיי האָבען זיך דערשלאָגען דורך זייערע יוניאָנס און אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַרבייטער קלאַס האָט דע־מאָלט געהאַט אין רוסלאַנד? עס זיינען אַלזאָ ניט געווען די אידעאַלען פון דעמאָקראַטי און פרייהייט, וועלכע האָבען דיקטירט די אַזוי גערופענע דעמאָקראַ־טישע לענדער מיט וועמען זיך צו פאַראייניגען.

דער ווערסייער אָפּמאַך וועלכער איז פאַרדאַמט געוואָרען פון יעדען ערליך־דענקענדען מענשען אין דער גאַנצער וועלט איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דייטשלאַנד און. דורך דער צייט וואָס דייטשלאַנד איז רעגירט געוואָרען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, האָט זי געמוזט נאָכקומען יעדען בוכ־שטאַב פון דעם אָפּמאַך. עס זיינען געווען די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער וועלכע האָבען גע־האָלפען היטלער׳ן און מוסאָליני׳ן קומען צו דער מאַכט. האָבען די דעמאָקראַטיען געגעבען וועלכע שטיצע די דעמאָקראַטישע רעגירונגען פון עסטרייך און דייטשלאַנד צו יענער צייט? האָבען זיי ניט געהאָל־פען דערטרינקען די סאָציאַליסטישע וויען אין דעם בלוט פון איהרע בעסטע זיהן פון דעם אַרבייטער קלאַס?

אָדער אפשר מיינט דער רעדאַקטאָר די דעמאָ־קראַטישע לענדער וועלכע שטעלען צו יאַפּאַן 85 פּראָ־צענט פון דער אַמוניציע וואָס זי נוצט געגען דער כי־נעזישער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז 85 פּראָצענט פון די אומשולדיגע פרויען און קינדער וואָס ווערען ער־מאָרדעט אין כינע, ווערען דער׳הרג׳עט מיט אַמערי־קאַנישע אַמוניציע?

דאָס זיינען דאָך די זעלביגע „דעמאָקראַטישע" לענדער, איינשליסענדיג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועל־

---

*) באמערקונג פון דער רעדאַקציע:

ברודער נעלסאָנ׳ס צושריפט פאָדערט אַ לאַנגען ענטפער און מיר האָבען אין דעם נומער „גערעכטיג־קייט" פאַר דעם קיין פּלאַץ ניט. מיר גיבען צו, אַז ברודער נעלסאָן האָט רעכט מיט זיין באמערקונג, אַז דער לייט־אַרטיקעל „דער ערשטער מאַי" אין פאַריגען נומער „גערעכטיגקייט" שטימט ניט מיט דער רעזאָלוציע, וואָס די אינטערנעשאַנאַל האָט אָנגענומען אויף איר קאָנווענ־שאָן אין אַטלאַנטיק סיטי. דער רעדאַקטאָר איז זיך מודה, אַז עס איז געווען זיין שולד, וואָס ער האָט די דערמאָנטע רעזאָלוציע פאַרגעסען. אָבער עס איז דאָך ניט געווען זיין שולד אַליין, נאָר אויך די שולד פון דער רעזאָלוציע. די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען פאַר די לעצ־טע צוויי יאָר — היטלערס רויבער־אָנפאַל אויף עסט־רייך, אויף טשעכאָסלאָוואַקיע און מעמעל; מוסאָליניס מערדערליכער איבערפאַל אויף עטיאָפּיע און אַלבאַניע, האָבען געשאַפען אַ גאַנץ אַנדער לאַגע אין דער וועלט צו וועלכער די רעזאָלוציע פון דער אינטערנעשאַנאַל פּאַסט זיך מער ניט אַזוי גוט צו. און אַ רעזאָלוציע וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין לעבען ווערט פאַרגעסען. אַט טאַקע נעמט די באַגרינדונג פון דער רעזאָלוציע. זי זאָגט: „אין אַנבאַטראַכט, אַז די פריהערדיגע קאָנ־ווענשאָנס האָבען אָנגענומען אַזוינע רעזאָלוציעס און גע־מאַכט די אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער אַרבייטער באַ־וועגונג צו באַקעמפען פאַשיזם און מלחמה, זיי עס דערי־בער באַשלאָסען, אַז די קאָנווענשאָן גייט אויפ׳ן רע־קאָרד אַלס שטרענג געגנעריש צו דער באַוואָפענונג פון פעלקער". נו, דאָס האָט געמעגט זיין ריכטיג אין 1937, אָבער איצט איז דאָך די אַלוועלטליכע אַרבייטער באַ־וועגונג פאַר באַוואָפענונג געגען פאַשיזם און אויב די אינטערנעשאַנאַל איז אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער אַרבייטער באַוועגונג קען זי דאָך ניט זיין געגען באַ־וואָפענונג פאַר דעם קאַמף געגען פאַשיזם.

אין דער קלאוקמאכער יוניאן און אין דעם טרייד

פון לואיס ע. לאנגער
סעקרעטאר ניו יארק דזשאינט באארד קלאוק־מאכער יוניאן

דער אגרימענט פון דער דזשאינט באארד מיט די טראק אייגענטימער אסא־סיעישאן איז א פראקטישער שריט מצד דער יוניאן היינט אין טרייד. מיט יארען צוריק ווען דער טרייד איז געווען קאנצענטרירט בלויז אין ניו יארק איז אזא אגרימענט מיט די וואס האבען דעמאלט געפירט די ארבייט צו און פון די אויטסייד שעפער ניט געווען נויטיג. דעמאלסט האט דער מאנופעקטשורער ניט געשיקט קיין ארבייט צו קיינעם א חוץ זיין קאנטראקטאר, וועלכער איז גע־ווען אין ניו יארק. פון אוט־אוו־טאון האט דער טרייד דעמאלסט אין גאנצען ניט געוואוסט. היינט איז די לאגע אין טרייד א גאנץ אנדערע. דער טשיזלער מאנופעקטשורער זוכט צו שיקען זיין ארבייט וואו עס לוינט זיך אים בעסער. דער טראק אייגענטימער, אויס אייגענע ביזנעס אינטערעסען, פירט עס וואוהין מען הייסט אים.

אין 1910, ווען די קלאוקמאכער האבען רעוואל־טירט פאר א יוניאן און האבען דעם רעוואלט גע־וואונען, האבען זיי ניט גע'חלומ'ט אז אין 1939 וועט זייער יוניאן זיין געצוואונגען, אום צו באשיצען זייער שטיקעל ברויט, צו מאכען אן אגרימענט מיט די וועל־כע פירען און ברענגען די ארבייט.

אין 1910 זיינען אויך געווען אזעלכע וועלכע הא־בען געפירט די באנדלאך ארבייט פון אינסייד שאפ צום אויטסייד שאפ און צוריק, אבער ווער האט דאן גע־טראכט אז דער וואגען מיט דער „שקאפע" וועט פאר זיי ווערען א געפאר? ווי ווייט איז די שקאפע דא־מאלסט אין גאנצען געגאנגען? פון אפ־טאון, פון דער 10טער אדער 15טער גאס, ביז דער איסט־סייד. אפילו צו פירען די קלאוקס קיין ברוקלין איז פאר דער שקאפע געווען א גאנץ ווייטער מהלך. קיינער האט זיך ניט פארגעשטעלט אז אויף דעם פלאץ פון וואגען וועט קר־מען א טראק און אז דער נאמען „בעל הגלה" וועט אויסגעביטען ווערען אויף דעם נאמען „טראק אייגענ־טימער." יארען זיינען אוועק און מיט דעם גאנג פון די יארען האט זיך געענדערט די לאגע אין דער אינ־דוסטרי, און דער וואס פירט פונאנדער די רויע ווארע און ברענגט די פארטיגע קלאוקס איז געווארען אזוי וויכטיג אז די יוניאן דארף אויף אים ארויפלעגען א האנט.

א פארשטענדיגונג מיט דער טראק אייגענטימער אסאסיאיישאן האט די יוניאן שוין פון לאנג געהאט. די פארשטענדיגונג איז בלויז געווען א מינדליכע. עס איז ניט געווען קיין שריפטליכע אנווייזונג וואס דער טראק אייגענטימער מעג און וואס ער טאר ניט טאן. וואלט די פארשטענדיגונג מיט די טראק אייגענטימער גע־דינט דער יוניאנ'ס צוועק, קאן מעגליך זיין אז די יוניאן וואלט זיך געווען באגאנגען אן אן אגרימענט מיט זיי.

כאטש מען קען א געשריבענעם אגרימענט ברע־כען אזוי גוט ווי א מינדליכען אפמאך, איז דאך א געשריבענער אגרימענט מער ממשות'דיג. ערשטענס איז עס א געזעצליכער דאקומענט אויף וועלכען ביידע צדדים האבען זיך פרייוויליג געאייניגט, און צוויי־טענס טראגט אזא דאקומענט א מאראלישע פאראנט־ווארטליכקייט פאר דער עפענטליכער מיינונג. און ווען איין צד אדער דער צווייטער ברעכט אן אגרימענט שפילט די עפענטליכע מיינונג דערביי א וויכטיגע ראלע.

❋

קיין גאראנטי אז די טראק אייגענטימער וועלען נאכקומען דעם אגרימענט קאן קיינער ניט געבען; מיר האבען אבער אורזאכען צו גלויבען אז זיי וועלען אים נאכקומען. וואלטען זיי ניט פארשטאנען די ערענסט־קייט פון אן אגרימענט, און די פאראנטווארטליכקייט וואס זיי נעמען אויף זיך, וואלטען זיי ניט געקעמפט פאר יעדען געשריבענעם ווארט אין דעם אגרימענט איידער זיי האבען אים אונטערגעשריבען.

דער אגרימענט, אויסער דעם וואס ער ענטהאלט פונקטען וועגען די באדינגונגען אונטער וועלכע די טראק דרייווערס און זייערע ארויסהעלפערס זאלען אר־בייטען, איז ער מערסטענס אן אפאראט וואס צוימט ארום דעם טראק אייגענטימער אז ער זאל ניט פירען די קלאוקס אין שעפער וועלכע געפינען זיך ניט אויף דעם יוניאן ליסט.

אין פאל די יוניאן קריגט א פארדאכט אז א קלאוק אייגענטימער דעליווערט ארבייט דארט וואו ער טאר ניט, האט די יוניאן א רעכט, לויט דעם אגרי־מענט, מיטצושיקען איר אייגענעם מענש מיט דעם טראק דרייווער צו זען וואוהין ער פירט די ארבייט, צי ער דעליווערט ניט די ארבייט אין ניט־יוניאן שע־פער. דער טראק אייגענטימער האט, לויט דעם אגרי־מענט, ניט קיין רעכט אפצולעגען ארבייט אויב די יו־ניאן פארדעכטיגט אים אז עס איז ניט אלעס כשר מיט אים. ער קען בלויז אפליגען די ארבייט נאך דעם ווי זיין טראק איז אונטערזוכט געווארען צו זעהן פאר וועלכער פירמע און פון וועלכען קאנטראקטאר ער האט געבראכט די ארבייט.

די קלאוקמאכער ווייסען פון ערפארונג, אז צו אן אגרימענט זיינען דא צוויי צדדים און יעדער צד פארפליכטעט זיך. נאכצוגעבען דעם צווייטען געוויסע הנחות. די טראק אייגענטימער'ס אסאסיאיישאן האט זיך פארפליכטעט אז אירע מעמבערס זאלען פירען ארבייט בלויז פון יוניאן פירמעס צו יוניאן קאנ־טראקטארס, לויט דער אנווייזונג פון דער יוניאן. וואס פארפליכטעט זיך די יוניאן? זי פארפליכטעט זיך צו זעהן אז די שאפ־טשערלייט זאלען אויפפאסען אז קיין אנדערע, אויסער מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן זאלען ניט פירען די ארבייט. דער אפיס וועט גע־בען די טשערלייט די נויטיגע אינסטרוקציעס ווי אויפ־צופאסען דארויף.

די יוניאן פארפליכטעט זיך אויך ניט צו ער־מוטיגען דאס עפענען אדער פארגרעסערען קיין אינ־סייד שעפער אויף דעם פלאץ פון די קאנטראקטינג שעפער, אז די טראק אייגענטימער זאלען ניט פאר־לירען קיין ביזנעס. דאס באציט זיך נאר אויף דזשא־בערס אדער מאנופעקטשורערס וועלכע זיינען שוין אין ביזנעס, און ניט אויף קיין נייע פירמעס וואס וועלען ווערען מאנופעקטשורערס. אויב עס וועט זיך מאכען א פאל וואו איינער וויל פארגרעסערען זיין אינסייד שאפ, אדער וויל עפענען אן אינסייד שאפ, אויף דעם פלאץ פון א קאנטראקטאר, און דער טראק אייגענטי־מער וועט דורך דעם פארלירען ביזנעס, איז די אינ־דוסטרי אים מחויב צו פארגיטיגען זיין פארלוסט, און דער אומפארטייאישער טשערמאן וועט דארפען בא־שטימען די סומע פון אזא פארגיטיגונג. דאס איז ניט קיין פונקט פון דעם אגרימענט, בלויז א פארשפרעכען מצד דער יוניאן. עס איז זעלבסט־פארשטענדליך אז די יוניאן וועט האלטען איר ווארט בלויז דאן ווען די טראק אייגענטימער וועלען נאכקומען זייער אגרי־מענט מיט דער דזשאינט באארד.

❋

דער אגרימענט מיט די טראק אייגענטימער אסא־סיאיישאן האט נאטירליך געשאפען די נויטווענדיגקייט פון אן ענגערען פארבינדונג צווישען די טראק דריי־ווערס יוניאן לאקאל 102 און אונזער דזשאינט באארד, פונקט ווי עס איז געווען א פראקטישער שריט צו מאכען אן אגרימענט מיט די טראק באלעבאטים, פונקט אזוי איז געווען וויכטיג אריינצונעמען די העלפערס און דרייווערס אין אונזערע רייהען, ווייל אלס ארבי־טער וואס פירען די ווארעס און ברענגען צוריק די פארטיגע קלאוקס פארנעמען זיי א וויכטיגע פאזיציע אין טרייד, כאטש די מאנופעקטשורערס און דזשא־בערס האנדלען מיט די טראק אייגענטימער און זיי קריגען בלויז די ארדערס ווי צו פירען די ווארעס און ברענגען די אויפגעמאכטע קלאוקס.

מיט אפענע ארעמס נעמען מיר אויף די העל־פערס און דרייווערס אין אונזערע רייהען. אלס יונגע יוניאן לייט וועט דער דזשאינט באארד פאר זיי זיין א קוואל צו לערנען. הגם זייער ארבייט איז ניט אין שאפ, נאר אויף דעם טראק האבען זיי געמיינשאפט־ליכע אינטערעסען מיט די קלאוקמאכער. מיר האפען אז דורך זייער אריינקומען אין דער דזשאינט באארד וועלען די קלאוקמאכער און די דרייווערס פיעל פראפ־פיטירען פון זייער געגענזייטיגער קאאפעראציע.

❋

אין דעם טרייד איז געווען א ביסעל ארבייט. אבער ניט וויפיל מען האט ערווארטעט. ווען ניט דער רעגענדיגער און קאלטער מאנאט אפריל, וואלט מא־נאט מאי געווען געהאט פיל זומער ארבייט.

אז פילע מאנופעקטשורערס האבען זיך געקליבען צו מאכען זומער ארבייט האט מען געקאנט זעהן פון דער צאל קאמיטעס וועלכע האבען זיך געווענדעט צום אפיס מיט פארלאנגען אז זייערע מאנופעקטשורערס וואלטען געארבייט זומער ארבייט, ווען די יוניאן וואלט מיט זיי געהאט איינזעהעניש מיט די פרייזען אויף דער ארבייט. די יוניאן האט באשלאסען צו האבען איינזעהעניש, ערשטענס אז אונזערע מעמבערס זאלען האבען די עטליכע וואכען ארבייט, און צווייטענס זוכט די יוניאן צוריק אריינצוקריגען די ארבייט אין אונ־זערע שעפער וואס די קלאוקמאכער האבען תמיד גע־מאכט נאך דעם ווי דער ספרינג סיזאן האט זיך גע־ענדיגט. איז געקומען א קאלטער און רעגענדיגער מאנאט אפריל און האט אלעס פאראליזירט. מאנופעק־טשורערס האבען געמאכט זומער ארבייט, אבער ניט אזוי פיל ווי מען האט ערווארטעט.

וועגען ווינטער סעזאן איז נאך צו פרי צו שריי־בען. אין די שעפער ארבייט מען שוין סעמפעלס, אין דער ביליגער אזוי ווי אין דער בעסערער ליין, סעטעלט מען שוין פרייזען. צי די ביליגע ליין וועט אנפאנגען צו ארבייטען אין מאנאט דזשון, ווי אין די פריערדיגע יארען, איז א פראגע. די ארבייט קומט מערסטענס פון די מעיל ארדער און קאטאלאג הייזער, די מאניפאלאנטען, מיט וועלכער די יוניאן זוכט צו קומען צו א פארשטענדיגונג.

כע האבען דורך זייער נייטראליטעט קאמיסיע פארזור־זאכט אז די שפאנישע רעפובליק זאל פארבלוטען צום טויט; די דעמאקראטישע ענגלאנד איז געווען פאר־אינטערעסירט אז פראנקא זאל רעגירען שפאניע. ערשט נאכדעם ווי פראנקא האט געזיגט, ווען ענגלאנד האט זיך ארומגעקוקט אז די איטאליענישע ארמייען זיינען א געפאר פאר איהר אין מיטעללענדישען ים און פאר איהרע קאלאניעס, האט זי גענומען פאדערען אז אי־טאליענישע טרופען זאלען פארלאזען שפאניע.

יא! וואס עס פעלט אונז איצט, איז א יודזשין ו. דעבס וועלכער האט געהאט דעם מוט צו זאגען דאס געהעריגע ווארט אין דער געהעריגער צייט; צו באקעמפען די פראפאגאנדע פון די אימפעריאליסטען וואס זיי האבען אנגעפירט דורך דער ראדיא און דורך די צייטונגען. אנשטאט מיר זאלען זיך לאזען פירען פון די כחות וועלכע זוכען צו ברייגען א נייע וועלט־מלחמה זאלען מיר האבען דעם קוראזש צו פירען די ארבייטער מאסען און באקעמפען זיי מיט די אמת'ע אישוס וואס זיינען פארוויקעלט און מאכען זיי בא־גרייפען, אז דער ארבייטער קען גאר ניט געווינען און קען אלץ פארלירען אין פאל פון א מלחמה. עס איז פאראן בלויז איין כח אויף וועמען די ארבייטער קענען זיך פארלאזען. דאס איז ניט די „דעמאקרא־טישע און ליבעראלע פריינד" נאר די ארגאניזירטע מאכט פון די ארבייטער נאציאנאל און אינטערנאציאנאל.

צום שלוס וויל איך זאגען, אז כאטש עס איז פיל גרינגער צו שווימען מיט'ן שטראם, וואלט איך אין דער איצטיגער צייט בעסער גיין געגען שטראם. איצט, ווי אין דער פארגאנגענהייט קען איך זיך ניט פאר־לאזען אויף קיין אנדערען אויסער דעם קלאס פון וועל־כען איך שטאם — דער ארבייטער קלאס. איך גלויב אויך, אז די רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארען ביי אונזער קאנווענשאן אין 1937, איז נאך פונקט אזוי בארעכטיגט ווי זי איז געווען מיט צוויי יאהר צוריק און זי וועט נאך אויך זיין בארעכטיגט אין דער צוקונפט.

לאנג לעבען זאל די מאכט פון דעם ארבייטער קלאס!

מאַנטרעאַלער קלאָוקמאַכער שטעלן געגען־פאָדערונגען צו די בעלי־בתים

ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן אין דער „גערעכטיגקייט" פון פאָריגן חודש, האָבן די מאַנטרעאַלער קלאָוק־מאַנופעקטשורערס ארויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל פאַרקלענערן דעם לוין־סטאַנדאַרד פון דעם קאָלעקטיוון אַגרימענט. אין אַגרימענט איז פאַראַן אַ פונקט, אַז בײדע צדדים האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען אַן ענדערונג אין לוין־סטאַנדאַרד פון דעם ערשטען יולי 1939. די בעלי־בתים האָבן זיך צוגעאײלט און אונז געלאָזט וויסען, אַז זײ ווילען זיך באַנוצען מיט דעם דאָזיגען פונקט צו רעדוצירען דעם אײנגעשטעלטען לוין וואָס אונזערע מיטגלידער מוזען קריגען לויט דעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך.

דינסטאָג, דעם 16טען ד. מ., איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע קאָנפערענץ צווישען אונזער יוניאָן און די בעלי־בתים. אונטער׳ן פאָרזיץ פון דעם אומפּאַרטײישען טשערמאַן אין טרײד, איסאַכאַר גרינבערג. די פאַרטרעטער פון דער אַסאָסיאײשאַן האָבן בײ דער קאָנפערענץ אָנגעגעבען די אורזאַכען, וואָרום זײ ווילען אַ רעוויזיע אין די לוין־סטאַנדאַרדס. זײ האָבן אָנגעגעבן פאָלגענדע טשיקאַווע אורזאַכע: היות ווי 20 פּראָצענט פון די קלאָוקס ווערט פּראָדוצירט פון ניט־יוניאָן אַרבעטער, און היות ווי אין די שעפּער וואו מען אַרבײט מיט ניט־יוניאָן־הענט איז דער לוין־סטאַנדאַרד אַ נידעריגער, דעריבער, הײסט עס, ווילען זײ, אַז מען זאָל די 80 פּראָצענט יוניאָן־אַרבײטער אויסגלײכען מיט די 20 פּראָצענט ניט־יוניאָן אַרבײטער דורך שנײדען די ווײדזשעס.

פאַרשטײט זיך, אַז אונזער צד האָט זיך גוט אויסגעלאַכט פון אָט דעם פאַרלאַנג פון די בעלי־בתים און פון די אַרגומענטען מיט וועלכע זײ האָבן זײערע פאַרלאַנגען געוואָלט באַרעכטיגען. דער אמת איז, אַז מיר זײנען צו דער קאָנפערענץ ניט געגאַנגען אַרגומענטירען. מיר זײנען בלויז אויסען געווען צו הערען גענוי זײערע פאַרלאַנגען און די טענות אויף וועלכע זײ באַגרינדען זײערע פאַרלאַנגען. מיר זײנען דעריבער ניט געווען צוגעגרײט מיט סטאַטיסטיקס און מיט די געווינליכע מאַטעריאַלען וועלכע זײנען נויטיג בעת מען גײט קאָנפערירען און פאַרהאַנדלען מיט בעלי־בתים וועגען ווײדזשעס.

פונדעסטוועגען איז אונז אָנגעקומען גאָר לײכט צו געבען זײ דעם געהעריגען ענטפער. מיר האָבן זײ געזאָגט, אַז זײ מעגען זיך ארויסשלאָגען אײנגאַנצען פון קאָפּ אָט דעם געדאַנק, אַז מיר וועלען זײ ערלויבען צו רעדוצירען דעם לוין פון אונזערע מיטגלידער. מיר האָבען זײ איבערגעגעבען, אַז דער דזשאָינט קאָונסיל האָט שוין געהאַנדעלט אין דער פראַגע און באַשלאָסען, אַז לויט די איצטיגע אומשטענדען אין טרײד און לויט ווי עס איז די לאַגע פון אונזערע מיטגלידער איז וויכטיג, אַז אַ רעוויזיע אין די לוין־סטאַנדאַרדס זאָל טאַקע געמאַכט ווערען אָבער ניט צו רעדוצירען, נאָר צו העכערען ווײדזשעס. מיר האָבען זײ טאַקע געזאָגט, אַז אונזער דזשאָינט קאָונסיל איז אַנטשלאָסען צו קריגען אַ לוין־העכערונג אויב ניט פאַר אַלע סעקציעס אין טרײד איז לפּחות פאַר אַ טײל, און דאָס איז טאַקע אַבסאָלוט נויטיג אין די אינטערעסען פון טרײד.

מיר האָבען אויך אָנגעוויזען די בעלי־בתים, אַז אויב 20 פּראָצענט פון די פּראָדוצירטע קלאָוקס ווערט געשאַפען אין נאָן־יוניאָן שעפּער אונטער ביליגערע פּרײזען איז עס זײער אײגען שולד, ווײל די יוניאָן האָט שטענדיג פאַרלאַנגט, אַז די קאָמישאַן פאַר׳ן קלאָוקס־טרײד זאָל זײן שטרענג מיט די בעלי־בתים וועלכע קומען ניט נאָך די לעגאַלע מינימומס און זעהן, אַז די פּרײזען פאַר ווײדזשעס זאָלען שטרענג אָפּגעהיט ווערען לויט דעם „קאָוד". ווען די בעלי־בתים וואָלטען קאָאָפּערירט מיט אונז אויף אָט דעם געביט, וואָלט די לאַגע געווען בעסער און די בעלי־בתים וואָלטען ניט געפילט די קאָנקורענץ צוליב אָט די 20 פּראָצענט.

מיר האָבען זײ אויך עקלערט, אַז מיר מוזען זיך רעכענען מיט די קלאָוקס־טרײד באַדינגונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. דער קלאָוקס טרײד איז איצט אָרגאַניזירט אין טאָראָנטאָ, וויניפּעג און וואַנקואווער. אין וויניפּעג האַלטען מיר איצט אין אונטערהאַנדלען וועגען אַ נײעם אַגרימענט. דאָרט פאָדערען מיר אַ העכערונג אין ווײדזשעס. צוליב דעם אַלײן איז פאַר אונז אונמעגליך צו מאַכען הנחות אין די לוין־סטאַנדאַרדס פון מאַנטרעאַל. ווען מיר טוען עס וואָלטען מיר אויפגעטרײסעלט דעם גלײכגעוויכט אין ווײדזשעס וואָס דאַרף זײן דער באַזיס פאַר אײנגעשטעלטע לוין־סטאַנדאַרדס. עס וואָלט שטאַרק געשעדיגט די אינטערעסען פון אונזער יוניאָן און אויך די אינטערעסען פון טרײד בכלל. עס איז, אַזוי אַרום, פון אַלע שטאַנדפּונקטען ניטאָ קײן באַרעכטיגטע אורזאַך וואָרום די בעלי־בתים זאָלען איצט וועלען פאַרלאַנגען אַ רעוויזיע אין די אײנגעשטעלטע לוין־מינימומס.

פון בערנאַרד שעהן.
גענעראַל אָרגאַניזער א. ל. ג. וו. יוניאָן

די ערשטע קאָנפערענץ איז ניט געקומען צו קאָנקרעטע באַשלוסען און אַ צווייטע קאָנפערענץ איז באַשטימט געוואָרען פאַר אַ פּאָר וואָכען שפּעטער.

אין דרעס דעפּאַרטמענט

אויפ׳ן דרעס־פראָנט זײנען קײן וויכטיגע געשעהענישען ניט פאָרגעקומען אין די לעצטע וואָכען. אין טרײד בכלל איז געוואָרען לעבעדיגער. נאָך אַ לאַנגער סלעק־פּעריאָדע, וואָס האָט שטאַרק אויסגעמאַטערט אונזערע מיטגלידער, איז געוואָרען אַ ביסעל אַרבײט אין די שעפּער. אונזערע מיטגלידער קומען נאָך אַלע יוניאָן־פליכטען, גיבען אַכטונג אויף די יוניאָן־באַדינגונגען אין די שעפּער, צאָלען זײערע „דיוס" און פירען אָן די פאַרשײדענע יוניאָן־אַקטיוויטעטען.

אין עמבראָידערי דעפּאַרטמענט

דער עמבראָידערי לאָקאַל 315 האָט גערופען אײניגע בעלי־בתים צו פאַראַנטוואָרטליכקײט פאַר פאַרלעצען פונקטען פון דעם קאָלעקטיוון אַגרימענט.

עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם וואָס אַ צאָל בעלי־בתים האָבן זיך אַלײן געזעצט אַרבײטען בײ די מאַשינען און געוואָלט, אַז די אַרבײטער זאָלען זיך אַרומדרעהען איבער די גאַסען. זײ האָבן אויך ניט געוואָלט אָפּהיטען דעם פונקט וועגען גלײכע צוטײלונג פון אַרבײט.

אונזער יוניאָן האָט וועגען דעם געוואָרענט דער אַסס׳ן, אַז אויב אָט די פאַרלעצונגען וועלען ניט גוטגעמאַכט ווערען וועט די יוניאָן רופען סטרײקס כדי צו צווינגען יענע בעלי־בתים נאָכצוקומען די פונקטען פון אַגרימענט.

נאָך לענגערע קאָנפערענצען איז באַשטימט געוואָרען, אַז די יוניאָן און די אַסס׳ן זאָלען אויפנעמען יעדער קײס באַזונדער.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע צווײסטיגקײטען זײנען געשליכטעט געוואָרען און אַ דאַנק דער פעסטער שטעלונג פון דער יוניאָן האָבן אַרבײטער געקראָגען אַ טײל פון דער אַרבײט וואָס זײ האָבן פריער ניט געהאַט געקראָגען.

דער „פּרײס־אָפּ" פּראָצעס געגען קרײזמאַן און דעקאַרי האַלט זיך אין ענדיגען

שוין אײניגע וואָכען ווי עס שלעפּט זיך אין מאַנטרעאַלער סעשאַנס־געריכט דער „פּרײס־אָפּ" פּראָצעס געגען צווײ פון אונזערע באַאַמטע, סעם קרײזמאַן, דער אַסיסטענט־מענעדזשער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, און פיל דעקאַרי, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט קרײזמאַנען אין דער פירערשאַפט פון דעם סטרײק געגען דער „אײדיעל דרעס קאָ." איצט האַלט זיך דער פּראָצעס בײם ענדיגען.

דער לאָיער פאַר דער אַנקלאַגע האָט געוואָלט באַגרינדען זײן קלאַגע אויף אײניגע פאַלשע עדות און אויף דעם געדאַנק, אַז מיר האָבען אַ ספּעציעלען פאָנד פאַר דעם צוועק צו דינגען שלעגער. אונזערע עדות האָבען אָט די סברא צושמעטערט. מיר איז אויסגעקומען צו זײן אַן עדות און רעדען אין אָט דער פראַגע. איך האָב ערקלערט, אַז איך האָב געהאַט דעם קאָנטראָל איבער אַלע געלדער וואָס די יוניאָן האָט אויסגעגעבען, דורך מײנע הענט זײנען דורכגעגאַנגען אַלע „וואָוטשערס", וועלכע זײנען נאָך פאַראַן, און מיר האָבען קײנמאָל ניט אויסגעגעבען אַ סענט פאַר דעם צוועק צו דינגען שלעגער. איך האָב ערקלערט פאַר׳ן געריכט, אַז אונזער אינטערנעשאַנאַל פירט אירע סטרײקס אין די ראַמען פון געזעץ און מיר ווײזען צוריק מיט פאַראַכטונג די אינסינואַציעס און פאַרלײמדונגען און בלבולים וואָס אונזערע שונאים ווילען מאַכען געגען אונז. פאַר אונזער צד זײנען אויך אויפגעטראָטען קלאָוד זשאַדווע, קרײזמאַן און דעקאַרי.

אַלע עדות אין דער קײס זײנען שוין אויסגעהערט. עס איז געבליבען בלויז פאַר די לאָיערס פון בײדע צדדים צו אַרגומענטירען דעם כאַראַקטער פון די באַווײזע. וועגען דעם האָט דער הויפּט־ריכטער פּערראָ באַשטימט דעם 30טען מאַי. דאַן, ערוואַרטען מיר, וועט זיך דער פּראָצעס ענדיגען דערמיט וואָס דער „פּרײס־אָפּ" וועט פּלאַצען ווי אַ זײפען־בלאָז.

אונזער פאַרשטאָרבענער ברודער ה. גאָלדשטײן

אונזער יוניאָן אין מאַנטרעאַל האָט געליטען אַ שווערען פאַרלוסט אין דעם פריצײטיגען טויט פון ברודער ה. גאָלדשטײן, וועלכער איז געשטאָרבען דאָנערשטאָג, דעם 18טען, אין עלטער פון 51 יאָר.

די ידיעה וועגען זײן טויט האָט געמאַכט אַ פּײנליכען רושם אויף אַלע אונזערע מיטגלידער. גאָלדשטײן איז געווען דער וויס־טשערמאַן פון קלאָוק־פּרעסערס לאָקאַל 61 און טשערמאַן פון פינאַנץ־קאָמיטעט פון דעם דזשאָינט־קאָונסיל. גאָלדשטײנ׳ס פּלאַץ אין דער יוניאָן וועט זײן שווער צו פאַרפילען. ער איז געווען דער טרײער און איבערגעגעבענער היטער פון דער יוניאָנ׳ס אינטערעסען. ער איז געווען דער וואָס האָט אַכטונג געגעבען אויף די פּרעסערס־באַדינגונגען און איז געווען פון די ערשטע צו דערוויסען זיך און רעאַגירען אויב אַ פּרעסער האָט דאָ אָדער דאָרט געאַרבײט אונטער דעם מינימום. ער איז געווען ווי דער וואַכמאַן, וואָס האָט געהאַלטען אַ וואַכזאַם אויג אויף דער טרעזשורי פון דזשאָינט־קאָונסיל.

צו זײן לויה, זונטאָג, דעם 21טען, זײנען געקומען די באַאַמטע און מיטגלידער פון אונזער יוניאָן אויסצודריקען זײער צער אויפ׳ן טויט פון אונזער פיל־באַליבטען ברודער און אים אָפּגעבען דעם כבוד און רעספּעקט וואָס ער פאַרדינט. מיר באַדויערען זײן טויט און זײן אָנדענק וועט אונז זײן שטענדיג טײער.

גענעראַל עקזעקוטיוו געגען אַמענדירען לײבאָר רילײשאַנס עקט

די גענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד האָט בײ איר לעצטען מיטינג זיך ארויסגעזאָגט געגען אַמענדירען דעם לײבאָר רילײשאַנס עקט און האָט וועגען דער שטעלונג אירער ארויסגעגעבען דעם פאָלגענדען סטײטמענט:

„מיר זײנען געגען וועלכע עס איז אַמענדמענטס צו דעם לײבאָר רילײשאַנס עקט. דערקלערענדיג דאָס, ווילען מיר קלאָר מאַכען, אַז מיר פרעגען ניט אָפּ דאָס רעכט און זײנען ניט חושד די מאָטיוון פון אַנדערע אַרבײטער אָרגאַניזאַציעס וועלכע פאַרטײדיגען ענטוועדער גרינטליכע אָדער אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען אין דעם וואַגנער געזעץ.

„אונזער געגנערשאַפט צו ענדערען דעם וואַגנער־געזעץ — דעם ווערטפולסטען געזעץ וואָס איז ווען עס איז אָנגענומען געוואָרען צו גונסטען די אַמעריקאַנער אַרבײטער, איז באַגרינדעט אויף דעם באַוואוסטזײן, אַז דאָס איז באַשטימט און אָפען אַן אַרבײטער־געזעץ וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען מיט דעם צוועק צו פאַרזיכערען די אַרבײטער געוויסע באַשטימטע גאַראַנטיען פון וועלכע זײ זײנען באַרויבט געווען אַלע יאָרען דורך די בעלי בתים. עס איז אונזער איבערצײגונג, אַז די גאַראַנטיען און רעכטען וואָלטען פונדאַמענטאַל געשעדיגט געוואָרען, אויב ניט אין גאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען, ווען וועלכע עס איז פון די פאָרגעשלאָגענע אַמענדמענטס זאָלען אָנגענומען ווערען.

„מיר באַגרײפען, אַז דער אופן ווי דער וואַגנער־אַקט איז דורכגעפירט געוואָרען האָט אָפט געגעבען גרונט פאַר אויפריכטיגען און באַגרינדעטען פאַרדרוס און אויפרעגונג צו בײדע פראַקציעס אין דער אַרבײטער־באַוועגונג. מיר האָבען אָבער אין זינען דעם פאַקט, אַז אָט די אומצופרידענהײט און אויפרעגונג איז צום גרעסטען טײל אַ רעזולטאַט פון דער צעשפּליטערונג אין דער טרײד יוניאָן באַוועגונג. ווען מיר וואָלטען געהאַט אַ פאַראײניגטע אַרבײטער באַוועגונג, זײנען מיר זיכער, אַז די אורזאַכען פאַר אָט די אויפרײצונגען וואָלטען אין גאַנצען פאַרשוואונדען".

קאָפּיעס פון דער רעזאָלוציע זײנען געשיקט געוואָרען צו דער קאָמיטע אין וואַשינגטאָן, וועלכע האַלט איצט אָפּ פאַרהערען וועגען די אַמענדמענטס, און צו דער פּרעסע.

לאַנגע אין טאָראָנטאָ איז פיל בעסער

פון ה. ד. לאַנגער
מענעדזשער

טאָראָנטאָ קען זיך באַרימען דערמיט, אַז דער היגער קלאָוק- און דרעס-טרייד האָט זיך אַ היבש ביסעל פאַרבעסערט און אונזערע מיטגלידער זיינען פול מיט האָפענונג.

די ערענסטע סיטואַציע וואָס האָט זיך ביי אונז געשאַפען צוליב דער גרויסער צאָל אַרבייטסלאָזע וואָס מיר האָבען געהאַט אין טרייד, וועלכע איז צייטענווייז געשטיגען ביז עטליכע הונדערט אין אַ קליינע יוניאָן וואָס ציילט אין גאַנצען אַרום 1,800 מיטגלידער, האָט זיך פאַרבעסערט. דורך דעם לעצטען ספרינג סעזאָן האָבען מיר ניט נאָר אויפגעהאַלטען אונזער פאָזיציע אין טרייד נאָר מיר האָבען אונזער פאָזיציע פאַרשטאַרקט אין פאַרגלייך מיט פאַראַיאָרען.

דער ספרינג סעזאָן האָט אָנגעהאַלטען לענגער ווי פאַראַיאָרען און עס איז געווען מעהר אַרבייט אין די שעפער. אַפילו איצט אין מיטען מאַי, איז נאָך פאַראַן צו ביסלאַך אַרבייט אויף ספרינג סטיילס אַ חוץ די געוויינליכע ווייסע זומער אַרבייט. אין דער האָפענונגס פולער שטימונג גרייטען מיר זיך איצט צום פאַל-סעזאָן.

די אַרבייט אויף סעמפעלס איז איצט אין פולען שוואונג אין די גרעסערע פאַבריקען און מען ערוואַרט אַ גוטען סעזאָן. דאָס מיינט נאַטירליך ניט אַז מיר האָבען שוין דאָ דערלעבט משיח-צייטען אָדער אַפילו אַ צייט פון פולער פראָספעריטי. אונזערע קלאָוקמאַכער אין טאָראָנטאָ ווי אין אַנדערע שטעט האָבען דורכגעמאַכט עטליכע מאָגערע יאָרען. עס איז אונז געלונגען אויפצולעבען אַ שטאַרבענדען מאַרקעט און די טאָראָנטאָער קלאָוק אינדוסטרי פאַרנעמט ווידער איר וויכטיגען פלאַץ אין קענעדער טעריטאָריע.

דרעס אינדוסטרי אויפגעלעבט

זינט מיר האָבען אונטערגעשריבען דעם דריי-יאָריגען קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דרעס טרייד מיט די סטאַביליזירטע באַדינגונגען אַנשטאָט די אייביגע מלחמות, איז געקומען אַן אונגעהייערע פאַרבעסערונג אין דער לאַגע.

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דרעס טרייד ביי אונז אין שטאָט, האָט זיך דאָ באַוויזען די ביליגע לאָין אַרבייט. וויניגסטענס איין שאָפ וועלכער באַשעפטיגט אַרום הונדערט בעל מלאכות, גיט זיך אָפ אויסשליסליך מיט די ביליגע לאָין דרעסעס. דאָס האָט געשאַפען אַרבייט פאַר אַלע מיטגלידער פון לאָקאַל 72 און אַפילו אַ צאָל אַרבייטער וואָס זיינען שוין געווען אַרויסגעפאַלען פון טרייד צוליב דער אַרבייטסלאָזיגקייט, זיינען צוריקגעקומען.

די ווירקונג וואָס אָט די פאַרבעסערונג האָט געהאַט אויף אונזערע מיטגלידער איז ניט אָפצושאַצען. זיי זעהען די אויפלעבונג וואָס עס איז געקומען אין טרייד זינט די אינטערנעשאָנאַל האָט צוריק איבערגענומען דעם קאָנטראָל פון לאָקאַל און די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר'ן קאָלעקטיווען אַגרימענט. צום ערשטען מאָל האָבען מיר אויך דאָ סטאַביליזירט די פרייזען לויט די גרעידס וואָס שאַפט אָפ די דינגעניש און די רייסערייען וואָס פלעגען פאַרביטערען דעם לעבען יעדען סעזאָן. עס שאַפט אויך אַ באַשטימטען מינימום נידעריגער פון וועלכען פרייזען און פאַרדינסטען קענען ניט רעדוצירט ווערען. עס איז ניט געווען קיין גרינגע אויפגאַבע איינצושטעלען די אָרדנונג פון מענשליכע קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען אין די באַציהונגען צווישען אַרבייטער און אַרבייטסגעבער אין דער דרעס אינדוסטרי אַנשטאָט דעם דזשאַנגעל געזעץ פון אייביגע מלחמות. עס איז אויך ניט גרינג אָנגעקומען צו איבערצייגען אונזערע אַרבייטער אין דעם נוצען פאַר זיי אין קאָלעקטיווע אַגרימענטס נאָכדעם ווי זיי האָבען יאָרען-לאַנג געקראָגען זייער ערציהונג אין דער אַזוי גערופענער אינדאָסטריעל יוניאָן, וואו מען האָט זיי געלערענט אַז קאָלעקטיווע באַציהונגען מיט בעלי בתים איז „קלאַסען-מיט-אַרבייטערשאַפט", וועלכע פאַנטען דעם אַרבייטער. די רעזולטאַטען פון דעם אַגרימענט אויף זייער אַרבייט, זייערע פאַרדינסטען און באַדינגונגען, צייגען זיי אָבער איבער ווי נוצליך אַזאַ אַגרימענט איז פאַר זיי.

פרעסערס פירען דורך שיינע פייערונג

דער יערליכער באַנקעט פון פרעסערס לאָקאַל 92, צוזאַמען מיט די פרעסערס פון לאָקאַל 68 איז דאָס יאָהר דורכגעפירט געוואָרען אויף אַן אויסערגעוויינליך שיינעם אופן. צווישען די רעדנער ביים באַנקעט זיינען געווען ל. גאַלינסקי, איינער פון די עלטסטע מיטגלידער אין. דער יוניאָן; דזשאָ קעש, טשערמאַן פון לאָקאַל; דזש. ספיוואַק, סעקרעטאַר; נ. קאַהען, פרעזידענט; ברודער מעק גראַו, סעקרעטאַר פון לאָקאַל 68; ס. קרייזמאַן, אַסיסטענט מענעדזשער פון דער מאָנטרעאַלער קלאָוק יוניאָן און ברודער קירדשנער, ביזנעס אַגענט און איינער פון די גרינדער פון דער יוניאָן.

אַלס מענעדזשער פון דער טאָראָנטאָ יוניאָן האָב איך געגעבען אַ קורצען איבערבליק איבער די שוועריגקייטען וואָס מיר האָבען דאָ באַגעגענט און האָבען געמוזט בייקומען און האָב עס פאַרבונדען מיט דעם ערשטען מאַי.

קאַטערס האָבען אַ דינער

דער קאַטערס לאָקאַל 63 האָט דורכגעפירט אַ „סטעג פאַרטי" דעם 28טן אַפריל וואָס איז געווען אַ באַזונדערס פריילעכע אונטערנעמונג. אין דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע זיינען געווען ב. האָוועלאַק, דזש. וועב, באָב סלעי, הערי ברונער און דייוו קרייזמאַן. צווישען די רעדנער זיינען געווען ראָבערט סטעיסי, וויסטשערמאַן פון לאָקאַל און אָב קורי, מיטגליד פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס.

אין דער עקזעמינערס יוניאָן לאָקאַל 82

פון טשאַרלס בערענשטיין
מענעדזשער.

שוין אַ לאַנגע צייט זינט איך האָב געשריבען אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען די טעטיגקייטען אין אונזער לאָקאַל. דאָס איז ניט דערפאַר ווייל דאָרט איז גאָרניט פאָרגעקומען, נאָר פאַרקערט, ווייל איבער די טעטיגקייטען איז קיין צייט נישט געווען.

טאָ לאָזט מיך אייך איבערגעבען כסדר. די וואַלען פאַר בעאַמטע און עקזעקוטיוו מיטגלידער זיינען אָפגעלייגט געוואָרען ביז 1940, נאָכדעם ווי די פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרען ביי צוויי מיטינגען. די מיטינגען זיינען געווען זייער גוט באַזוכט וואָס דאָס באַווייזט, אַז די עקזעמינערס זיינען געוואָרען פאַראינטערעסירט אין דער יוניאָן און זיינען געוואָרען טעטיג. דאָס איז זיכער עטוואָס, וואָס איז ווערט צו באַגריסען.

אונזערע האָפענונגען זיינען לעצטענס פאַרשטאַרקט געוואָרען, אַז אין גיכען וועלען מיר קענען לעזען די פראָבלעמען מיט וועלכע מיר, עקזעמינערס, האָבען זיך געראַנגעלט לאַנגע יאָרען. די פירער פון דער דזשאָינט באָאַרד האָבען זיך ענדליך איבערצייגט, אַז עס איז נויטיג צו העלפען די עקזעמינערס אָרגאַניזירען די וועלכע טוען די עקזעמינער אַרבייט און זיינען ניט אָרגאַניזירט, אונטערגראָבענדיג דערמיט אונזערע באַדינגונגען און אָוועקנעמענדיג אונזער אַרבייט אין די שעפער.

וואָס איך מיין דערמיט, איז די סיסטעם וואָס עס האָט זיך ענטוויקעלט אין די לעצטע פאַר יאָר צו באַשעפטיגען איינגלעך און מיידלעך אויף אַ סעקשאָן סיסטעם צו טאָן די אַרבייט וואָס דער עקזעמינער דאַרף טאָן. איינער מאַרקט די אַרבייט פאַר די אָפערייטאָרס, אַ צווייטער קלינט, אַ דריטער באַגראָדעט, אַ פערטער קערט איבער, און אַזוי ווייטער. אָט די יונגע אַרבייטער וואָס טוהען די אַרבייט פון די עקזעמינערס, אַרבייטען 50 ביז 60 שטונדען אַ וואָך און קריגען פון צען ביז צוואַנציג דאָלאַר שכירות. ווען דער סעזאָן איז פאַריבער, שיקט מען זיי אַוועק. דער בעל הבית האָט צו זיי ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווייל זיי זיינען ניט קיין יוניאָן-לייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס לוינט זיך די בעלי בתים בעסער צו באַשעפטיגען די יונגוואַרג איידער באַשעפטיגען אויף דער אַרבייט רעגעלע עקזעמינער און צאָלען זיי דעם סקעיל פון 41 דאָלאַר אַ וואָך פאַר 35 שטונדען אַרבייט.

ווען דער לעצטער קאָלעקטיווער אַגרימענט אין קלאָוק טרייד איז אונטערגעשריבען געוואָרען איז פאַרשטאַנען געוואָרען אויף אונזער פאַרלאַנג, אַז דער אימפאַרשעל טשערמאַן פון דער אינדוסטרי וועט מאַכען אַן אונטערזוכונג אין דער אינדוסטרי און באַריכטען צו דער דער יוניאָן און צו די אַסאָסיאיישאַנס. עס האָט גענומען אַ גאַנץ לאַנגע צייט ביז די אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרען. איצט דאַרף געהאַלטען ווערען אַ קאָנפערענץ וועגען דעם צווישען אַלע צדדים. דער טשערמאַן פון דער מענעדזשמענט קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָאַרד, ברודער ברעסלאַוו האָט מיר פאַרשפראָכען אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס מעגליך אונז צו העלפען קריגען די אָנערקענונג אין טרייד צו וועלכער מיר זיינען באַרעכטיגט. און זען אַז די יוגענטליכע אַרבייטער וואָס ווערען באַשעפטיגט אויף דער אַרבייט זאָלען יוניאָניזירט ווערען און קריגען פאַר זיי אַ מינימום ווידזש און יוניאָן שטונדען. עס אַרבייטען אין טרייד אַרום טויזענט אַזוינע אַרבייטער. ווען זיי וועלען אָרגאַניזירט ווערען און קריגען יוניאָן באַדינגונגען וועט עס פיל העלפען אָפשוואַכען זייער קאָנקורענץ צו אונזערע מיטגלידער.

איך האָב זיך אויך דורכגערעדט מיט ברודער ברעסלאַוו איבער די עקזאַמינערס וואָס אַרבייטען אין די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער וואָס די יוניאָן זוכט צו אָרגאַניזירען. דאָרט ווערען באַשעפטיגט אַ גרויסע צאָל עקזעמינערס וואָס באַלאַנגען ניט צו דער יוניאָן. ווען זיי זאָלען אָרגאַניזירט ווערען וואָלט עס געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער יוניאָן אין איר דרייוו. ברודער ברעסלאַוו האָט אַרויסגעוויזען גרויס אינטערעס אין דעם און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצולאָזען אַ רוף צו די עקזעמינערס פון די פירמעס אַז זיי זאָלען זיך אַנשליסען אָן דער יוניאָן און אויב נויטיג אַרונטערנעמען זיי אין סטרייק.

מיר האָפען, אַז מיט דער הילף פון דער דזשאָינט באָאַרד פירערשאַפט זאָל אונז געלינגען צו לעזען אָט די צוויי וויכטיגסטע פראָבלעמען פאַר אונזערע אַרבייטער, די אָרגאַניזירונג פון די יוגענטליכע אַרבייטער אין די קלאָוק שעפער און די עקזעמינערס פון די טשעין סטאָרס און מעיל אָרדער הייזער. דאָס וואָלט פאַרווירקליכט אונזערע שטרעבונגען פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָר צו האָבען די עקזעמינינג טרייד פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט און אונזערע אַרבייטער זאָלען קענען מאַכען אַן אָנשטענדיג לעבען אין טרייד.

איצט אַ פאָר ווערטער וועגען דעם לעצטען ספרינג סעזאָן.

די עקזעמינערס ווייסען, אַז אין ספרינג סעזאָן האָבען זיי קיין מאָל ניט צו פיל אַרבייט. דאָס יאָר איז אָבער דער סעזאָן געווען נאָך ערגער ווי געוויינליך. ערשטענס, דערפאַר וואָס מען האָט ניט געמאַכט קיין געטרימטע גאַרמענטס מיט פאָר, און צווייטענס האָבען אַ סך עקזעמינער פאַרלאָרען די אַרבייט דורך דעם וואָס זייערע שעפער האָבען זיך צוגעמאַכט. מיר האָבען דעריבער געהאַט דאָס יאָר אַן אויסערגעוויינליכע שווערע פראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען אונזערע מיטגלידער. אונזער יוניאָן האָט אָבער זייער ענערגיש געאַרבייט צו געפינען פלעצער פאַר אונזערע אַרבייטסלאָזע, און מיט גרויסער אָנשטרענגונג איז עס אונז אויך געלונגען. מיר האָבען געקראָגען פלעצער פאַר כמעט אַלע אונזערע אַרבייטסלאָזע. מאַנכע אויף טעמפאָרערי דזשאָבס און די מערסטע אויף באַשטענדיגע פלעצער.

מיט דער איבערגעבענהייט פון אונזערע מיטגלידער צו דער יוניאָן און מיט דער הילף און קאָאָפעראַציע פון דער דזשאָינט באָאַרד פירערשאַפט האָפען מיר צו קענען לעזען אויך די אַנדערע פראָבלעמען פון אונזער טרייד.

אין דער וויניפּעגער קלאָוקמאַכער יוניאָן

פון ס. הערבסט.
מענעדזשער פון לאָקאַל 216

עס האָט זיך שוין פאַרענדיגט דער פרילינג־סעזאָן. ער איז געווען ניט קיין שלעכטער, אָבער ער איז געווען אַ שוואַכערער ווי לעצטען יאָר. דער סעזאָן איז געווען קירצער מיט דריי וואָכען אין פאַרגלייך מיט די ספּרינג־סעזאָנען פון די פריערדיגע יאָרען. די אומרואיגע צייט בכלל, און דער נידעריגער פרייז אויף ווייץ און אויף אַלע אַגריקולטורעלע פּראָדוקטען אין וועסטערן קענעדע האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט צום שלעכטען אויף דער קלאָוק אינדוסטריע, ווי אויף אַלע אַנדערע אינדוסטריען אין וויניפּעג און אין וועסטערן קענעדע בכלל.

היינטיגען יוני מאָנאַט דאַרף באַנייט ווערען דער אַגרימענט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן מיט די באַלעבאַטים. ווען דער אַרטיקעל ווערט געשריבען גרייט צו אונזער יוניאָן לאָקאַל די באַדינגונגען פאַר אַ נייעם אַגרימענט. די אויסזיכטען זיינען, אַז דער נייער אַגרימענט אין פאַרבינדונג מיט „סקיילס און ווידזשעס" זאָל דערגרייכט ווערען אויף אַ פרידליכען אופן, וואָס זאָל זיין צופרידענשטעלענדיג פאַר ביידע צדדים — פאַר דער יוניאָן און פאַר די באַלעבאַטים.

עס איז פיל גערעדט געוואָרען וועגען דער פּראַגע פון אָווערטיים אין דער קלאָוק מאַנופאַקטשורינג אינדוסטריע אין וויניפּעג. די הויפּט אורזאַך פאַר'ן אָווערטיים אינ'ם קלאָוק־טרייד דאָ אין שטאָדט איז, וואָס אין דער סאַמע „ביזי" פונם סעזאָן ווערט דאָ אַ מאַנגעל אין „מעקעניקס", און אַזוי ווי די באַלעבאַטים איילען זיך שטענדיג אַרויסצושיקען זייערע אָרדערס אין דער געהעריגער צייט, לויט זייערע פאַרשפּרעכונגען צו די סטאָרקיפּערס, מוז די אַרבייט אונטערגעאיילט ווערען, און דאָס פאַרורזאַכט די פאָדערונג פאַר אָווערטיים.

כדי אויסצומיידען, לויט אונזער מיינונג, דעם ניטנויטיגען „ספּיד־אַפּ" אין דער אינדוסטריע, וועלען מיר זיך באַמיען אריינצושטעלען אַ פּונקט אין אונזער נייעם אַגרימענט, אַז אָווערטיים זאָל אין דער צוקונפט אינגאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען. מיר גלויבען, אַז עס זיינען פאַראַן וועגען און מיטלען, אַז די אַרבייט זאָל פאַרענדיגט ווערען יעדען סעזאָן אין דער געהעריגער צייט וואָס זאָל זיין צופרידענשטעלענדיג פאַר דער אינדוסטריע, און אַז מען זאָל זיך קענען באַגיין צו אַרבייטען רעגעלמעסיגע שטונדען — אָן דער נויטווענדיגקייט פון אָווערטיים.

מיר האָבען שוין געהערט אַ סך מאָל טענות פון די קלאָוק מאַנופאַקטשורער אין איסטערן קאַנאַדע (פון מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ), אַז די קלאָוק מאַנופאַקטשורינג אינדוסטריע אין וויניפּעג איז געוואָרען פאַר זיי אַ צו שאַרפער קאָנקורענט אויפ'ן וועסטערן קאַנאַדער מאַרקעט. די טענה פון די איסטערן מאַנופאַקטשורערס איז, אַז וויניפּעג פּראָדוצירט קלאָוקס פאַר אַ ביליגערען פּרייז ווי זיי, דאָרטען אין דער איסט, קענען באַוויזען צו פּראָדוצירען. די אורזאַך, וואָס זיי גיבען אָן, איז אַז די וויניפּעגער קלאָוק מאַכער אַרבייטען פאַר אַ נידעריגערען לוין אין פאַרגלייך מיט דעם לוין וואָס די קלאָוקמאַכער באַקומען אין מאָנטרעאַל און אין טאָראָנטאָ.

מיר קענען איצט באַהויפּטען, אַז די קלאַגעס און טענות פון די איסטערן קאַנאַדער קלאָוק מאַנופאַקטשורערס האָבען קיין שום גרונד ניט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין ניט ריכטיג. איך בין צופרידען צו מעלדען, אַז נאָכדעם ווי אונזער פּרעזידענט דייוויד דובינסקי האָט געמאַכט אַן אויספאָרשונג אין דער „סקייל" פון ווידזשעס אין אַלע דריי קלאָוק־מאַנופאַקטשורינג מאַרקעטס אין קאַנאַדע — מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג — האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז וויניפּעג פּראָדוצירט ניט ביליגער קיין גאַרמענטס ווי די איסטערן מאַנופאַקטשורערס. די גאַנצע קלאָוק אינדוסטריע אין וויניפּעג איז פולשטענדיג יוניאָניזירט. אפילו די קלענסטע אייגענטימער פון סטאָרס אין וויניפּעג, וואָס מאַנופאַקטשורען קלאָוקס פאַר קאַסטאָמערס — באַלעבאַטים, וואָס באַשעפטיגען עטליכע געציילטע קלאָוקמאַכער — צאָלען אויך דעם יוניאָן־פּרייז פאַר אַרבייט.

* * *

אונזער לאָקאַל, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז נאָך קיין פיר יאָר ניט אַלט, איז איינער פון די פיינסטע יוניאָן לאָקאַלס. די קלאָוקמאַכער באַשטייען פון אַ יונגען עלעמענט און זיי זיינען זייער געטרייע און טיכטיגע יוניאָן־מענשען. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז מיר זיינען אַ מוסטער יוניאָן־לאָקאַל פאַר אַלע אַנדערע יוניאָנס דאָ אין שטאָדט. די קלאָוקמאַכער פילען די וויכטיגקייט פון זייער אינטערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. זיי פילען וואָס די יוניאָן מיינט פאַר זיי און זיי פילען אויס זייערע פליכטען צו זייער יוניאָן אויף אַלע געביטען, סיי בנוגע די דירעקטע אינטערעסען פון דער יוניאָן, ווי אויך אויף אַלע אַנדערע געביטען. די קלאָוקמאַכער אינטערעסירען זיך מיט אַלגעמיינער בילדונג, ווי אויך אויפ'ן געביט פון ספּאָרט, בייזבאָל, פוטבאָל א. א. וו.

* * *

איידער איך פאַרענדיג מיין באַריכט, וויל איך דאָ פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטען פאַקט וועגען די וויניפּעגער דרעסמאַכער, וואָס זיינען דאָ אַרום צוויי הונדערט אין צאָל.

שוין אַ לענגערע צייט, אַז מען באַמיט זיך צו אָרגאַניזירען די וויניפּעגער דרעסמאַכער אין אַ יוניאָן. עס איז פאַרשטענדליך, אַז ניט די דרעס־מאַכער שטייען אין וועג צו אָרגאַניזירען זיי אין אַ יוניאָן, נאָר די באַלעבאַטים. די באַלעבאַטים פון דער היגער דרעס מאַנופאַקטשורינג אינדוסטריע האַלטען אין איין טענה'ן (פאַרשטייט זיך), אַז ניט זיי, נאָר די דרעסמאַכער ווילען ניט קיין יוניאָן.

לעצטענס האָט די פּראָווינציעלע רעגירונג פון מאַניטאָבאַ אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט די דרעס מאַנופאַקטשורערס. ביי דער דאָזיגער קאָנפערענץ בין איך געווען אַנוועזענד אַלס איינער פון דעם צד פון די דרעס־מאַכער. נאָכדעם ווי די פאַרשטייער פון דער רעגירונג האָבען אויסגעהערט די טענה פון די באַלעבאַטים, אַז די דרעסמאַכער זיינען געגען אַ יוניאָן, האָבען די פאַרשטייער פון דער רעגירונג פאָרגעשלאָגען, אַז כדי אויסצוגעפינען די שטימונגען פון די דרעסמאַכער צי זיינען זיי פאַר אָדער געגען אַ יוניאָן, זאָל געמאַכט ווערען צווישען די דרעסמאַכער אַ געהיימע אָפּשטימונג און אויף דעם אופן וועט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט ווערען אויב די דרעסמאַכער אין וויניפּעג זיינען פאַר אָדער געגען אַ יוניאָן אין זייער טרייד.

די אָפּשטימונג ווערט דערוואַרטעט דורכגעפירט צו ווערען די טעג, אַרום מיטען מאַי (ווען דער באַריכט ווערט געשריבען).

דאָס איז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער פּראָווינץ מאַניטאָבאַ וואָס אַ רעגירונג וועט נעמען אַן אָפּשטימונג פון דרעסמאַכער אין וויניפּעג, אויב זיי ווילען יאָ אָדער ניט אָרגאַניזירט ווערען אין אַ יוניאָן.

פון דער רעדאַקציע: ווען מיר גייען צום דרוק האָבען מיר דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון ברודער הערבסט, אַז די גרעסטע קאָטען דרעס פירמע, וועלכע באַשעפטיגט 80 אַרבייטער, האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן. די אַרבייטער האָבען געוואונען קלאָוזד שאָפּ, איינס און אַ פערטעל געצאָלט פאַר אָווערטיים, איינגעשלאָסען אויך שטיק־אַרבייטער, און אַ מינימום ווידזשעס. מען ערוואַרט איצט, אַז אויך די איבעריגע פירמעס וועלען סעטלען.

באָסטאָנער דזשאָינט באָארד פירט דורך איינדרוקספולע מאַי־פייערונג

פון וואָלף וויינער
סעקרעטאַר

הונדערטער מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל אין באָסטאָן זיינען מאָנטאָג, דעם 1טען מאַי, זיך צוזאַמענגעקומען אויפ'ן רוף פון דער דזשאָינט באָארד אין די העדקוואָדערס פון דער יוניאָן צו פייערען דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער יום־טוב, 1טען מאַי.

דער גרויסער אוידיטאָריום איז געווען יום־טובדיג אויסגעפּוצט מיט קאָלירפולע פלאַקאַטען רופענדיג די אַרבייטער צו קעמפען געגען עקספּלואַטאַציע, פאַר אַ פאַראייניגטער אַרבייטער באַוועגונג און ענליכע לאָזונגען.

ברודער דזשייקאָב איימס, טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד, האָט פאַרגעשטעלט וויס־פּרעזידענט ראָוז פּעסאָטאַ אַלס פאָרזיצערין פון דעם מיטינג.

זי האָט פאַרגעשטעלט אייניגע רעדנער, וועלכע האָבען גערעדט וועגען דער באַדייטונג פון דעם 1טען מאַי אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער יום־טוב, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין אַמעריקע אַלס רעזולטאַט פון דעם קאַמף פאַר אַ קירצערען אַרבייטס־טאָג און פאַר דער איינציגקייט פון אַלע אַרבייטער פון דער וועלט אָן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר אָדער גלויבען.

אַל. דעסער, אָרגאַנייזער פון די מילינערי אַרבייטער פון באָסטאָן, האָט באַגריסט די באָסטאָנער גאַרמענט אַרבייטער און האָט גערופען די אַרבייטער אויסצואיבען אַ מאַסען־דרוק אויף די געזעצגעבער פון מאַסאַטשוזעטס זיי זאָלען אָננעמען דעם סטייט ווידזשעס און שטונדען געזעץ און אַנדערע געזעצען צו גונסטען די אַרבייטער.

ברודער פריינק קראָסוועיט איז געווען דער הויפּט־רעדנער. ער האָט זייער שאַרף פאַרדאַמט דעם פּאַרזוך פון דעם רעאַקציאָנערען סענאַטאָר בילבאָ פון מיסיסיפּי דורכצופירען אַ געזעץ אין קאָנגרעס אַרויסצושיקען אַלע נעגער פון אַמעריקע קיין אַפריקע דערפאַר ווייל „זיי קענען ניט אַסימילירען די אַמעריקאַנער קולטור". ברודער קראָסוועיט האָט אָנגעוויזען, אַז די אַרבייט פון די שוואַרצע פאַר 245 יאָר אָן געצאָלט האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אַמעריקאַנער קולטור און פּראָגרעס מיט וועלכער מיר שטאָלצירען אַזוי.

קראָסוועיט האָט דערמאָנט דעם העלד פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, קריספּוס אַטוקס, וועלכער האָט דער ערשטער פאַרגאָסען זיין בלוט פאַר אַמעריקאַנער פרייהייט אין דער היסטאָרישער „באָסטאָן טי־פּאַרטי", וועלכער איז געווען אַ נעגער, אַ קליידער־אַרבייטער. „עס וואָלט שוין צייט געווען", האָט קראָסוועיט געזאָגט, „אַז דער אַרבייטער קלאַס זאָל אָנהויבען עהרען דעם אָנדענק פון זיינע אייגענע העלדען און מאַרטירער".

ברודער קראָסוועיט האָט באַגריסט דעם פאַקט, וואָס נעגערישע אַרבייטער האָבען אָנגעהויבען זיך אָנצושליסען אין די רייען פון דער יוניאָן, און ער האָט גערופען די אַרבייטער צו אָרגאַניזירען די מאַכט פון דעם אַרבייטער־קלאַס פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ וועלט אָן שקלאַפען און אָן עקספּלואַטאַציע.

די פאַרזאַמעלטע האָבען לאַנג און שטורמדיג אַפּלאָדירט די רייד פון ברודער קראָסוועיט.

ברודער פיליפּ קרעמער, דער מענעדזשער פון דער באָסטאָנער דזשאָינט באָארד, וועלכער איז געווען דער לעצטער רעדנער, האָט גערעדט וועגען דעם דערפאָלגרייכען אָרגאַניזאַציאָנס־דרייוו אין דער דרעס־אינדוסטריע, וועלכער האָט אָוועקגעשטעלט באָסטאָן אַלס אַ כמעט הונדערט פּראָצענטיגע יוניאָן־שטאָדט.

אויף ברודער קרעמער'ס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס צו שיקען אַ טעלעגראַמע צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס, פאָדערענדיג די צוריקוויזונג פון דעם שענדליכען ביל פון דעם רעאַקציאָנערען סענאַטאָר בילבאָ צו דעפּאָרטירען אַלע נעגערס נאָך אַפריקע.

חוץ דעם איז דורכגעפירט געוואָרען אַ פיינער קאָנצערט און מוזיקאַלישע פּראָגראַם, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט דער כאָר און דער אָרקעסטער פון דער יוניאָן; פראַנסיס טשיפּעלאַ, דער יונגער זון פון אַ מיטגליד פון דעם ניט־גודס לאָקאַל פון באָסטאָן, האָט דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון אַרטיסטישע טעפּ־דענסינג; די סאָפּראַנאָ וויוויען באַיערס, נעגער־מיטגליד פון דער יוניאָן, האָט געזונגען לידער און „ספּיריטשועלס"; און קעטהערין ראָזען, די טאָכטער פון ברודער א. ראָזען פון לאָקאַל 56, האָט געשפּילט אייניגע פּיאַנאָ־סאָלאָס.

אַלע מוזיקאַלישע נומערען זיינען ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען פון די פאַרזאַמעלטע.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיטשורס ביי דער פייערונג איז געווען אַ רעדע פון וויס־פּרעזידענט לואידזשי אַנטאָניני, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף אַ רעקאָרד. דאָס איז געווען די רעדע, וועלכע ברודער אַנטאָניני האָט געהאַלטען אויף דער ראַדיאָ־סטיישאָן „דאַבליו־אי־ווי־די" אין ניו יאָרק שבת, דעם 29טען אַפּריל. ברודער אַנטאָניני האָט גערעדט אין איטאַליעניש. די פאַרזאַמעלטע האָבען באַשלאָסען צו שיקען אַ דאַנק צו ברודער אַנטאָניני פאַר זיין באַגייסטערטער רעדע.

אין דער יוניאָן אין לאָס אַנדזשעלעס

פון ה. רובינשטיין

יאָרען לאַנג גייט אָן דער אייביגער דיס־פּוט צווישען דער יוניאָן און די בעלי בתים איבער דער פראַגע: אויב אַרונטערלאָזען פון די אַרבייטס־פּרייזען ברענגט מער אַרבייט. די בעלי בתים זאָגען יאָ, די יוניאָן טענה'ט אַז עס ברענגט ניט מער אַרבייט. דאָס יאָר האָט אונזער יוניאָן באַשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע. דער רעזולטאַט איז, אַז מיר און אַנדערע קענען זיך איצט איבערצייגען אַז די יוניאָן איז גערעכט.

ביז דעם יאָר האָט אונזער יוניאַן קיין מאָל ניט ערלויבט קיין רעדוקציעס אויף פּרייזען אין דער סלעק צייט און די בעלי בתים האָבען געהאַלטען אין איין טענה'ן אַז ווען מיר וואָלטען איינגעגאַנגען אויף נידעריגערע פּרייזען וואָלטען זיי געקראָגען אָרדערס און אונזערע מיטגלידער וואָלטען געהאַט מער אַרבייט. דאָס יאָר האָבען מיר באַשלאָסען עס צו פּרובירען. דער סעזאָן איז געווען אַ שווערער און מיר האָבען גערעכענט אַז אפשר וועט אַ רעדוקציע פאַר די מאָנאַטען אַפּריל און מאַי געבען אונזערע אַרבייטער אַ מעגליכקייט צו אַרבייטען נאָך עטליכע וואָכען. מיר האָבען עס דעריבער ערלויבט.

נו, איז שוין איצט דער 15טער מאַי, און דער רעזולטאַט איז אַז מער אַרבייט איז סיי ווי ניט געווען. מיר האָבען נאָך איצט ניט קיין גענויע ציפערען וועגען דעם. מיר האָבען נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכען אַן אויספירלאַכען פאַרגלייך צווישען די וואָכען היינטיגס יאָר מיט דער אַרבייט אין די זעלבע וואָכען לעצטעס יאָר. אָבער פון אויבערפלעכליכע באַאָבאַכטונגען ווייזט עס אויס אַז עס איז נישטאָ פיל מער אַרבייט. אויב דאָ און דאָרט איז דאָ אַ שאַפּ וואָס האָט נאָך אַביסעל אַרבייט, זיינען אַזוינע איינצעלנע שעפּער אַלעמאָל געווען.

די בעלי בתים וועלען אוודאי געפינען תירוצים. זיי וועלען זאָגען אַז די יוניאָן איז איינגעגאַנגען אויף דער רעדוקציע צו שפּעט אָדער זיי וועלען וואַרפען די שולד אויף דער אַלגעמיינער שלעכטער לאַגע אין לאַנד. דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז די רעדוצירטע פּרייזען האָבען ניט אָפּגעשאַפט די סלעק.

טראָץ דעם וואָס אונזערע מיטגלידער זיינען ניט געהאָלפען געוואָרען דורך אונזער איינגיין אויף קלענערע פּרייזען, גלויבען מיר אָבער אַז דער עקספּערימענט האָט זיך געלוינט, ווייל וואָלטען מיר ניט נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון די בעלי בתים, וואָלט מען אונז ווידער באַשולדיגט אַז איבער אונזער איינגעשפּאַרטקייט האָבען די קלאָוקמאַכער ניט קיין אַרבייט און אַז די יוניאָן שטערט די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע דאָ אין שטאָט.

צום קרעדיט פון אונזערע מיטגלידער זאָל דאָ געזאָגט ווערען, אַז זיי האָבען אויפגענומען דעם באַשלוס פון דער יוניאָן ווי אָרגאַניזאַציאָנס מענשען. איידער מיר האָבען באַשלאָסען וועגען דעם איז עס אינטעליגענט דיסקוטירט געוואָרען פון די מיטגלידער, אפילו די געגנער פון דעם פּלאַן האָבען מאָטיווירט זייער געגנערשאַפט ניט אויף פּרינציפּיעלען גרונט נאָר אויס דעם מאָטיוו אַז דאָס וועט מער אַרבייט ניט ברייגען.

מאַנכע בעלי בתים ווידער האָבען זיך געוואָלט באַנוצען מיט דעם באַשלוס צו שניידען שכירות פון וואָכען־אַרבייטער, וואָס מיר האָבען ניט ערלויבט. איין בעל הבית איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען איין אַרבייטער האָט פאַרדינט אַזוי ווייניג ווי אַ דאָלאַר מיט פינף און אַכציג סענט די וואָך, האָט ער אים אַרונטערגענומען די 19 סענט פון דער פּעי. די יוניאָן, פאַרשטייט זיך, איז יעדעס מאָל געווען אויפ'ן פּלאַץ און האָט אַזוינע זאַכען ניט דערלאָזט. מיר האָבען זיי אָנגעוויזען, אַז מיר האָבען צוגעשטימט צו דער רעדוקציע בלויז אום די אַרבייטער זאָלען האָבען מער אַרבייט. ניט פיל בעלי בתים זיינען געווען אַזוי קליינליך. אָבער דאָרט וואו זיי האָבען עס פּרובירט האָבען מיר אויפגעמאַכט בעק־פּעי.

❖

דער סיזאָן האָט זיך ביי אונדז געענדיגט ניט זייער גוט. איינער פון אונזערע גרויסע שעפּער, די „האַלימאַד קלאָוק קאָ.", איז איצט אין רעסיווערס הענט, און אין איצטיגען מאָמענט איז נאָך ניט זיכער צי דער שאַפּ וועט זיך צוריק עפענען. און גראַד איז עס אַ שאַפּ וואָס האָט דאַכט זיך געהאַט ניט קיין שלעכטען סיזאָן, און וואו די אַרבייטער האָבען ניט געמאַכט קיין זייער גרויסע ווייד־זשעס.

אין אַ צווייטען שאַפּ האָבען זיך די פּאַרטנערס צוטיילט און דער וואָס איז געבליבען ביים שאַפּ וועט באַשעפטיגען בלויז האַלב פון דער צאָל אַרבייטער, און ביז דער צווייטער פּאַרטנער וועט עפענען אַ נייעם שאַפּ, וועלען אייניגע באַלמאַלאָכעס מסתמא אַרויספאַלען פון זייערע דזשאָבס, כאָטש דער יוניאָן אָפיס פּרובירט דאָס ניט דערלאָזען.

נאָך אַ פּאָר קלענערע שעפּער האָבען זיך אויך צוגעמאַכט. אויך איינער פון די באַדייטענדע דרעס שעפּער האָט ענדע סיזאָן צוגעמאַכט די טירען. פאַרשטייט זיך, די אַלע זאַכען העלפען ניט פיל אין איצטיגען אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין צווישען די דרעס מאַכער. דאָך גייען מיר אָן מיט דער אַרבייט. מיר האָבען זיך אפילו ניט דערשראָקען פאַר די רעדזשיסטרירטע בריוו פון די דרעס מאַנופעקטשורערס, וואו זיי שרייבען אונז אַז די דרעס אַסאָסיאיישאַן איז מער ניט אויטאָריזירט צו פאַרהאַנדלען פאַר זיי מיט דער יוניאָן. דאָס האָט בלויז געמאַכט מיר זאָלען זיך אַריינוואַרפען אין דער אַרבייט מיט מער ענערגיע און אַנהויבען צוגרייטען אונזערע דרעס מאַכער, אויב נויטיג, צום קאַמף.

❖

אונזער ערשטע מאַי פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. דער גרויסער עמבעסי אָדיטאָריום, אַ זאַל וואָס נעמט אַריין 2000 פּערזאָן, איז געווען איבערגעפּאַקט, און עטליכע הונדערט מענשען האָבען געמוזט גיין צוריק.

די פאַרזאַמעלטע זיינען אַדרעסירט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט י. פיינבערג און פון ברודער לוצקי, וועלכער איז געווען טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג. ביידע רעדנער האָבען אין זייערע רעדעס ניט נאָר גערעדט וועגען ערשטען מאַי, נאָר אויך וועגען דעם ערוואַרטעטען קאַמף אין דער דרעס אינדוסטריע.

די פאַרזאַמלונג האָט איבערגעלאָזט זייער אַ שטאַרקען איינדרוק. עס איז געווען אַ שיינע ערשטע מאַי פאַרזאַמלונג, און די אַנוועזענדע וועלען עס לאַנג געדענקען.

יוניאָן־בעאַמטע אין באַלטימאָר אינסטאַלירט פון וויס־פּרעז. נאַגלער

פון א. ד. גלושאַקאָוו

סעקרעטאַר באַלטימאָר דזשאָינט באָארד א. ל. ג. וו. י.

באַלטימאָרער דזשאָינט באָארד איז צוזאַמענגעשטעלט פון 9 לאָקאַל יוניאָנס — 6 לאָקאַלען אין באַלטימאָר גופא און 3 לאָקאַלס אין יאָרק, העריסבורג און טשיימבערסבורג, אַלע אין פּענסילווייניע סטייט.

די אינסטאַלירונג פון די ניי ערוויילטע באַאַמטע איז ביי אונז געווען אַ דרייפאַכער יום־טוב. ערשטענס, איז אין באַלטימאָר דער קלאָוק־מאַרקעט הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט, אַ דאַנק דער אינטערנעשאַנעל און פּרעזידענט דוד דובינסקי, וועלכע האָבען געהאָלפען אָרגאַניזירען באַלטימאָרער גרויסע „בערעך", וואָס האָבען פאַר די לעצטע 17 יאָר געהאַט „אָפענע טירען" אין זייערע שעפּער, וואו אַרבייטער פלעגען „אָנגעשטעלט" ווערען, בעסער געזאָגט געקליבען ווערען, און פלעגען אַרויסגעוואָרפען ווערען פון די שעפּער פאַר דער קלענסטער פּגימה...

צווייטענס — אינסטאַלירען 170 באַאַמטע, פון עקזעקוטיוועס און דזשאָינט באָארדס, פון 9 לאָקאַלען, דאָס אַליין איז דאָך אַ גרויסער יום־טוב. די איינשווערונג פון אַן אַרמיי „אָפיצערען", וועלכע וועלען דאַרפען פירען און אויפפאַסען אויף אונזער יוניאָן דאָ, איז ניט קיין קליינינקייט.

דריטענס — האָט עס פּאַסירט דעם 1טען מאַי, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַן אַרבעטער יום־טוב.

❖

ווי שוין געזאָגט, איז דער באַלטימאָרער קלאָוק־מאַרקעט הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט. אָבער אַנהאַלטען די יוניאָן־קאָנדיציעס אין די שעפּער; האַלטען די באַלעבאַטים, וועלכע האָבען זיך יאָרען לאַנג געפילט ווי די „פרייע פויגעלאַך", פאַראַנטוואָרטליך אויסצופאָלגען די אונטערגעשריבענע אַגרימענטס, — איז ניט קיין גרינגע זאַך. און נאָך שווערער איז די אַרבייט פון דערהויבען די מאָראַל פון די נייע רעקרוטען אין דער יוניאָן, אויפצופאַסען אַז זיי אַליין זאָלען ניט אָוועקגעבען זייערע געוואונענע פּאָזיציעס, ליער פאַרדינטען שטיקעל ברויט צו די איינגעצוימטע באַלעבאַטים.

אַט די אַרבייט איז געפאַלען אויף די פּלייצעס פון וויס־פּרעזידענט טשאַרלס קריינדלער, וועלכער סופּערוויזט אויף דער באַלטימאָרער דזשאָינט באָארד. זיין ערפאַרונג און טאַקט האָט אונז זייער פיל געהאָלפען. כאָטש ברודער קריינדלער איז אַ ניו יאָרקער, איז ער אָבער ביי אונז פאַררעכענט אַלס אַ באַלטימאָרער, ווייל ווי עס איז נאָר פאַראַן אַן עת־צרה רופען מיר ברודער קריינדלער און ער איז אימער גרייט אונז צו העלפען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער דאַנק קומט דער אינטערנעשאַנעל מיט פּרעזידענט דובינסקי, וועלכע זיינען גרייט אונז צו „אַנטלייען" דעם געהעריגען מענשען־מאַטעריאַל אין וועלכען מיר נויטיגען זיך.

❖

אונזער ווידער־ערוויילטער מענעדזשער פון באַלטימאָרער דזשאָינט באָארד איז ברודער סעמיועל קאַפּלאַן. זיין ווידערערוויילונג איז געווען אַן איינשטימיגע פון אַלע 9 לאָקאַלען.

ברודער קאַפּלאַן איז פאַר זיין איבערגעבענהייט און געדולדיגער אויפמערקזאַמקייט צו אַלע מעמבערס פּרעזענטירט געוואָרען ביים שיינעם באַנקעט לכבוד דער אינסטאַלירונג מיט אַ ווערטפולען ווריסט־וואַטש, מיט די בעסטע וואונשען פון די הונדערטער מעמבערס ביים באַנקעט, ער זאָל עס נוצען געזונטערהייט.

די אינסטאַלירונג איז פאָרגעקומען אין גרויסען „מוז" האָל. דער מאַס־מיטינג איז געווען איינער פון די שענסטע, מיט אַן אָרקעסטער וועלכער האָט געשפּילט פּאַסיגע מוזיק מיט געזאַנג און טענץ פון אונזערע דראַמאַטישע און געזאַנג־סעקציעס אַנגעפירט פון אונזער עדיוקיישאַנאַל דירעקטאָר מיס איידאַ סלעדזש. דער עולם האָט האַרציג געלאַכט און הילכיג אַפּלאָדירט די אַנטיילנעמער אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם.

די גרעסטע און וויכטיגסטע אַטרעקשאַן אונזערע איז געווען וויס־פּרעזידענט איזידאָר נאַגלער, וועלכער איז ספּעציעל געקומען אינסטאַלירען די באַאַמטע פון אונזערע לאָקאַלען. וויס־פּרעזידענט נאַגלער.ס רעדע איז אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג.

דער טשערמאַן פון דער דזשאָינט באָארד, ברודער סעם איינהאָרן, האָט פאָרגעשטעלט אַלס דעם פאָרזיצער פון דעם מאַס־מיטינג, וויס. פּרעז. קריינדלער, וועלכער האָט איבערגעגעבען די היסטאָריע פון באַלטימאָרער יוניאָן, און האָט באַטאָנט, אַז די אינטערנעשאַנאַל האָט נאָך אַ גרויסען דזשאָב אויף די הענד צו אָרגאַניזירען אין באַלטימאָר די טויזענטע אַרבייטער אין קאָטאָן גאַרמענט אינדוסטריע. פאַר דעם צוועק האָט פּרעז. דובינסקי געשיקט אַהער ברודער י. זימערמאַן צו אָרגאַניזירען די קאָטען גאַרמענט אַרבייטער.

עס האָבען גערעדט ביים מאַס־מיטינג די אינטערנעשאַנאַל אָרגאַנייזערין, וואָס געפינט זיך פאַר די לעצטע עטליכע יאָר אין באַלטימאָר, שוועסטער אַנדזשעלאַ באַמבאַטשי. עס האָט גערעדט י. זימערמאַן און עדיוקיישאַנאַל דירעקטאָר איידאַ סלעדזש.

דעם זעלבען אָוונד איז געווען אַ גרויסאַרטיגער באַנקעט אין „פּענטהאַוז" קלוב, וואו מיר האָבען געהאַט דעם כבוד צו האָבען אַלס געסט פילע באַאַמטע פון די ניו יאָרקער לאָקאַלען פון דער אינטערנעשאַנאַל, וועלכע זיינען געקומען אין באַלטימאָר אַלס דעלעגאַטען צו דער א. ר. קאָנווענשאַן. דער טאָוסטמייסטער פון באַנקעט איז געווען דער שרייבער פון די שורות. ער האָט פאָרגעשטעלט די וויס־פּרעזידענטען נאַגלער, קריינדלער, מאַקס קאָהען, סאַשאַ זימערמאַן, ב. י. אַשביז, וואַסיליעווסקי פון לאָקאַל 60 און אָראָנסקי פון לאָקאַל 35. עס האָבען גערעדט ביים באַנקעט־מענעדזשער קאַפּלאַן, וועלכער האָט באַדאַנקט פאַר דער מתנה וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען און וויס־פּרעז. איזידאָר נאַגלער, אונזער הויפּט־גאַסט פון באַלטימאָרער דרייפאַכיגען יום־טוב.

קאָנפערענץ פון ארבייטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס באַשליסט צו העלפען דעם „אָרט״־קאַמפּיין

די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען פון ניו יאָרק האָבען, דורך זייערע פירער און פאָרשטייער, אויסגעדריקט זייער פעסטע אַנטשלאָסענקייט און גרייטקייט צו געבען די גרעסטע אונטערשטיצונג דעם „אָרט״, צו קענען אָנפירען זיין וויכטיגע קאָנסטרוקטיווע הילפס־טעטיגקייט צווישען אונזערע פאַרצווייפעלטע ברידער אין אייראָפּע. זיי האָבען אויך אויסגעדריקט זייער טיפסטען פאַרדרוס איבער דעם, וואָס דער „אָרט״ איז ניט איינגעשלאָסען געוואָרען אין דעם קאַמפּיין פון „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל״, און האָבען באַשלאָסען אויפצופאָדערען די פירער פון „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל״, אַריינצונעמען דעם „אָרט״ אַלס איינע פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָל קריגען אַ טייל פון דעם צוואַנציג מיליאָן דאָלאַר קאַמפּיין, וואָס ווערט איצט אָנגעפירט אין לאַנד.

די דאָזיגע באַשלוסען זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי אַ גרויסער און ענטוזיאַסטישער קאָנפערענץ, וואָס דער ארבייטער און פאָלקס־קאָמיטעט פון „אָרט״ האָט אָפּגעהאַלטען אין סענטער האָטעל, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט איבער 900 דעלעגאַטען, וואָס פאַרטרעטען 292 מאַסען אָרגאַניזאַציעס, ווי טרייד־יוניאָנס, ארבייטער־רינג, נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד, לאַנדסמאַנשאַפטען און אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

אַ צאָל פּראָמינענטע רעדנער, פירער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג און פון אַמעריקאַנער אידענטום בכלל, האָבען, איינער נאָך דעם אַנדערען, געשילדערט די איצטיגע טראַגישע לאַגע פון די אידען אין אייראָפּע. זיי האָבען אָנגעוויזען אויף דער פליכט פון די אידען אין אַמעריקע צו העלפען זייערע ברידער אויף דער אַנדער זייט ים און האָבען אונטערגעשטראָכען, אַז די דאָזיגע הילף דאַרף ניט זיין בלויז קיין „טשאַריטי״־הילף, נאָר דאַרף געטאָן ווערען אויף אַ קאָנסטרוקטיווען אופן, לויט דער מעטאָדע פון „אָרט״, די גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איבערבויט דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבען אויף געזונטע יסודות.

נ. כאַנין, בילדונגס דירעקטאָר פון ארבייטער רינג, האָט געעפענט די קאָנפערענץ, און האָט פאָרגעשטעלט דעם פאָרזיצער פון אָווענט, אַדאָלף העלד, טשערמאַן פון ארבייטער און פאָלקס קאָמיטעט פון „אָרט״.

דר. דוד לוואָוויטש, וויצע־פּרעזידענט פון „אָרט״ וועלט פאַרבאַנד, וועלכער געפינט זיך איצט אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע, האָט געשילדערט די טראַגישע לאַגע פון די אידישע פליכטלינגע, וואָס וואַנדערען איצט אַרום אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, וואָס גרעניצען זיך מיט דייטשלאַנד. „כמעט די אַלע דאָזיגע פליכטלינגע זיינען געוועזענע סוחרים, אַדוואָקאַטען און אַנדערע געשעפטסלייט, וועלכע האָבען נישט קיין שום אויסזיכטען צו מאַכען אַ לעבען אין די נייע לענדער״, האָט דר. לוואָוויטש געזאָגט. „דאָס גרעסטע פּראָבלעם איז איצט צו מאַכען פון די דאָזיגע פליכטלינגע פּראָדוקטיווע מענשען, דורך אויסלערנען זיי אַ פאַך אַזוי, אַז זיי זאָלען קענען ארבייטען און פאַרדינען פאַר זיך אויף אַ לעבען״.

דר. לוואָוויטש האָט אָנגעוויזען אויף דער גרויסער נעץ פון פאַך־שולען, קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און פאַרם־קאָלאָניעס, וואָס דער „אָרט״ האַלט אויס אין פוילען און אין רומעניע, אין ליטע און אין לאַטוויע, אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד און אין שווייץ און בולגאַריע.

עס האָבען גערעדט ביים קאָנפערענץ סידני הילמאַן, פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן; דר. ב. האָפמאַן (צביון), פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַריין; יוסף באַסקין, גענעראַל סעקרעטער פון ארבייטער רינג; איזידאָר נאַגלער, וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל; און אברהם מילער, סעקרעטער־טרעזשורער פון דער ניו יאָרק דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמייטעד. די אַלע רעדנער האָבען אויסגעדריקט זייער שטאַרקען פאַרדרוס איבער דעם וואָס דער „אָרט״ קריגט ניט קיין טייל פון די פאָנדען פון דעם צוואַנציג מיליאָן דאָלאַר קאַמפּיין פון דעם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל״.

דזשאָרדזש בעקער, פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער „אָרט״ פעדעראַציע, וועלכער איז געווען דער לעצטער רעדנער, האָט אין איינדרוקספולע ווערטער געשילדערט די איצטיגע טראַגישע לאַגע פון די אידען אין אייראָפּע. ער האָט אָנגעוויזען אויף דער אומזיכערער לאַגע פון דעם אידישען סוחר און קרעמער, וועלכער ווערט איבערגעמאַכט אַ „לופט־מענש״, און האָט געזאָגט: „סיי די דאָזיגע אידען בלייבען אין זייער אייגען לאַנד, אָדער ווען זיי מוזען אויסוואַנדערען, האָבען זיי נאָר דעמאָלט אַן אויסזיכט צו מאַכען אַ לעבען, ווען זיי האָבען אַ פאַך.

ג. ספּעקטאָר, מענעדזשער פון מילינערי יוניאָן, האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע און האָט צוגעזאָגט די פולסטע אונטערשטיצונג פון דער מילינערי יוניאָן אין דעם קאַמפּיין פון „אָרט״.

ר. צוקערמאַן, מענעדזשער פון לאָקאַל 117 פון דער אינטערנעשאָנעל יוניאָן, האָט, אַלס טשערמאַן פון רעזאָלוציע קאָמיסיע, פאָרגעלייענט די איינגעבראַכטע רעזאָלוציעס. איין רעזאָלוציע דריקט אויס די אָנערקענונג פון דער וויכטיגער קאָנסטרוקטיווער הילף, וואָס דער „אָרט״ גיט די פליכטלינגע און אַנדערע אידען אין אייראָפּע, און פאָדערט אויף די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען צו העלפען אין דעם קאַמפּיין פאַר האַלבען מיליאָן דאָלאַר, וואָס דער „אָרט״ פירט איצט אַן אין ניו יאָרק, אַלס אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלען „אָרט״ קאַמפּיין פאַר $1,250,000.

די צווייטע רעזאָלוציע וועגען דעם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל״ זאָגט, צווישען אַנדערעס: „די גרויסע קאָנפערענץ פון אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען פון ניו יאָרק שטעלט פעסט, אַז עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, אַז די הילפס־קאַמפּיינס פאַר די אידען אין אייראָפּע זאָלען זיין פאַראייניגט. די קאָנפערענץ פאָדערט אויף די פירער פון „אָרט״ אָנצונעמען אַלע נויטיגע שריט צו ווירקען, אַז דער „פאַראייניגטער אידישער אַפּיל״ זאָל אין זיין הילפס־אַקציע אויך איינשליסען דעם „אָרט״. די פאַרזאַמעלטע דריקען אויס זייער טיפסטען פאַרדרוס צוליב דעם, וואָס עס ווערען אָנגעפירט באַזונדערע קאַמפּיינס פון „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל״ און פון „אָרט״. אויב דער פאַראייניגטער אידישער אַפּיל״ וועט זיך אָפּזאָגען אָנצופירען אַ געמיינזאַמען קאַמפּיין מיט׳ן „אָרט״, דאַן זאָלען די פאַרשטעהער פון די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען טאָן אַלעס מעגליכע, כדי צו העלפען דעם „אָרט״ קאַמפּיין״.

ביידע רעזאָלוציעס זיינען איינשטימיג און מיט באַגייסטערונג אָנגענומען געוואָרען פון די דעלעגאַטען. איידער מר. העלד האָט געשלאָסען די קאָנפערענץ, האָט מ. גאָלדאָווסקי, פון לאָקאַל 35 אינטערנעשאָנעל יוניאָן, אַלס טשערמאַן פון דער קרעדענשעל קאָמיטע, באַריכטעט, אַז אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך באַטייליגט 916 דעלעגאַטען, וואָס פאַרטרעטען 63 יוניאָנס, 151 ארבייטער־רינג בראַנטשעס, 15 נאַציאָנאַלע ארבייטער פאַרבאַנד בראַנטשעס און 63 לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס.

אינטערנעשאָנעל איננאָמען האָבען אָנגעטראָפען איבער זעקס מיליאָן דאָלער לעצטען יאָר, באַריכטעט פּרעזידענט דובינסקי

אנהאַלטענדיג איר פּאָליסי פון פאַרעפענטליכען די איינּנאַמען און אויסגאַבען פון אַלע אָנגעשלאָסענע לאָקאַלס און קערפּערשאַפטען, אַזוי גוט ווי די איינּנאַמען און אויסגאַבען פון דעם צענטראַלען אָפיס פון דער יוניאָן, האָט די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנעל ביי איר מיטינג אין אַטלאַנטיק סיטי פאַרעפענטליכט אַ דעטאַלען באַריכט פון די איינּנאַמען און אויסגאַבען פאַר 1938. דער באַריכט דעקט די פינאַנסען פון אַלע 298 לאָקאַל יוניאָנס, 20 דזשאָינט באָארדס, זיבען דעפּאַרטמענטען פון דער אינטערנעשאָנעל אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע, אַזוי גוט ווי דעם גענעראַל אָפיס פון דער יוניאָן.

די אַלגעמיינע איינּנאַמען פון די לאָקאַל יוניאָנס, וויזט דער באַריכט, האָבען דורך דעם יאָר אָנגעטראָפען 6,171,252 דאָלאַר מיט 14 סענט (די סומע שליסט ניט איין דעם איינקונפט וואָס די יוניאָן האָט געהאַט פון „פּינס ענד נידעלס״, די ערפאָלגרייכע רעוויו וואָס ווערט געשפּילט שוין באַלד צוויי יאָר אין לעיבאָר סטעדזש).

דער גענעראַל אָפיס האָט פון דער סומע געקראָגען פון די לאָקאַל יוניאָנס 1,984,584 דאָלאַר מיט 17 סענט אַלס פּער קאַפּיטאַ טעקס און פאַר די ספּעציעלע פאָנדען. פאַר די לאָקאַלס און דזשאָינט באָארדס, אַן וועלכע זיי זיינען אָנגעשלאָסען, איז געבליבען אַ ריינע איינּנאַמע פון 4,186,667 דאָלאַר מיט 97 סענט פון די וועכענטליכע דיוס פון די מיטגלידער און פון די צאָלונגען פאַר׳ן קראַנקען און טויטען בענעפיט, אַסעסמענטס צו העלפען ארבייטסלאָזע און אינטריט געלט פון נייע מיטגלידער.

די אויסגאַבען פון גענעראַל אָפיס און אַלע אירע אָנגעשלאָסענע לאָקאַלס און אָפּטיילונגען דורך 1938 האָט אָנגעטראָפען די סומע פון 5,148,591 דאָלאַר מיט 80 סענט. דאָס האָט געלאָזען אַן איבערפלוס פון איינּנאַמען איבער די אויסגאַבען 1,022,660.34 דאָלאַר.

פאָנאַנדערגלידערנדיג די אויסגאַבען וויזט דער באַריכט אָן, אַז אויף דער פאַרוואַלטונג פון גענעראַל אָפיס פון דער אינטערנעשאָנעל און פון די לאָקאַלס איז אויסגעגעבען געוואָרען די סומע פון 1,578,115 דאָלאַר מיט 75 סענט, וועלכעס שליסט איין די שכירות פון אַלע אָפיס אָנגעשטעלטע, ווי בוכהאַלטער, סטענאָגראַפערס און קלוירקס אין די 266 אָפיסעס וואָס די יוניאָן האָט אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע, וואָס האָט אָנגעטראָפען דאָס יאָר 697,390.58 דאָלאַר.

אויף אָרגאַניזאַציאָנס אויסגאַבען, וואָס שליסט איין די געהאַלטען פאַר לאָקאַל מענעדזשערס, ביזנעס אַגענטען, אָרגאַנייזערס, פריי אַדזשאַסטערס, אָרגאַניזאַציאָנס אויסגאַבען, סטרייק בענעפיטס, הילף פאַר סטרייקער, אַנדערע אויסגאַבען און לאָיער און קאָורט עקספּענסעס, איז אויסגעגעבען געוואָרען 2,581,172 דאָלער. דערפון האָבען די אויסגאַבען פאַר הילף און עקספּענסעס צו סטרייקער אָנגעטראָפען 215,337.64 דאָלאַר; די אויסגאַבען פאַר דעם בילדונגס און פאַרוויילונג דעפּאַרטמענט פון דער גאַנצער יוניאָן האָט אָנגעטראָפען 153,927.77 דאָלאַר.

דער באַריכט ווייזט, אַז אין 1938 האָט די אינטערנעשאָנעל אויסגעגעבען 789,304 דאָלאַר מיט פינף סענט אויף הילף און ביישטייערונגען. אין דעם איז איינגעשלאָסען די 239 טויזענט 534 דאָלאַר מיט 87 סענט פאַר קראַנקען, טובערקולאָזיס און טויטען בענעפיט און 230,031.05 דאָלאַר פאַר ספּעציעלע הילף צו מיטגלידער. ביישטייערונגען צו ארבייטער און צדקה אַנשטאַלטען דורך דעם יאָר פון דער אינטערנעשאָנעל און אירע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס האָט אָנגעטראָפען 248,390.65 דאָלאַר, וועלכעס שליסט איין נאָך צוועלף טויזענד דאָלאַר וואָס די יוניאָן האָט געגעבען צו דער טעקסטיל וואָירקערס אָרגאַנייזינג קאָמיטע. אחוץ דעם האָט דער נאַציאָנאַלער אָפיס געגעבען דער אַמעריקען לייבאָר פּאַרטי 29,819 דאָלער מיט 48 סענט און די אָנגעשלאָסענע לאָקאַל יוניאָנס האָבען בייגעשטייערט צו דער פּאַרטיי אין דיוס און ביטראַגען דורך דעם יאָר די סומע פון 41,534 דאָלאַר.

רעדענדיג וועגען דעם וואָס די איינּנאַמען פון דער יוניאָן האָבען דורך 1938 איבערגעשטיגען די אויסגאַבען מיט איבער אַ מיליאָן דאָלאַר, האָט פּרעזידענט דובינסקי, וועלכער איז אויך דער סעקרעטאַר טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנעל אָנגעוויזען אַז דאָס איז צו פאַרדאַנקען דריי הויפּט פאַקטאָרען:

1) דאָס וואָס די מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען דאָס יאָר געווען מער גוטשטייענד. דאָס הייסט, זיי האָבען רעגעלמעסיגער געצאָלט זייער דיוס, וועלכעס האָט פאַרגרעסערט די איינּנאַמע פון דיוס־צאָלונגען. דאָס באַווייזט — האָט דובינסקי געזאָגט — אַז די צענדליגער טויזענדער מיטגלידער, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַן אונזער יוניאָן דורך די לעצטע עטליכע יאָר, ווערען מער יוניאָן־באַוואוסטזיניג און קומען נאָך זייערע פאַרפליכטונגען צו דער יוניאָן מער רעגעלמעסיג.

2) דער גרעסטער טייל פון דעם איבערפלוס קומט פון די פאַרגרעסערטע רעזערווען אין די ספּעציעלע פאָנדען פון דער אינטערנעשאָנעל און אירע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער טויטען בענעפיט פאָנד, וואָס די אינטערנעשאָנעל האָט איינגעפירט פאַר די מיטגלידער אין 1938, און די קראַנקען בענעפיט און טובערקולאָזיס פאָנדען פון די לאָקאַלס.

3) די סטאַביליטעט, וואָס די יוניאָן האָט דערגרייכט דורך יאָרען פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען און אַגרימענטס מיט בעלי בתים, האָט זיך געלאָזט פילען אין דער קלענערער צאָל פון גרויסע סטרייקס, וואָס מיר האָבען געמוזט פירען דורך 1938, אין פאַרגלייך מיט פריערדיגע יאָרען. דאָס האָט פיל פאַרקלענערט די סטרייק אויסגאַבען. פון דעם באַריכט קען מען זעהן אַז די סטרייק אויסגאַבען אין 1938 זיינען געווען מיט אַ קאָרגען האַלבען מיליאָן וועניגער ווי אין 1937.

אַפּיציעלע ערעפענונג פון ,יוניטי הויז׳ וועט פאַרקומען דעם ערשטען וויק־ענד אין יוני

אונאָפיציעל איז יוניטי הויז שוין אָפען זינט 23טען מאַי. — באַזונדערס גרויסע פּאַר־ברייטונגען פאַר דעקאָריישאָן־דעי. — אויסערגעוויינליך רייכע קאָנצערטען און אונ־טערהאַלטונגען ווערען צוגעגרייט פאַר דעם סעזאָן

די „יוניטי הויז", אונזער פּראַכטפולע היים אין די בלויע בערג פון פענסילוועניא, ווערט אָפּיציעל ערעפענט פאַרן סעזאָן די ערשטע וויק־ענד אין יוני. די אָפּיציעלע ערעפענונג, פאַרשפּרעכט מענעדזשער אייבראהאם עלנער, וועט דאָס יאָר זיין איינע פון די אימפּאָזאַנטסטע פייערונגען וואָס די יוניטי הויז האָט געהאַט. וואָס דאָס מיינט דאַרף מען אונזערע מעמבערס ניט דערציילען. זיי געדענקען געוויס וואָס עס הייסט אַ יוניטי הויז ערעפענונג פון די פריערדיגע יאָרען, און היי יאָר וועט עס נאָך איבערשטייגען.

איזידאָר נאַגלער, טשערמאַן פון דער יוניטי הויז קאָמיטע פון דער אינטערנעשאַנעל, מעלדעט, אַז די אָפּיציעלע ערעפענונג וועט זיך אָנהויבען פרייטאָג אָוונט דעם צווייטען יוני און וועט אָנהאַלטען שבת און זונטאָג. פאַרטרעטער פון אַלע לאָקאַלס אין ניו יאָרק און אַרומיגע שטעט וועלען קומען צו דער ערעפענונג. אויסער די זעלטען גוטע שפּייז, באַקוועמע צימערען און די אַלגעמיינע רייכקייט פון וואַלד, טייך און לאַנקע וואָס די יוניטי הויז איז שוין דערמיט באַרימט, ווערט צוגעגרייט אויסערגעוויינליכע פאַרוויילונגען און אונטערהאַלטונגען פאַר די טעג.

יוניטי הויז שוין אָפען

אומאָפיציעל, האָט זיך יוניטי הויז געעפענט מיט אַנדערטהאַלבען וואָכען פריער, דינסטאָג דעם דריי און צוואַנציגסטען מאַי. די מענעדזשמענט האָט עס געטאָן אום צו געבען אַ געלעגענהייט אונזערע מיטגלידער וועלכע ווילען האָבען אַ וואָך וואַקיישאָן און אַריינגעמען די דעקאָריישאָן דעי וויק־ענד זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט צו טאָן עס. פאַר דער וואָך איז געגעבען געוואָרען די געסט ספּעציעל ביליגע פּרייזען. ווען די שורות ווערען געשריבען איז שוין די רעזערוואַציעס פאַר דעם דעקאָריישאָן וויק־ענד פאַרפולט. און עס איז זיכער אַז די וואָס האָבען זיך ניט צוגעאיילט רעדזשיסטרירען וועלען שוין־קיין פּלאַץ ניט געפינען און וועלען מוזען אָפּלייגען זייער באַזוך היינטיגס יאָר ביז נאָך דער אָפּיציעלער ערעפענונג.

מיטגלידער וועלכע ווילען האָבען אַן אמת פאַרגעניגענדען וואַקעישאָן דורך דעם מאָנאַט יוני, דאַרפען זיך צואיילען און זיך רעדזשיסטרירען באַצייטענס. ניטאָ קיין שענערער און באַקוועמערער פּלאַץ פאַר אָפּרוען זיך קערפּערליך און גייסטיג ווי אין דער פּראַכטפולער יוניטי הויז פון אונזער אינטערנעשאַנעל. חוץ דעם זיינען די פּרייזען פיל מעסיגער ווי אין וועלכען עס איז אַנדער זומער־פּלאַץ מיט אַזוינע באַקוועמליכקייטען.

ברודער נאַגלער, דער טשערמאַן פון דער פאַרוואַלטונגס קאָמיטע, לאָזט אויך וויסען אַז דאָס יאָר איז אויך אָנגענומען געוואָרען די זעלביגע פּאָליסי וואָס לעצטעס יאָר, פאַרבאַטענדיג טיפּס אין אַלע אָפּטיילונגען.

אַרטיסטען און אונטערהאַלטער

די קאָמיטע צו אַראַנזשירען אונטערהאַלטונגען אין דער יוניטי הויז היינטיגס יאָר באַשטייט פון הערמאַן ליעבמאַן און יונה פינקעלשטיין. דאָס אַליין, גלויבען מיר, זאָגט שוין פיל וועגען די סאָרט אונטערהאַלטונגען וואָס די געסט אין יוניטי וועלען דאָס יאָר האָבען. ווי די קאָמיטע פאַרזיכערט, וועלען דאָס יאָר, אויסער די באַשטענדיגע אַרטיסטען און זינגער וואָס די יוניטי הויז שטעלט אָן פאַרן סעזאָן און וועלכע וועלען שטעלען טעאַטער שפּילען, אָפּערעטעס, ריוויוס און קאָנצערטען, וועלען אויך אויפטרעטען אַ גאַנצע רייע פון באַרימטע קינסטלער פון דער אָפּערא און בינע און ראַדיאָ סטאַרס.

צווישען די וואָס די קאָמיטע דערמאָנט זיינען: זשאַן פּיערס, ראָבערט ווידע און איזאַ קרעמער, זינגער; דער באַרימטער וויאָליניסט רודיערא דיטי, יאָשטשי היראקאַ דער יאַפּאַנעזישער קסילאָפאָניסט; דער זעלטענער גיטאַר שפּילער ווינסענטע גאָמעץ; די וויאָליניסטען מישאַ וויאָלין און אַרנאָלד עידוס און אַ צאָל באַרימטע אַרטיסטען פון דער קאָנצערט און אָפּערא בינע.

אַ האַלבער טוצען באַרימטע טענצער וועלען אויפטרעטען אין טאַנץ רעסייטעלס זיך בייטענדיג אַלע צוויי וואָכען. זיי וועלען אויך געבען אונטערריכט אין אַלערליי מאָדערנע טענץ. צווישען זיי זיינען אַננאַ סאָקאָלאָוו, לילי מעלמאַן, פּאָולין קאָנער, סאָפיע מאַסלאָוו, מרים בלעקער, צמח און אַנדערע.

עס איז נויטיג צו רעדזשיסטרירען זיך און מאַכען רעזערוואַציעס באַצייטענס. דאָס קענט איר טאָן דורך שרייבען אין יוניטי הויז, פאָרעסט פּאַרק פענסילוועניא, אָדער קומען אין ניו יאָרקער אָפיס פון דער יוניטי הויז, אין 4 וועסט 16טע סטריט. טעלעפאָן וואַטקינס 9—6868.

אַ טרייסט וואָרט די חברים ג. מ. מינקאָף.

ניטאָ קיין ווערטער אין קיין שום שפּראַך, דורך וועלכע מ׳זאָל קענען פאַרהיילען די טיפע וואונד אין אייערע הערצער דורכ׳ן טויט פון אייער יונגען קינד.

לײדער איז ניטאָ ביי וועמען צו פרעגען פאַר וואָס דער בייזער גזר איז אויסגעפאַלען אויף אייך. זיינט איר דאָך דאָס האַרץ פון דער אידישער מיטגלידערשאַפט אין אונזער דרעסמאַכער יוניאָן. שטעלט איר דאָך מיט זיך פאַר יעדען חודש מיט אייער „אויפ׳ן דרעסמאַכער פראָנט" אין אונזער אָרגאַן „די גערעכטיגקייט" דאָס ספּעציפישע אַרבייטער לעבען, און ס׳פאַרלירט זיך פאַר קיין פאַל ניט פון אייער פען די אידישע פאָלקסטימלאַכקייט. רעדט דאָך דורך אייך די אידישע צונג אין אַ אידישער אַרבייטער־צייטונג צו אונז, אידישע אַרבייטער, נאָך וועלכען מיר בענקען אַזוי פון חודש צו חודש. פאַר וואָס קומט אייך דער ווייטאָג און די פּיין?

ניטאָ ביי וועמען צו פרעגען. ניט איר אַליין, חבר און חברה מינקאָף, זיינט געטראָפען. מיר אַלע, אידישע אַרבייטער, טיילען אייער צער.

הערשל, פּיגע קליינפעלד.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6868

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 6. June, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 26, 1919.

זומער טעטיגקייטען פון אונזער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט

פון פאַניאַ מ. קאָהען

מיר האָבען ניט פאַרגעסען

אַ גרופּע יונגע ארבייטער, מיטגלידער פון זעכצען לאָקאַל יוניאָנס אין ניו יאָרק און אַרומיגע שטעט, וועלכע האָבען מיט זיך רעפּרעזענטירט אַ קוואָר־שניט פון אונזער מיטגלידערשאַפט, האָבען שבת דעם זעקסטען מאַי באַזוכט דעם ברודער קבר פון די טרייענגעל קרבנות אויף עווערגרין סעמעטערי.

דער איינדרוקספולער מאָנומענט וואָס דערהויבט זיך איבער דעם געמיינשאַפטליכען קבר פון אונזערע מאַרטירער, האָט געמאַכט אַן אומפאַרגעסליכען איינדרוק אויף די יונגע מיטגלידער אונזערע. מיט געבויגענע קעפּ זיינען זיי געשטאַנען ווען עס איז אָוועקגעלייגט געוואָרען אַ קראַנץ בלומען ביים מאָנומענט מיט דעם אויפשריפט: „פאַר די קרבנות פון טרייענגעל פייער, אומגעקומען מאַרטש דעם 25טען 1911; דער אינטערנעשאָנאַל סטודענטען פאַרבאַנד פאַרגעסט ניט אונזערע קרבנות און מאַרטירער". דער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט האָט גענומען מאָווי בילדער פון דער סצענע און דאָס וועט איינגעשלאָסען ווערען אין דעם בילד וואָס ווערט איצט צוגעגרייט אונטערן טיטעל „דער אינטערנעשאָנעל סטודענטען פאַרבאַנד אין אַקציע".

טעאַטער פּאַרטיס פאַר „פּינס און נידעלס"

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען איצט אַ געלעגענהייט צו זען „פּינס און נידעלס" מיט די נייע סקעטשעס וואָס זיינען צוגעגעבען געוואָרען דאָס יאָר, אויף רעדוצירטע פּרייזען, דורך אַנשליסען זיך אַן די טעאַטער פּאַרטיס וואָס די סטודענט פעלאָושיפּ אַראַנזשירט. פאַר אינפאָרמאַציע און טיקעטס שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט דעם עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט אין אינטערנעשאָנעל אָפיס.

שפּאַצירען און אויספלוגען

אַן אַרויספאָר ווערט אַראַנזשירט פון דעם סטודענטען פאַרבאַנד צוזאַמען מיטן עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט פאַר זונטאָג דעם פערטען יוני האַלב נאָך צען אין דער פרי נאָך האַליס, לאָנג איילאַנד. מיר פאַרזיכערען אייך אַז איר וועט זיך דאָרט גוט אַמוזירען. מאָווי בילדער וועלען דאָרט גענומען ווערען פאַר דעם סטודענטען בילד וואָס מיר האָבען פריער דערמאָנט.

צו קומען צום פּלאַץ, נעמט די אַכטע עוועניו סאָבוועי אָדער די „בי עם טי", די טרעין וואָס גייט נאָך דזשעמעיקא און סטאָפּט אויף סוטפין בולוואַרד. נעמט דאָרט דעם באָס צו ספּרינגפילד בולוואַרד. דער פּירער פון דעם שפּאַציר וועט אייך דאָרט באַגעגענען האַלב נאָך צען.

פאַר איינצעלהייטען פרעגט אַן אין עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

איסט מאַנהעטען סענטער נאָך אָפען

אויפן פאַרלאַנג פון גרופּען מיטגלידער האָבען מיר באַשלאָסען צו האַלטען אָפען און אָנהאַלטען די טעטיגקייטען פון אונזער איסט מאַנהעטען סאָשעל־עדיוקיישאָנאַל סענטער.

דער פּלאַץ איז די דזשוליאַ ריטשמאַן היי־סקול, 68טע סטריט און צווייטע עוועניו, יעדען דאָנערשטאָג פון אַ פערטעל צו 6 פאַרנאַכט ביז 10 אין אָוונט. ערפאַרענע לערער גיבען אונטערריכט אין טאַנצען, בעסקעט באָל, קאַלעסטעניקס און שווימען. דיסקוסיעס ווערען געפירט איבער טאָג־נייעס. איינטריט פאַר מיטגלידער פון אינטערנעשאָנאַל איז פריי. לאָזט וויסען וועגען דעם אייערע פריינד און חברים.

טרויער רעזאָלוציע.

מיר, די אַרבייטער פון בעקער און שעכטער, 1875 בראָדוויי, דריקען אויס אונזער טיפסטען טרויער אויפ׳ן פריצייטיגען טויט פון סאול מינקאָף, איינציגער זון פון אונזער אַלעמענס באַליבטען עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון אונזער יוניאָן, נעטעניעל מינקאָף.

שווער צו געפינען ווערטער פון טרייסט אויפ׳ן שרעקליכען פאַרלוסט פון ברודער מינקאָף און זיין פרוי.

זאָל דער טיפער מיטגעפיל פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אונזער יוניאָן זיין פאַר זיי אַ טרייסט אין זייערע שווערע טעג פון טיפען טרויער.

פ. קראַטין, שאַפּ טשערמאַן; ס. לערנער; ל. שניצער, שאַפּ קאָמיטע; ה. הימער.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 7 — Jersey City, N. J., July, 1939 — Price 10 Cents

נאך די וואלען אין לאקאל 117.

לאקאל 117 האט דורך די וואהלען, וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, דעם 17טען יוני, באקומען א נייע אדמיניסטראציע. עס איז געווען א שטורעמדיגער וואהל־קאמף און די אפאזיציע צו דער פריהערדיגער אדמיניסטראציע האט געזיגט מיט א גאנץ באדייטענדער מאיאריטעט. זי האט ערוועהלט אירע קאנדידאטען פאר מענעדזשער און טשערמאן פון לאקאל; זי האט ערוועהלט צוויי־דריטעל פון אירע קאנדידאטען אין דער עקזעקוטיווע און האט ערוועהלט 14 פון די 24 ביזנעס־אגענטען, וואס דער לאקאל באשעפטיגט.

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער וואהל־קאמף איז געווען א שטורעמדיגער, באזונדערס די לעצטע טעג, זיינען דאך די וואהלען דורכגעפירט געווארען אויף דעם בעסטען, שענסטען און ערליכסטען אופן. דאס גיבען צו ביידע צדדים, סאי די זיגער, סאי די באזיגטע. און ביידע צדדים גיבען אויך צו, אז דאס איז געווען א דאנק פרעזידענט דובינסקי'ס באמיהונגען און דעם אינטערעס, וואס ער האט גענומען, אז די וואהלען זאלען דורכגעפירט ווערען אין דער בעסטער ארדנונג. עס זיינען געווען אמת'ע דעמאקראטישע און ערליכע וואהלען — דאס איז די איינשטימיגע מיינונג פון אלע מיטגלידער פון לאקאל 117, וואס האבען אנטייל גענומען אין די וואהלען. און עס האבען דאס מאל אנטייל גענומען א גאנץ גרויסע צאל. עס איז דאכט זיך דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון די קלאוק אפערייטארס יוניאן, אז אזא גרויסע צאל מיטגלידער זאלען אנטייל נעמען אין די וואהלען.

אט די אונגעוויינליך גרויסע באטייליגונג אין די וואהלען דערציילט אהן ווערטער ווי שטארק די מיטגלידער פון לאקאל 117 זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דעם לעצטען וואהל־קאמף.

מיר ווילען דא ניט פראבירען זיך פונאנדערקלייבען וואס עס איז געווען די וויכטיגסטע אישו אין דעם וואהל־קאמף, וואס האט אמשטארקסטען פאראינטערעסירט די קלאוק אפערייטארס. מיר נעמען גיכער אן, אז ניט ביי אלע מיטגלידער פון דער אפאזיציע, וואס האבען זיך באטייליגט אין דער אפשטימונג, איז געווען איין און די זעלביגע אישו, וואס האט זיי געבראכט צו שטימען געגען דער פריהערדיגער אדמיניסטראציע. איין זאך איז אבער קלאר און זיכער, אז די גרויסע מאיאריטעט פון די, וואס זיינען געקומען שטימען, האבען געוואלט מאכען אן ענדערונג אין דער פירונג פון דער יוניאן און אוועקשטעלען נייע מענשען ביים רודער, וואס זאלען די ענדערונג דורכפירען. און דער עיקר פון אלע ענדערונגען אין דער יוניאן וואס אלע ארבייטער ווילען, איז, אז עס זאל בעסער ווערען זייער לאגע — זיי זאלען האבען מער ארבייט, גרעסערע פארדינסטען, בעסערע באהאנדלונג פון די באלעבאטים און א מער זיכערען לעבען. זיי זיינען בארעכטיגט עס צו ווילען און זיי דארפען עס ווילען.

עס איז פאר אונז איבעריג צו דערמאנען, אז די לאגע פון די קלאוקמאכער אין די לעצטע יארען איז זייער א געדריקטע און אז זי איז געווארען וואס ווייטער אלץ ערגער. מיר ווילען האפען, אז די נייע פירערשאפט און פארוואלטונג פון לאקאל 117, וואס זיינען איצט געוויילט געווארען, וועלען געפינען מיטלען ווי אזוי די לאגע צו פארבעסערען און וועלען אנשטרענגען אלע זייערע פעאיגקייטען און כוחות עס צו פארווירקליכען. אבער מיר ווילען דערביי אויך האפען, אז די פירער און די אנהענגער פון דער פריהערדיגער אדמיניסטראציע וועלען אויפריכטיג מיטהעלפען די ניי־געוויילטע דורכצופירען זייערע פלענער, וועלכע קענען, לויט ווי זיי דענקען, פארבעסערען די לאגע פון די קלאוקמאכער.

מעגען עקזיסטירען מיינונגס־פארשידענהייטען וועגען דער פירונג פון דער יוניאן, וועגען די פאסענדסטע און פייאיגסטע מענשען, וואס דארפען שטיין ביים רודער פון דער עניאן, אבער די יוניאן איז איינע און די אינטערעסען פון די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען איינע. און איצט, ווען דער וואהלקאמף איז פארענדיגט און די וואהלען זיינען פאריבער, דארפען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן האבען איין געדאנק אין קאפ און איין ציל פאר די אויגען, צו פארבעסערען דעם צושטאנד פון טרעיד, און דאס קען דערגרייכט ווערען דורך אלגעמיינער און געמיינשאפטליכער אנשטרענגונג.

די קלאוק אפערייטארס זיינען אמאל געווען די בעסט־באצאלטע אין טרעיד. עס איז געוויס ניט די שולד פון די אפערייטארס, וואס זייער לאגע האט זיך מיט דער צייט אזוי שטארק פארערגערט. עס זיינען געווען א גאנצע רייע אומשטענדען, וואס האבען פארערגערט די לאגע אין קלאוק טרעיד. עס זיינען פארגעקומען ענדערונגען אין אלע אנדערע אינדוסטריעס און עס זיינען אויך פארגעקומען ענדערונגען אין דער קלאוק אינדוסטריע. דערצו דער לאנגער קריזיס, וואס וויל ניט אויפהערען. עס האט זיך אפגעדוכט אויף א ווילע, אז דער קריזיס מיט זיין גרויסער ארבייטסלאזיגקייט האלט אין פארשווינדען, אבער מען האט זיך אפגענארט. די ארבייטסלאזע ארמיי איז נאך אלץ ריזיג גרויס און דאס מיינט, אז דער קריזיס האלט אן, און אז די קלאוקמאכער זיינען צווישען די, וואס ליידען אמשטארקסטען פון אים איז ניט נויטיג צו דערציילען.

אין אזא צייט און אונטער אזעלכע אומשטענדען נויטיגט זיך א באזונדערע אנשטרענגונג פון אלע כוחות צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין קלאוק טרעיד.

די קלאוקמאכער האבען אלע מאל געהאט א סך שווערע פראבלעמען אין זייער טרעיד. איצט זיינען זיי נאך מער און נאך שווערער. צו די אלטע זיינען צוגעקומען נייע. מיר האפען דעריבער, אז אלע כוחות פון לאקאל 117 וועלען זיין פאראייניגט אין דעם קאמף צו פארבעסערען דעם גורל פון די קלאוקמאכער אין דער איצטיגער שווערער צייט.

♣

דער ערפאלגרייכער ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין דער דרעסמאכער יוניאן

די דרעסמאכער יוניאן האט אין איר לעצטען ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס זי האט אונטערנומען סוף אפריל, אונטערגעשריבען 200 פירמעס. און דער קאמפיין איז נאך ניט פארענדיגט. אייגענטליך ווערט אן ארגאניזאציאנס קאמפיין קיין מאל ניט פארענדיגט, ער ווערט שטענדיג פארטגעזעצט, נאר א מאל מיט מער אימפעט און א מאל מיט ווייניגער. שוין דער פאקט אליין, וואס אין אזא גוט ארגאניזירטע אינדוסטריע ווי די דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק, האבען זיך נאך אלץ געפונען אזוי פיל דרעס פירמעס, וואס זיינען ניט געשטאנען אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן, באווייזט, אז ארגאניזאציאנס ארבייט אין א יוניאן האט ניט קיין גרענעצען. עס איז אן ארבייט וואס קען קיין מאל ניט אפגעשטעלט ווערען.

דער לעצטער גרויסער ארגאניזאציאנס קאמפיין פון דער דרעסמאכער יוניאן באווייזט אבער נאך וואס. ער באווייזט וועלכע גרויסע שוועריגקייטען עס ליגען אויף דעם וועג פון אונזערע יוניאנס צו ארגאניזירען די אינדוסטריעס, מיט וועלכע זיי זיינען פארבונדען. עס איז דאך ניט קיין צופאל, וואס אין דעם אזוי גוט־ארגאניזירטען דרעס טרעיד פון ניו יארק זאלען זיך קענען געפינען אזוי פיל דרעס פירמעס, וואס האבען אויסגעמידען די קאנטראל פון דער יוניאן.

איז עס מעגליך, אז די יוניאן האט ניט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ? דאס זיכער ניט. זייער צאל איז א צו גרויסע, אז דאס אויג פון דער יוניאן זאל זיי ניט קענען באמערקען.

עס זיינען די גרויסע שוועריגקייטען, וואס זיינען פארבונדען מיט ארגאניזירען אט די פירמעס, וואס שטעהען אין וועג פון דער יוניאן. און ניט בלויז די גרויסע שוועריגקייטען זיי צו ארגאניזירען, נאר אויך די גרויסע שוועריגקייטען זיי צו האלטען ארגאניזירט, ווען מען קריגט זיי שוין.

אין דעם פאריגען נומער „גערעכטיגקייט" איז פאראן א באשרייבונג פון די שוועריגקייטען וואס די דרעסמאכער יוניאן האט באגעגענט אין איר וועג צו ארגאניזירען די דערמאנטע פירמעס. עס זיינען צווישען זיי געווען דזשאבערס, מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס. און אט איז וואס עס ווערט דערציילט וועגען זיי:

„די דזשאבערס זיינען מערסטענס אזעלכע וואס האבען אין ניו יארק בלויז אן אפיס מיט א שאו־רום. מאנכע פון זיי האבען א פאר סעמפעל מאכער. זייער מערסטע ארבייט ווערט געמאכט אין קאנטראקטינג שעפער אוט או טאון. סטרייקען אזא דזשאבער איז א גאנץ שווערע אויפגאבע. אין ניו יארק איז נישטא וועמען ארונטערצונעמען פון דער ארבייט ביי אזא דזשאבער. עס איז מערסטענס אן ארבייט פון יאגען זיך נאך די באנדלאך, אויסגעפינען וואו זיי ווערען געמאכט, ניט לאזען זיי דעליווערען. מען מוז היטען די שאו־רומס טאג און נאכט.

נאך ערגער איז עס מיט די קלענערע פירמעס וואס פארפעסטען די דרעס אינדוסטרי. א נייער סארט סוועט שעפער האט זיך לעצטענס ענטוויקעלט אין דרעס טרייד. סוועט שעפער 1939 מאדעל. ווען מען גייט פארביי די הויכע מאדערנע געביידעס אויף דער 35טער סטריט קען זיך איינעם אויסדוכטען אז מען האט דא צו טאן מיט גרויסע מאנופעקטשורערס. גייט איר אבער אריין אינעווייניג, געפינט איר אויס אז יעדער פלאר איז צעטיילט אין א טוצען צימערלאך און יעדער צימערעל אין א מין דרעס שאפ רחמנא לצלן. א שאפ מיט דריי, פיר, פינף מאשינקעס. דער באס אליין איז דער צושניידער. אמאל זיינען עס צוויי פארטנערס. אין גאנצען שאפ זיינען דא צוויי־דריי געדונגענע בעל מלאכות. דער באס אליין גייט צו אדער פארט צו מיט זיין מאשינקע צו א סקעב־דזשאבער און טראגט ארויס א באנדעל מלאכה אונטערן ארעם. ער אליין ברענגט אויך די פארטיגע דרעסקעס אין א פעקעל. סטרייקט איר אזוינעם מאכט ער צו די שאפקע און ווערט נעלם. אין א וואך ארום וואקסט ער ארויס ווי א גיפטיגע שוואם אויף פארפעסטען באדען ערגע אנדערש אין זעלבען בלאק אדער מיט א בלאק ווייטער. די יוניאן דארף זיי נאכפאלגען. עס פאדערט זיך אן אמת'ע „אינטעלידזשענס סוירוויס", א מין דעטעקטיוו ביורא פון שערלאק האלמס צו קענען זיי נאכהאלטען.

קליין אבער ווי די שאפקעס זיינען, זיינען זיי אבער טויטליך פאר דער אינדוסטרי און פאר די אויסגעקעמפטע סטאנדארדס פון די ארבייטער. ווי די מיקראבען אטאקירען זיי דעם גאנצען ארגאניזם און אויב מען זאל זיי צורו לאזען פאראורזאכען זיי א חורבן."

דאס זיינען צושטענדע, מיט וועלכע עס איז שווער צו קעמפען און ניט אלע מאל איז די יוניאן אימשטאנד זיך אריינצולאזען אין אזא קאמף. עס איז אן אלטער כלל, אז עס איז לייכטער צו פירען א קאמף געגען וועלף און בערען, איידער געגען אינזעקטען. און ווען מען ווערט באקאנט מיט די גרויסע שוועריגקייטען, וואס די דרעסמאכער יוניאן האט געהאט אין איר וועג אין איר לעצטען ארגאניזאציאנס־קאמפיין קען מען איצט ריכטיג אפשא־